STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11369

DERTSEYL MIR A MAYSE

Nissan Mindel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דערציייל מיר אַ מעשה

דערציילט מיר אַ מעשה

געקליבענע דערציילונגען

— ערשטער באַנד —

דערציילט פון

ניסן מינדעל

אילוסטרירט פון

זלמן קליימן

„מרכז לעניני חינוך"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה

שנת הקהל

Copyright © 1988
NISSAN MINDEL

Published by
MERKOS L'INYONEI CHINUCH
770 Eastern Parkway, Brooklyn, New York 11213
Tel.: (718) 493-9250 • 774-4000

Library of Congress Cataloging-in-Publication Data

Mindel, Nissan.
Dertseyl mir a mayśe.
Yiddish.
Stories.
Translation of: The Storyteller.
Bibliography: p.
Includes index.
Summary: A collection of Hasidic legends and and tales dealing with traditional holidays and other aspects of Jewish history and experience.
1. Hasidim--Legends--Juvenile literature. 2. Parables, Jewish--Juvenile literature. 3. Fasts and feasts--Judaism--Juvenile literature. [1. Folklore, Jewish. 2. Fasts and feasts--Judaism. 3. Yiddish language materials]. I. Title.
BM532.M5618 1988 296.1'9 88-12796
ISBN 0-8266-0385-8 (set)
ISBN 0-8266-0386-6 (v. 1)

Printed in the U.S.A.

נסדר בדפוס "עמפייער פרעסס"
ע"י מרדכי ליב בן פיגא
EMPIRE PRESS
550 EMPIRE BLVD. • BROOKLYN, N.Y. • (718) 756-1473

אינהאַלט

הקדמה VII

לכבוד שבת און יום־טוב

די מלכּה שבת האָט געהאָלפן 3
דער הונגעריקער פּסח 8
אליהו הנביא׳ס כּוס 15
אין זכות פון תיקון־ליל־שבועות 22
דעם כּותל המערבי 29
דער מערקווירדיקער שופר 35
די סוכּה האָט געראַטעוועט 41
אַ שמחת־תורה אין סיביר 45
„הנרות הללו" פון אַ בעל־עגלה 50
די פּורים שפּילער 56

צדיקים און גוטע־אידן

די לייבן האָבן זיך דערשראָקן 63
דער בעש"ט און די נשמה 68
אַ כּלי אויף ברכה 73
דער דאָקטאָר און דער חולה 78
אַן אומדערוואַרטעטע באַגעגעניש 81
דער שפּיאָן האָט זיך ניט פאַרלאָרן 89
צוליב אַן אָקס און אַ שעפּס 95
דריי דין־תורה׳ס 100
דער בעטלער־פּריץ 105
אַ מעשה מיט אַ שטרויענעם לייב 111
דער קיסר און דער קבלן 117
געלט דאַרף זאַלץ 122

תשובה און מעשים טובים

פּעדערן אין ווינט 129

דער שפּיגל 136
דער ערלעכער גנב 141
אַ דין תורה מיט דעם אויבערשטן 148
אַז עס קומט דער באַשערטער 154
דער קדיש 161
דער גביר מיט דער טאַרבע 167
פאַרבלאָנדזשעטע נשמות 180
די זילבערנע מטבע 185
האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה 199
דער קדוש פון מעץ 209

פון ווייטע לענדער

די רעטונג 217
אַ האַרץ איז אַ שפּיגל 229
דער דאָקטאָר 235
דער בעל־יועץ 242
דער שטיין איז אַן עדות 249

האַלאָוועשקעס פון פייער

אין זכות פון תפילין 255
דער באַגנעט אין גולם׳ס קבר 267

הקדמה

דערציייל מיר אַ מעשה דערשיינט אַלס ערשטער באַנד פון געקליבענע דערציילונגען, וועלכע דערשיינען אין דעם באַקאַנטן מאָנאַטלעכן זשורנאַל שמועסן מיט קינדער און יוגנט, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון „מרכז לענייני חינוך" אונטער דער רעדאַקציע פון דעם מחבר, זינט חנוכה, ה'תש"ב (1941).

די שמועסן דערשיינען גלייכצייטיק אויך אין ענגליש, אונטערן נאָמען Talks and Tales. לכבוד דעם פערציקסטן יאָר פון דער־שיינונג — אין 1981 — איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די ערשטע זאַמ־לונג פון דערציילונגען אין ענגליש, אונטערן נאָמען „דער סטאָרי־טעלער". זינט דאַן זיינען ביז היינט אַרויסגעגעבן געוואָרן דריי בענ־דער פון „סטאָריטעלער". די דריי בענדער סיפורים זיינען אויפגע־נומען געוואָרן מיט גרויס פרייד און זיינען צעכאַפּט געוואָרן אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצע צייט, אַזוי אַז עס איז געווען נויטיק אַרויסצוגעבן צווייטע אויפלאַגעס.

דערציייל מיר אַ מעשה, ערשטער באַנד, אַנטהאַלט די זעלבע סיפורים וועלכע זיינען דערשינען אין דעם ערשטן באַנד פון „סטאָריטעלער. לויט דעם ענגלישן מוסטער, זיינען די סיפורים איינ־געטיילט אין פינף אָפּטיילונגען: לכבוד שבת און יום־טוב; צדיקים און גוטע־אידן; תשובה און מעשים טובים; פון ווייטע לענדער; האַלאָוועשקעס פון פייער.

עס איז נאַטירלעך, אַז בשעת מ'לייענט אָדער מ'הערט אַ מעשה, בפרט אַן אויסערגעוויינלעכע אָדער וואונדערלעכע מעשה, ווילט זיך וויסן, צי ס'איז אַן אמת'דיקע מעשה, צי האָט עס טאַקע אַזוי פּאַ־סירט. איז דער ענטפער (בנוגע די סיפורים וועלכע דערשיינען אין דעם ספר) אַזוי: ס'רוב סיפורים וועגן צדיקים, נסתרים, גדולי ישראל אד"ג שטאַמען, בכלל, פון פאַרלעסלעכע קוועלן; אַ טייל סיפורים זיינען שוין דערשינען אַמאָל אין ווייניק־באַקאַנטע מעשה־ביכלעך,

און זיינען דאָ איבערדערציילט און באַרבעט געוואָרן; אַ טייל סיפּורים שטעלן מיט זיך פאָר פערזענלעכע איבערלעבונגען הינטער דעם „אייזערנעם פאָרהאַנג״, אָדער איבערלעבונגען וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דעם לעצטן חורבן, אד״ג; דאָ און דאָרט דערשיינט אַן אָריגינעלע דערציילונג, וואָס האָט ניט דווקא פּאַסירט געווי אַזוי, אָבער האָט געקענט פּאַסירן.

דער צד השוה פון אַלע דערציילונגען — און דאָס איז דער עיקר, — איז וואָס זיי אַלע אַנטהאַלטן אַ מוסר־השכל און גוטע השפעה אין גייסט פון תורה און אמונה, און, בפרט, אַרויסצו־ברענגען און פאַרשטאַרקען ביים לייענער, סיי יונגע סיי דערוואַק־סענע, די גוטע מידות מיט וועלכע יעדע אידישע נשמה איז באַ־זעלט, אין אַן אופן אַז זיי זאָלן זיך אויסדריקן בפועל אין דער פולסטער מאָס אין דער טאָג־טעגלעכער הנהגה.

און ווען אַ קינד וועט זאָגן צום טאַטען אָדער די מאַמען: „דער־ציילן מיר אַ מעשה״, וועלן זיי ווייט ניט דאַרפן זוכן; זיי וועלן תיכף געפינען אַ פּאַסנדע, אינטערעסאַנטע, פאַרכאַפּנדע און השפעה׳דיקע מעשה אין דעם דאָזיקן ספר, סיי שבת, סיי יום־טוב, סיי פורים אָדער חנוכה, סיי אין אַ וואָכנטאָג.

לייענט און האָט הנאה!

ניסן מינדעל

ניסן, ה׳תשמ״ח.

דערציייל מיר אַ מעשה

לכבוד שבת און יום־טוב

די מלכה שבת האָט געהאָלפן

א.

אין אַ קליין שטעטל לעבן קאָוונע האָט מיט איבער הונדערט יאָר צוריק געלעבט אַ בכבוד׳יקער איד, אַ גרויסער למדן און ירא שמים. דער נאָמען פון דעם אידן איז אונז נישט באַקאַנט, אָבער מיר וועלן אים אַ נאָמען געבן ר׳ יוסף. ר׳ יוסף איז געווען אַ קרעטשמער. זיין גאַסט־הויז האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען, און דאָרט פלעגן זיך אָפט צונויפקומען די פוילישע פריצים און רייכע לייט פון אומגעגנט צו טרינקען משקה און עסן געשמאַקע אידישע מאכלים און פאַרברייגגען. ר׳ יוסף האָט געהאַט פרנסה בשפע. ער האָט קובע געווען צו לערנען תורה אַלע טאָג, און האָט געהאַט אַ שיינעם נאָמען ביי אַלעמען — אידן און אויך, להבדיל, גויים.

ויהי היום, ס׳איז געווען נאָך דעם באַרימטן „פוילישן אויפשטאַנד״ אין יאָר ה׳תקצ״ד (1831), ווען די רוסישע חיילות, האָבן זיך אומגע־קערט פון וואַרשע, האָט זיך אין דער דאָזיקער שטעטל אָפגעשטעלט אַ רוסישער גענעראַל מיט אַ פאָלק סאָלדאַטן. ער איז גראַדע אָנגעקומען פרייטיק־צו־נאַכט, ווען אין די אידישע הייזער אין שטעטל האָבן שוין געברענט די שבת־ליכט. דעם גענעראַל האָט זיך פאַרוועלט אַ גלעזל וויין און ער האָט זיך גענומען נאָכפרעגן וואו מ׳קען קויפן וויין. מ׳האָט אים געענטפערט אַז ר׳ יוסף דעם קרעטשמער׳ס וויין האָט אַ נאָמען אין גאַנצן געגנד.

דער גענעראַל האָט ניט לאַנג געטראַכט און געשיקט זיין אַדיו־טאַנט צום אידישן שענקער צו קויפן אַ פלאַש וויין. אַ ווײַלע שפּעטער איז דער שליח געקומען צוריק מיט ליידיקע הענט. „דער שענקער האָט געזאָגט אַז ס׳איז באַ אים יעצט שבת, און אַז ער קען אום שבת ניט האַנדלען״, האָט ער מיטגעטיילט.

דער גענעראַל איז געוואָרן זייער אויפגעבראַכט. ער האָט גלייך

געשיקט צום אידישן שענקער צוויי סאָלדאַטן מיט אַ באַפעל דער שענ־קער זאָל תיכף פאַרקויפן אַ פלאַש וויין פאַרן גענעראַל, אויב ס׳לעבן איז אים טייער.

אַ ווײַלע שפּעטער זײַנען די סאָלדאַטן געקומען צוריק. קיין וויין האָבן זיי טאַקע ניט געבראַכט, אָבער אַנשטאָט דעם האָבן זיי געבראַכט אַ שליסל.

„וואו איז דער וויין?״ האָט דער גענעראַל געשריִען מלא־חמה.

„דער איד האָט געזאָגט, אַז אַזוי ווי ס׳איז באַ אים שבת, איז אים פאַרבאָטן צו האַנדלען, קויפן אָדער פאַרקויפן וועלכע ניט איז סחורה. די איינציקע זאַך וואָס ער קען טאָן, האָט ער געזאָגט, איז איבערצוגעבן דעם גענעראַל דעם שליסל פון וויין־קעלער, און זאָל זיך דער גענע־ראַל נעמען וויפיל וויין ער וויל. פאַרקויפן אום שבת וועט אים דער שיינקער בשום אופן ניט!״

דעם גענעראַל׳ס כּעס האָט זיך גענומען אויסוועפּן, און אַנשטאָט דעם האָט ער זיך גענומען אָנפילן מיט באַוואונדערונג: „אַ מאָדנער איד״, האָט ער געטראַכט, „וויל מיר ניט פאַרקויפן אַ פלאַש וויין, אָבער איז גרייט מיר אָוועקצוגעבן זיין גאַנצן וויין־קעלער אומזיסט! פון וואַנעט נעמט זיך באַ אַ אידל אַזויפיל חוצפּה? אָדער ריכטיקער, אפשר — אַזוי־פיל מוט? איך מוז אים אַליין זען!״

געטראַכט און געטאָן.

ב.

אַרייַנקומענדיק צום אידן אין הויז, איז דער גענעראַל געבליבן שטיין באַ דער טיר אין גרויס אַנטציקונג. די ליכטיקייט, די שבת־ליכט אויפ׳ן טיש, אויף אַ צאַרט־ווייסן טישטוך, געדעקט מיט שיינע געשיר און געשמאַקפולע מאכלים. ר׳ יוסף און זיין פרוי און קינדער אָנגעטאָן אין זייערע בעסטע שבת־בגדים, די קדושה וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף אַלעמענ׳ס געזיכטער און אין יעדן ווינקעלע פון שטוב — דאָס אַלעס האָט געמאַכט אויף דעם גענעראַל אַ טיפן איינדרוק. ער האָט גע־פילט אַז ער געפינט זיך אין אַ נייע אומבאַקאַנטע וועלט, אַ וועלט פון קדושה און טהרה...

ר׳ יוסף איז אים אַרויס אַנטקעגן און געבעטן צום טיש.

דער גענעראַל, וועלכער איז לכתחילה אַריין מיט דער דעה צו מאַכן אַ שטורם און „אַנלערנען״ דעם אידן, האָט געלאַסן און מיט גרויס דרך־ארץ געפרעגט דעם אידן, ווי קומט עס וואָס ער האָט ניט געוואָלט פאַרקויפן אַ פלאַש וויין צו אים — אַ גענעראַל פון העכסטן אַדל און ראַנג!

„ס׳איז פאַראַן אַ ג־ט וועלכער שטייט העכער פון אַלע גענעראַלן און מלכים״, האָט אים ר׳ יוסף געגעבן צו ערקלערן, „דער מלך מלכי המלכים, דער האַר פון דער וועלט, פאַרבאָט מיך צו האַנדלען אום שבת. אָבער יעצט, אַז דער הויך־געשעצטער גענעראַל האָט מיר פאַרשאַפט דעם גרויסן כבוד פון אַ פערזענלעכן באַזוך, וועל איך זיך שעצן גליק־לעך ווען איך קען מיין חשוב׳ן אורח מכבד זיין מיט דאָס בעסטע און שענסטע וואָס איך האָב. הכנסת־אורחים איז באַ אונז אידן אַ גרויסע מצוה. וואָס פאַר אַ וויין געפעלט מיין האַר? איך וועל הייסן גלייך ברייג־גען. אָבער — ניט אַלס קונה, נאָר אַלס אורח״, האָט ר׳ יוסף פאַר־ענדיקט.

דער גענעראַל איז נאָך מער דערשטוינט געוואָרן הערנדיק די קלוגע און איידעלע ווערטער פון דעם אידן. ער האָט זיך גערן געזעצט צום טיש און האָט מיט גרויס געשמאַק געגעסן די פיינע שבת־מאכלים — געפילטע פיש, און קוגל און געבראַטענע הון און כל טוב, און פאַר־טרונקען מיט דעם בעסטן וויין.

פאַר׳ן אַוועקגיין האָט דער גענעראַל אַרויסגענומען אַ הויפן גאָל־דענע מטבעות און געבעטן ר׳ יוסף׳ן אָננעמען אַלס פרייז פון דעם הער־לעכן מאָלצייט. ר׳ יוסף האָט זיך אָבער קאַטעגאָריש אָנטזאָגט. „איך האָב דאָך פריער אויסגערעדט מיט אייך, אַז איך קען אייך נאָר מכבד זיין אַלס אורח, און ניט אַלס קונה״, האָט ער געזאָגט.

דער גענעראַל האָט אַרויסגענומען אַ קליינעם ביכעלע און פאַר־שריבן ר׳ יוסף׳ס נאָמען און אַדרעס. ער האָט דאַן וואַרעם געדריקט ר׳ יוסף׳ס האַנט און איז אַוועק אַהיים אַ צופרידענער און גליקלעכער.

ג.

עטלעכע יאָר שפּעטער זיינען פּלוצלונג געקומען זשאַנדאַרמען און האָבן אַרעסטירט ר׳ יוסף׳ן. אין אַ שוואַרצן וואָגן, אין קייטן, האָט מען אים אַוועקגעפירט קיין ווילנא, ווי אַ געפערלעכן פאַרברעכער.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אָנפירער פון די פּוילישע בונטאָווששיקעס, פּאַן קאַנאַרסקי, איז געכאַפּט געוואָרן, האָט מען צווישן זיינע פּאַפּירן געפונען, אַז ער פלעגט זיך צוזאַמענטרעפן מיט פּוילישע פּריצים באַ דעם אידישן שיינקער ר׳ יוסף. ניט אַנדערש, האָט מען דערפון געדרונגען, אַז דער איד איז אויך פאַרמישט אין דער קאָנס־פּיראַציע.

עס האָט ר׳ יוסף׳ן געדראָט אַ געפערלעכע שטראָף, און עס וואָלט זיך אויך אָפּגערופן אויפ׳ן גורל פון אַלע אידן אין רוסלאַנד. קיין שתדלנות האָט ניט געהאָלפן, און ר׳ יוסף איז געזעסן אין תּפיסה וואַרטנדיק אויף זיין משפּט, וואָס וואָלט אים זיכער געבראַכט טויט־שטראָף.

זיצט ר׳ יוסף אין תּפיסה און מיט טרערן אין די אויגן זאָגט תּהלים מיט גרויס כוונה. פּלוצלונג עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ הויכער באַאַמטער, דער הויפּט אינספּעקטאָר פון תּפיסות אין רוסלאַנד.

די טרערן וועלכע זיינען געשטאַנען אין ר׳ יוסף׳ס אויגן האָבן אים געשטערט צו דערקענען דעם הויכן באַאַמטן, אָבער דער האָט אים גלייך דערקענט. ער איז צוגעגאַנגען צו אים דערלאַנגנדיק אים די האַנט. „וואָס טוסטו דאָ, מיין פריינד?״ האָט אים דער אינספּעקטאָר געפרעגט מיט גרויס פאַרוואונדערונג.

יעצט האָט אים אויך ר׳ יוסף דערקענט. דאָס איז געווען יענער גענעראַל וואָס האָט באַ אים פאַרבראַכט פרייטיק־צו־נאַכט. ער איז אונטער דער צייט דערהויבן געוואָרן צום הויכן אַמט פון גענעראַל־אינספּעקטאָר פון אַלע תּפיסות אין רוסלאַנד, און האָט יעצט געמאַכט אַן אינספּעקציע־רייזע.

„איך הויב ניט אָן צו וויסן״, האָט אים ר׳ יוסף געענטפערט. „אָבער דאָס קען איך זיכער זאָגן אַז כ׳בין אומשולדיק ווי אַ קינד״.

„אין דעם צווייפל איך ניט״, האָט אים דער אינספּעקטאָר פאַר־זיכערט. „אָבער זאָרג זיך ניט מיין פריינט. איך וועל שוין זען אַז מ׳זאָל דיך באַלד באַפרייען. עס פרייט מיר צו האָבן אַ געלעגנהייט צו באַצאָלן מיט פריינדלעכקייט פאַר דיין גאַסטפריינדלעכקייט, וואָס דו האָסט מיר אַרויסגעוויזן יענעם פרייטיק־צו־נאַכט באַ דיר אין הויז, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן!״

דער גענעראַל־אינספּעקטאָר האָט באַלד צוגעאיילט מיט דער קאָ־מיסיע וואָס האָט אונטערזוכט די שולד פון קאַנארסקי׳ן מיט זיין באַנדע. ער האָט פערזענלעך גאַראַנטירט פאַר דעם אידן, אַז ער איז ריין און אומשולדיק. „ער איז אַ קרעטשמער און שענקער, פון וואַנעט זאָל ער וויסן וועגן וואָס זיינע געסט ריידן? איך בין אַליין באַ אים געווען און איך קען אים אַלס אַן ערלעכן, ג־טס פאָרכטיקן אידן״.

אויסהערנדיק די געשיכטע וואָס דער גענעראַל האָט זיי דערציילט וועגן זיין ערשטער באַגעגעניש מיט אָט דעם „מערקווירדיקן״ אידן, האָבן אַלע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, איינשטימיק באַשלאָסן צו באַ־פרייען דעם אומשולדיקן ר׳ יוסף.

אַזוי אַרום האָט דער הייליקער שבת, וואָס ר׳ יוסף האָט אַזוי טריי און מיט אַזויפיל מסירות־נפש געהיט, יעצט געראַטעוועט ר׳ יוסף׳ס לעבן.

ר׳ יוסף איז אַוועקגעפאָרן אַהיים און געבענטשט „גומל״.

דער הונגעריקער פסח

(איבערלעבונגען פון אַ פאַרשיקטן אידן)

א.

דאָס איז ניט געווען דער ערשטער פסח וואָס א. נ. האָט זיך גע־פונען פאַרשיקט אין אַ לאַגער אין רוסישע אַזיע. געווען איז ער פאַר־שיקט פאַר „שעדלעכע טעטיקייטן קעגן דער מלוכה״. דאָס איז אָבער געווען אַ בילבול. אין דער אמת׳ן האָט ער זיך „פאַרזינדיקט״ דערמיט וואָס ער איז געווען אַ פרומער איד, וועלכער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקענט כדי אויפצוהאַלטן אידישקייט, ניט נאָר אין דער אייגענער משפחה, נאָר אויך וואו ער האָט געקענט העלפן. ער איז פאַר׳משפט גע־וואָרן אויף צען יאָר פאַרשיקונג אין אַן „אויסבעסערונגס־לאַגער״ פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער.

וועגן זיינע איבערלעבונגען אין לאַגער וועט זיין אינטערעסאַנט צו הערן פון אים ווען עס וועט זיין אַ געלעגנהייט. דאָ ווען מיר הערן פון אים ווי אַזוי ער האָט פאַרבראַכט איין פסח אין אַ לאַגער־שפּיטאָל, און געווען איז דאָס אין יאָר תש״ג (1943), אין זיבעטן יאָר פון זיין פאַר־שיקונג. אָט וואָס א. נ. דערציילט וועגן יענעם פסח:

אין חודש אדר א׳ האָב איך באַקומען אַ בריוו פון דער היים, אַז אינ־גיכן שיקן זיי מיר אַרויס מצה אויף פסח. דער בריוו איז אָנגעקומען אויפן אַדרעס פון מיין פריערדיקן לאַגער. איך האָב זיי באַלד אָנגע־שריבן אַ בריוו, אַז זיי זאָלן מיר שיקן דעם פּעקל אויף מיין נייעם אַדרעס. דעם בריוו האָט פאַר מיר איבערגעשיקט מיינער אַ פריינט אין לאַגער, דוד, וועלכער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון שפּייז־מאַגאַזין אין לאַגער. ער האָט דעם בריוו איבערגעגעבן צו אַ פריינט מענטשן, וואָס איז געפאָרן אין מאָסקווע. איך האָב שטאַרק געוואַרט אויף דעם פּעקל, מצה און אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס וועט מיר מעגלעך מאַכן אָפּצוהיטן פסח און פאַרשטאַרקן מיינע כוחות, וואָרום איך בין געווען זייער אָפּגעשוואַכט און האָב געליטן פון מאָגן.

עטלעכע טעג נאָך ראש־חודש ניסן איז אַריינגעקומען צו מיר די פאַרוואַלטערין פון דער פּאָליטישער אויפקלערונגס־אָפּטיילונג, אַ פרוי, וועלכע איז אויך געווען די צענזאָרין פון בריוו און פּעקלעך וועלכע זיינען אָנגעקומען צו די אַרעסטאַנטן. זי איז געווען אַ נייע אויף דעם אַמט. זי האָט געוואָלט געוואויר ווערן, צי איך האַלט זיך נאָך באַ מיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען, אַרבעט ניט שבת און יום־טוב, עס ניט פון קעסל, אאַ״וו. באַ דער געלעגנהייט האָט זי מיך געפרעגט וואָס אַזוינס איז מצה.

איך האָב איר אַלץ אויפגעקלערט. זי האָט מיך געפרעגט, ווען עס פאַלט אויס פסח, און איך האָב איר געענטפערט: „געגוי אין 10 טעג אַרום״.

„וואָס וועט איר טאָן, אויב עס וועט ניט אָנקומען פאַר אייך מצה אויף פסח?״ האָט זי מיך געפרעגט.

„איך קען זיך שפּייזן מיט קאַרטאָפל״.

„און אויב איר וועט ניט קריגן קאַרטאָפל?״

„וועל איך מוזן הונגערן...״

„אַכט טעג?״ — האָט זי געפרעגט אומגלויבלעך.

„דער אויבערשטער וועט מיך ניט פאַרלאָזן״, האָב איך געענט־פערט, און דערמיט האָט זיך אונזער שמועס פאַרענדיקט.

עס איז געקומען די ערשטע סדר־נאַכט. איך האָב איינגעלאַדן דוד׳ן און נאָך אַ אידן (בערקאָוויטש) צום סדר. אויפן טיש האָבן מיר געלייגט אַ ריין פּאַפּיר אָנשטאָט אַ טישטוך. מיר האָבן אויפגעקאָכט אַ טשייניק וואַסער. איך האָב אָנגעגאָסן דריי גלעזער טיי, וואָס האָט אונז פאַר־טראָטן די ארבע־כּוסות. דאָן, צו זייער גרויס פאַרוואונדערונג, האָב איך אַוועקגעלייגט דריי מצות. אַזוי האָבן מיר געפּראַוועט דעם סדר, און איך האָב פאַר זיי געזאָגט די הגדה, אויף ווי ווייט איך האָב געקענט אויסווייניק.

צום צווייטן סדר האָבן מיר שוין קיין מצות ניט געהאַט. מיר האָבן

געפּראַוועט דעם סדר מיט טיי און עטלעכע שטיקלעך צוקער. איצט האָב איך זיי געקענט אויסזאָגן דעם סוד פון די מצות פאַרן נעכטיקן סדר:

„זינט איך בין אין לאַגער, האָב איך יעדן יאָר איבערגעלאָזט עטלעכע מצות פון איין פּסח אויפן צווייטן, ווייל איך האָב ניט געקענט וויסן, אויב איך וועל באַקומען פרישע מצה פאַר דעם קומענדיקן פּסח. היי־יאָר איז טאַקע גוט צוניצגעקומען די פאַראַיאָריקע מצה...״

דוד איז געווען זייער אין כּעס אויף מיר, פאַרוואָס איך האָב אים ניט געזאָגט, אַז איך האָב דעם מאָל ניט באַקומען אַ פּעקל מצה אויף פּסח. „מיר וואָלטן אייער לעצטן ביסן בשום אופן ניט צוגענומען פון אייך!״ האָט ער געזאָגט מיט פאַרדרוס.

„אָט צוליב דעם טאַקע האָב איך פריער ניט דערציילט״, האָב איך זיך פאַרענטפערט. „אין דער ערשטער סדר־נאַכט איז יעדער איד מחויב צו עסן אַ ,כּזית׳ מצה. די איבעריקע טעג פון פּסח טאָר מען ניט עסן חמץ, אָבער מען מוז ניט עסן מצה. מען קען אויסקומען מיט קאַרטאָפל, פּירות, אד״ג״.

„וועגן פּירות איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן, און קאַרטאָפל איז אויך ניט לייכט צו באַקומען. ווי וועסטו אויסהאַלטן אַ גאַנצן פּסח?״ האָט דוד געמאָנט.

„איך האָב אַ ברכה פון מיין טאַטן, אַז איך וועל אם־ירצה־השם קומען בשלום אַהיים״, האָב איך אים רואיק געענטפערט. „איך בין זיכער, אַז מיט דעם אויבערשטנס הילף וועל איך דורכקומען״.

דוד איז אַוועק אַ ברוגז׳ער. איך האָב אים געזען בלויז אַ פּאָר מאָל במשך פון גאַנצן פּסח. ער האָט מיך געפּרואווט צורײדן, איך זאָל עסן חמץ, אָדער עפּעס פון קעסל, כּדי ניט צו שטאַרבן פון הונגער. ווען ער האָט דאָס בײַ מיר ניט גע׳פּועל׳ט, האָט ער זיך מער ניט באַוויזן. ער האָט פּשוט ניט געקענט צוזען מיינע יסורים.

איך האָב אויך געהאַט אַן אומדערוואַרטעטן גאַסט, די צענזאָרין. זי איז געקומען דעם ערשטן טאָג חול־המועד און מיך געפונען בײַ דער

אַרבעט. זי האָט באַמערקט, אַז מיינע הענט טרייסלען זיך, און פאַר־שטאַנען, אַז איך בין אָפּגעשוואַכט פון הונגער.

„איך האָב אייך געבראַכט עפּעס צו עסן", האָט זי געזאָגט, אַרויס־נעמענדיק אַ פרישע ווייסע בולקע. פון דעם ריח פון דער פרישער בולקע האָט זיך מיר אַזש פאַרדרייט דער קאָפּ.

איך האָב איר געזאָגט, אַז פּסח עס איך ניט קיין חמץ, און האָב זיך אַנטזאָגט פון איר מתנה מיט אַ דאַנק. זי האָט גאָרניט געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען.

צומאָרגנס האָב איך זיך געפילט נאָך שוואַכער. זי איז ווידער גע־קומען. דאָס מאָל האָט זי געבראַכט עטלעכע קיכלעך פון ווייסן מעל. „איך האָב עס אַליין געבאַקן, מיט צוקער און בוימל. איר מוזט עסן; איר וועט זיך דאָך אָנמאַכן דעם טויט".

איך האָב זי באַדאַנקט און ווידער אַנטזאָגט זיך לחלוטין.

„איר וואונדערט זיך אַוודאי, וואָס איך בין אַזוי באַזאָרגט וועגן אייך? איך טראַכט, אַז מסתּם האָט איר אַ ווייב און קינדער וועלכע וואַרטן אויף אייך. איך פיל זיי מיט. איך האָב שוין ניט אויף וועמען צו וואַרטן. מיין מאַן איז געווען אַן אָפיציר דאָ אין לאַגער, האָט מען אים געשיקט אויפן פראָנט, און עטלעכע וואָכן שפּעטער האָב איך באַקומען אַ ידיעה, אַז ער איז געפאַלן אין שלאַכט קעגן די היטלעריסטן. איך בעט אייך, עסט אַ קיכל, איר וועט זיך מחיה זיין".

„עס טוט מיר לייד צו הערן וועגן אייער פאַרלוסט, אָבער איך בעט אייך לאָזט מיך צורו".

זי איז אַוועקגעגאַנגען אַן אויפגערעגטע. איך האָב זיך געפילט זייער שוואַך און האָב זיך געלייגט אין בעט. איך האָב שוין מער פון בעט ניט געקענט אַראָפּגיין. עטלעכע מאָל איז צו מיר געקומען בער־קאָוויטש. ער האָט מיר געגעבן וואַרעמע זיסע וואַסער צו טרינקען, און איז יעדן מאָל אַוועק אַ צעבראָכענער.

אחרון־של־פּסח בין איך שוין געלעגן אַ האַלב פאַר׳חלש׳טער. אינ־דערפרי איז געקומען בערקאָוויטש. איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר

אָפּגיסן נעגל־וואַסער און דערלאַנגען דעם סידור. די ווערטער פון סידור האָבן אָבער גענומען טאַנצן פאַר מיינע אויגן; עס האָט מיר גע־שווינדלט אין קאָפּ. וואָס עס איז ווייטער געשען ווייס איך ניט. נאָר ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז פאַר מיר געשטאַנען די פאַרוואַלטערין פון דער סאַניטאַר־אָפּטיילונג. זי האָט מיר, ווייזט אויס, געמאַכט אַן איינ־שפּריצונג, פון וועלכער עס איז מיר געוואָרן זייער הייס. „פון וואַנעט דער פאַר׳עקשנ׳טער איד נעמט כּוחות, ווייס איך ניט״, האָט זי געזאָגט צו דוד׳ן, און איז אַרויס פון קאַבינקע.

דוד איז שוין פון מיר ניט אָפּגעטראָטן, ביז עס איז געוואָרן פינצ־טער. „איצט איז שוין אויס פּסח״, האָט ער מיר געזאָגט. איך האָב שוין אָבער ניט געקענט דאַווענען מעריב. דוד האָט געבראַכט עטלעכע ווייסע סוכאַרקעס און אַביסל צוקער. ער האָט געווייקט די סוכאַרעס אין זיסע טיי און מיר געקאָרמעט ווי אַ קינד. נאָכן עסן בין איך אַנטשלאָפן גע־וואָרן, און האָב זיך אויפגעכאַפּט אויף מאָרגן אינדערפרי. איך בין גע־ווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז דוד האָט מיר געמוזט העלפן לייגן די תּפילין.

ב.

צוויי טעג נאָך פּסח איז בערקאָוויטש געקומען צו מיר מיט דער בשורה, אַז מ׳האָט אים באַפרייט, און ער וועט באַלד קענען פאָרן אַהיים. דערביי האָט ער מיר דערציילט, אַז זייענדיק אויף דער פּאָסט, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז מיט אַ צייט צוריק, נאָך פאַר פּסח, איז פאַר מיר אָנגעקומען אַ פּעקל פון דער היים, און די צענזאָרין האָט עס אָפּגע־שיקט צוריק. איצט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי האָט אַזוי איבער־געלעבט, ווען איך האָב געהונגערט פּסח. זי האָט מורא געהאַט, אַז איך וועל ניט אויסהאַלטן און זי וועט האָבן מיין טויט אויף איר געוויסן!

בערקאָוויטש איז נאָך פאַרבליבן צוויי וואָכן אין שטאָט. יעדן טאָג האָט ער מיר געבראַכט אין לאַגער אַ פלעשל מילך, קאַרטאָפל, ווייס ברויט, אַביסל צוקער, אַמאָל אויך אַ פּעקל גרינע ציבעלע. איך האָב צוריקגעקראָגן מיינע כּוחות.

אינצווישן האָט מען מיך אין אַ געוויסן טאָג אַרויסגערופן צום נאַ־

טשאַלניק (הויפּט־פּאַרוואַלטער פון לאַגער). דאָרטן איז אויך געווען בערקאָוויטש, און די צענזאָרין. זי איז געווען אַ בלאַסע און דער־שראָקענע.

דער נאַטשאַלניק האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז די צענזאָרין האָט צוריקגעשיקט מיין פּעקל פאַר פּסח, און זי האָט זיך אין דעם מודה געווען. אַ ווייטערע אויספאָרשונג האָט אויך אַרויס־געבראַכט, אַז זי האָט צוויי בריוו, וועלכע זיינען פאַר מיר אָנגעקומען פון דער היים, פאַרניכטעט, כדי איך זאָל זיך ניט דערוויסן וועגן פּעקל. איצט האָט מיר דער נאַטשאַלניק געהייסן אונטערשרייבן אַן אָנקלאַגע קעגן איר. „איך וועל זיך פּערזענלעך באַמיען, אַז זי זאָל באַקומען איר פאַרדינטע שטראָף", האָט דער נאַטשאַלניק מיר פאַרזיכערט.

די צענזאָרין האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און געגומען בעטן דעם נאַטשאַלניק, ער זאָל רחמנות האָבן אויף אירע יתומים, וועמענס פאָטער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן פאַרן פאָטערלאַנד.

„ניט באַ מיר, נאָר באַ דעם מענטשן, וועלכן דו האָסט שיער ניט אומגעבראַכט, דאַרפסטו בעטן", האָט דער נאַטשאַלניק איר קאַלט געענטפערט.

איך האָב געענטפערט, אַז די צענזאָרין האָט קענטיק חרטה געהאַט אויף איר אוממענטשלעכער האַנדלונג, און געזוכט אויף איר אופן אַ וועג צו אויסבעסערן איר פעלער. דערצו, נעמענדיק אין אַכט, אַז דער טאַטע פון אירע קינדער איז טאַקע געפאַלן אויפן פראָנט קעגן די היטלעריסטן, בין איך איר מוחל, בתנאי, אַז זי וועט צוזאָגן מער ניט איזדיעקעווען זיך איבער אַרעסטאַנטן.

מיין דערקלערונג האָט, ווייזט אויס, געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן נאַטשאַלניק. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט דעם ענין ניט איבערגעבן דעם פּראָקוראָר, אָבער זי וועט באַזייטיקט ווערן פון איר אַמט און וועט באַקומען אַ ווייניקער פאַראַנטוואָרטלעכע באַשעפטיקונג.

דערמיט האָט זיך דער ענין פאַרענדיקט. אָבער יענעם „הונגעריקן פּסח" וועל איך, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

אליהו הנביא׳ס כוס

אין אַ קליין שטעטל האָט אַמאָל געוואוינט אַ פיינער און ערלעכער איד, אָבער אַ גרויסער אָרעמאַן. זיין פּרנסה האָט ער געצויגן דערפון וואָס ער פלעגט אַרויסגיין אין וואַלד און אָנהאַקן טרוקענע צווייגן, וועלכע ער פלעגט בינדן אין בינטלעך און ברענגען אויף אַ האַנט־וועגעלע אין שטעטל צו פאַרקויפן. ס׳רוב פּרנסה פלעגט ער האָבן אין ווינטער, ווען זיינע טרוקענע צווייגלעך פלעגן איינהייצן פיל אייוונס אין שטעטל. פאַר דער ווינטערדיקער צייט האָט ער געהאַט אַן אייגנגעמאַכטן שליטעלע, וואָס האָט זיך לייכט געגליטשט אויפן שניי.

אָבער יענער ווינטער איז געווען זייער אַ שווערער. עס האָט געשנייט אָן אויפהער און שטאַרקע זאַווערוכעס האָבן פאַרשאָטן די וועגן און גאַסן מיט אַ געדיכטן שניי, אַז מ׳האָט פון שטוב ניט געקענט אַרויסגיין. און ווען דער פראָסט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב און מ׳האָט געדאַרפט אַרויסגיין איינקויפן האָלץ און שפענער, זיינען געווען אָנגעפאַרן גרויסע פויערשע שליטנס אָנגעפּאַקט מיט האָלץ, און זיי האָבן צוגענומען די גאַנצע פּרנסה פון חיים׳ען דעם האָלץ־האַקער, ווי מ׳האָט אים אין שטעטל גערופן.

און אָט האָט זיך דערנעענטערט דער ליבער יום־טוב פּסח און בײַ חיים׳ען אין שטוב איז קיין פּרוטה ניט געווען, ניט אויף מצה, ניט אויף ארבע־כוסות, שוין אָפּגערעדט פון פיש און פלייש, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ טייערן יום־טוב ווי פּסח.

„וואָס וועט זיין וועגן פּסח?״ האָט חיים׳ס ווייב כסדר געמאָנט.

„דער אויבערשטער וועט העלפן״, האָט חיים געענטפערט מיט אַ טיפן זיפץ, און פלעגט זיך אומקערן צו זיין תהלים־זאָגן. קיין גרויסער למדן איז ער ניט געווען, פלעגט ער האַלטן אין איין זאָגן תהלים.

„פון זיפצן וועט ניט ווערן קיין מצה און קיין וויין, און אפילו ניט קיין קאַרטאָפליעס״, האָט דאָס ווייב אים ביטער אויפגעוואָרפן.

„איז וואָס, אַשטייגער, זאָל איך טאָן?״ האָט חיים זיך געבעטן באַ איר.

„וואָס טוען אַנדערע אָרעמעלייט? געלויבט דער אויבערשטער, ס׳איז דאָ אַ ,מעות־חטים׳ אין שטעטל. דער גבאי וועט דיר ניט אַנטזאָגן״.

חיים׳ען האָט פאַרקוועטשט דאָס האַרץ. אַלע יאָר פלעגט ער געבן אַ ביישטייערונג צו מעות־חטים. קיין סך האָט ער טאַקע ניט געקענט געבן, אָבער דאָך האָט ער געפילט, אַז ער האָט אַ חלק אין דער גרויסער מצוה. און איצט גיי און בעט גאָר אַ נדבה פון מעות־חטים!

„וואָס שווייגסטו, חיים?״

„פון צדקה וועל איך ניט נעמען!״ האָט חיים שאַרף געענטפערט.

„מיט דיין שטאָלצקייט וועלן מיר קיין סדר ניט קענען פּראַווען״, האָט אים דאָס ווייב ווידער אויפגעוואָרפן.

חיים האָט געוואוסט, אַז זיין ווייב איז גערעכט, אָבער ער האָט באַ זיך בשום־אופן ניט געקענט פועל׳ן צו גיין בעטן הילף אויף פסח פון מעות־חטים.

„אפשר קען מען נאָך עפּעס געפינען אין שטוב וואָס צו פאַרקויפן אָדער פאַרזעצן?״ האָט חיים געפרעגט.

דאָס ווייב האָט זיך ביטער צעלאַכט. „די זילבערנע לייכטער שוין לאַנג פאַרזעצט, די קישנס פאַרקויפט, און אַפילו די פּערענעס כמעט ווי אויסגעליידיקט פון פעדערן. די איינציקע זאַך וואָס ס׳איז געבליבן צו פאַרזעצן איז דער דלות אַליין, אָבער קיין בעלנים אויף דעם וועסטו ניט געפינען״. און זי האָט זיך צעכליפּעט מיט ביטערע טרערן.

חיים האָט געזוכט אַ טרייסט אין די הייליקע פסוקים פון תהלים.

דאָס ווייב האָט ניט אָפּגעלאָזט. „חיים״, האָט זי שטילערהייט אַ זאָג געטאָן, „מיר האָבן נאָך דעם זילבערנעם בעכער, דעם כוס פון אליהו הנביא. אפשר... אפשר זאָלסטו אים פאַר׳משכון׳ען און געבן האַנט־געלט אויף מצה און ווייַן און קאַרטאָפליעס?״

חיים איז אויפגעציטערט געוואָרן. „וואָס רעדסטו? אליהו הנביא׳ס כוס צו פאַרזעצן? און וואָס פאַר אַ פּנים וועט באַ אונז האָבן דער סדר אָן אליהו הנביא?״

„נישקשה, אליהו הנביא וועט ניט ברוגז ווערן; ער וועט צו אונז קומען ווי ער קומט צו אַלע אידן צום סדר״, האָט דאָס ווייב ניט אָפּגעלאָזט.

„שטעל זיך פאָר, אָט קומט ער אַריין צו אונז — און זיין כוס איז ניטאָ! ניין, איך וועל אליהו הנביא׳ן ניט לאָזן פאַרשעמען...״

„אליהו הנביא וועט ניט פאַריבל האָבן; ער וועט פאַרשטיין...״

„שלאָג זיך אַרויס דעם געדאַנק פון קאָפּ! איך וועל צום סדר אָן אליהו הנביא׳ס כוס ניט גיין. דער אויבערשטער וועט העלפן אויף אַן אַנדער אופן״, האָט חיים געענטפערט און זיך ווידער גענומען צום זאָגן תהלים. מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן: די ציג!

„בריינעלע״, רופט זיך חיים אָפּ צו זיין ווייב שטילערהייט, אַקוראַט ווי ער וואָלט מורא געהאַט די ציג זאָל ניט דערהערן. „אפשר וועלן מיר פאַרקויפן די ציג?״

„דו ביסט שוין גאָר משוגע געוואָרן!״ האָט דאָס ווייב אויסגערופן אַ פאַרציטערטע. „דאָס איז דאָך אונזער גאַנצע פּרנסה איצט! דאָס ביסל מילך וואָס מיר האָבן פאַר די קינדערלעך. ניין, דאָס וועל איך בשום־אופן ניט דערלאָזן. אָבער... אליהו הנביא׳ס כוס גיט ניט קיין מילך; פאַרקויף שוין בעסער דעם כוס...״

„חס ושלום! בשום־אופן ניט!״ האָט חיים אויסגערופן, און דערמיט האָט זיך די דינגעניש געענדיקט.

די נאַכט פון ערב־פּסח איז געקומען. חיים האָט בודק־חמץ געווען, כאָטש עס איז קיין חמץ שוין ניט געבליבן פון פריער. דערנאָך איז ער אַוועק צום רב פאַרקויפן חמץ. דער רב האָט אים געפרעגט, וואָס פאַראַ חמץ ער האָט צו פאַרקויפן: „אפשר איז איבערגעבליבן אַ ביסל מעל?״

„ניין, רבי״.

„אפשר גרויפּן?"

„ניין, רבי".

„חמצ'דיקע טעפּ?"

חיים האָט זיך דערפרייט. „יאָ, פאַראַן נאָך אַ פּאָר טעפּלעך".

דער רב האָט פאַרשריבן חיים'ס נאָמען אויף דעם שטר־מכירה, האָט מקבל־קנין געווען, און דורכגעפירט די מכירת־חמץ כדת וכדין.

חיים איז געבליבן שטיין. „איר ווילט עפּעס פרעגן, ר' חיים?" האָט דער רב צו אים געזאָגט.

„יאָ, רבי. איך האָב אַ שאלה. קען מען יוצא זיין די ארבע כוסות מיט מילך?"

דער רב האָט גענומען גלעטן זיין זילבער־ווייסע באָרד און האָט זיך פאַרטראַכט. אַ איד פרעגט אַזאַ שאלה, נעבעך. הייסט דאָך, אַז ער האָט ניט נאָר קיין וויין ניט צום סדר, נאָר אויך ניט אַ שטיקל פלייש, און אפשר אויך ניט אַ שטיקל פיש? און ווער ווייס צי ער האָט גאָר אַ כזית מצה? אלא וואָס דען? אויב ער איז נעבעך אַזאַ נצרך, פאַרוואָס איז ער ניט געקומען בעטן הילף פון מעות־חטים? איז דאָך דערפון געדרונגען, אַז דער איד וויל ניט נעמען קיין צדקה. מוז מען געפינען אַן אַנדער עצה. האָט ער זיך ענדלעך אָפּגערופן צו חיים'ען:

„ר' חיים! די שאלה וואָס איר האָט געפרעגט איז גאָר אַ האַרבע שאלה. מען דאַרף אין דעם זיך גוט אַריינטראַכטן, און איצט ערב־פּסח איז מען פאַרנומען מיט מכירת־חמץ און הכנות צום הייליקן יום־טוב. במילא, טוט מיר אַ טובה, ר' חיים. איך וועל אייך געבן אַ הלוואה צו קויפן וויין פאַר די סדרים און עפּעס נאָך וואָס מ'דאַרף. וועלן מיר קענען אָפּלייגן די שאלה אויף נאָך פּסח. און דערווייל וועל איך האָבן צייט אַריינטראַכטן זיך אין דער שאלה". דערביי האָט דער רב אַרויסגענומען עטלעכע רובל פון טיש־קעסטל און האָט געגעבן חיים'ען דאָס געלט.

חיים האָט זיך געקווענקלט. אָבער דער רב האָט זיך באַ אים גע־

בעטן: „טוט מיר אַ טובה, ר׳ חיים. ס׳איז דאָך ניט מער ווי אַ הלוואה, און דאָס געלט ליגט דאָך באַ מיר סיי־ווי אין טיש־קעסטל. איז זאָל עס זיין באַ אייך דערווייל, און ווען איר וועט קענען, וועט איר אי״ה אָפּגעבן צוריק״.

חיים האָט גענומען דאָס געלט, און איז באַלד אַוועק אין „פּאָ־דראַד״, וואו מ׳האָט געבאַקן מצה.

שפּעט באַנאַכט איז חיים געקומען אַהיים מיט מצה און וויין. „בריינעלע: גוט יום־טוב!״ האָט ער אויסגערופן צו זיין ווייב, וואָס האָט זיך שוין געלייגט שלאָפן. אין שטוב איז געווען פינצטער.

„וואָס פאַראַ יום־טוב אויף דיר, חיים? קענסט זיך שוין ניט דער־וואַרטן ביז מאָרגן?״

„איך פיל זיך שוין איצט זייער יום־טוב׳דיק!״ האָט חיים פריילעך אויסגערופן. „גיב נאָר אַ קוק! מצה און וויין, און אַ פּאָר רובל אויף שאר ירקות!״

בריינע האָט געטראַכט, אפשר איז דער מאַן נעבעך טאַקע גערירט געוואָרן, אָדער עס חלומ׳ט זיך אים אַ זיסער חלום. באַלד האָט זי זיך אָבער איבערצייגט, אַז דער מאַן איז שוין גאָר ביים קלאָרן פאַרשטאַנד. די מצה איז געווען אמת׳ע, און שוין דער געשמאַקער ריח פון די פרישע מצות האָט זיך צעגאָסן איבער אַלע גלידער; דער וויין האָט געפינקלט, און די פּאָר רובל אין האַנט איז אויך ניט געווען קיין חלום.

„איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז דער אויבערשטער וועט העלפן, און ער האָט טאַקע ניט פאַרלאָזן!״ האָט חיים איר געזאָגט, און האָט איר דערציילט די גאַנצע מעשה. און פאַרענדיקט האָט ער: „אָט זעסטו, מיר וועלן אי״ה האָבן אַ סדר כיד־המלך, און אליהו הנביא׳ס כוס איז גע־בליבן גאַנץ, און אַפילו די ציג איז אויך גאַנץ געבליבן. מיר האָבן אַ גרויסן ג־ט און אַ טייערן פאָטער אין הימל!״

חיים און בריינע און זייערע קינדערלעך האָבן נאָך אַזאַ סדר אין לעבן ניט געהאַט. און ווען בריינע איז געגאַנגען מיט אַ ברענענדיקער ליכט צו עפענען די טיר צו „שפוך חמתך״, האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער איד און האָט געזאָגט: „גוט יום־טוב!״

צוערשט האָט זיך ברײַנע דערשראָקן. אָבער דערהערנדיק אַ ליב־לעכן און פֿרײַנטלעכן „גוט יום־טובֿ", האָט זי דעם אידן געבעטן אַרײַנקומען.

חיים האָט דעם אידן דערקאָנט. ער האָט אים געזען אין בית־מדרש צו מעריבֿ. קענטיק אַ דורכגייער, וועלכער האָט זיך פֿאַרוואַלגערט אין שטעטל. חיים האָט דעם אידן פֿאַרבעטן צום סדר, אָבער ער האָט געענטפֿערט, אַז ער איז שוין פֿאַרבעטן געוואָרן אַנדערשוואו. ער האָט אָבער צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט פֿאַרטיק ווערן מיטן סדר בײַ זיך, וועט ער אַרײַנקומען צו אים, חיים'ען, און פֿאַרברענגען מיט אים אַ ווײַלע. איצט איז ער געקומען, און חיים האָט זיך זייער דערפֿרייט.

דער איד האָט זיך געזעצט צום טיש. ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף אליהו הנבֿיא'ס כּוס, וועלכער האָט געשײַנט און געפֿינקלט. ברײַנע האָט אים גוט אויסגעשייערט ערבֿ־פּסח און דער כּוס האָט טאַקע געגלאַנצט.

„ס'אַראַ שיינער כּוס! אַ טײַערער כּוס! אַ כּוס של ברכה!" האָט דער אורח באַוואונדערט דעם כּוס, און האָט אים געלעגט און געצערטלט. „זאָל אײַער מזל גלאַנצן אַזוי ווי דער כּוס!"

דער אורח איז געזעסן אַ ווײַלע, געזאָגט אַ פּאָר ווערטער וועגן יציאת־מצרים און געוואונטשן מען זאָל אינגיכן דערלעבן די אמת'ע גאולה, און איז אַוועק.

אויף מאָרגן האָט חיים געזוכט דעם אורח אין בית־מדרש. ער האָט אים געוואָלט בעטן קומען אויך צום צווייטן סדר. אָבער דער אורח איז דאָרט ניט געווען. חיים האָט זיך גענומען נאָכפֿרעגן אויף דעם פֿרעמדן אידן, אפֿשר אימיצער ווייס וואו ער איז? יעדער איינער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געענטפֿערט פֿאַרוואונדערט: „וואָס פֿאַראַ פֿרעמדער איד? עס איז דאָ קיין פֿרעמדער איד ניט געווען!"

חיים איז געוואָרן צעטומלט. ס'טײַטש! ווי האָט מען ניט געקענט באַמערקן אַזאַ שיינעם אידן, מיט אַ פּנים פֿון אַ מלאך! ער האָט מיט אים אַליין גערעדט, און ער איז געווען בײַ אים צום סדר!

כמעט מיט טרערן אין די אויגן האָט זיך חיים געווענדעט צום רב, אפשר האָט ער דעם פרעמדן אידן געזען?

דער רב האָט אים באַרואיקט. „יאָ, יאָ, דער איד איז אויך געווען באַ מיר צום סדר, און באַ אַנדערע אידן אויך. אָבער ניט אַלע אידן האָבן דעם זכות צו זען אים. און אויב איך וועל אים זען, וועל איך אים בעטן אַריינגיין צו אייך, ר׳ חיים...״

נאָך פסח איז חיים אַרויס אין וואַלד מיט זיין וועגעלע. פון שניי איז קיין זכר ניט געבליבן. ס׳איז געווען וואַרעם און דופטיק, און די פייגע־לעך האָבן פריילעך געזונגען. חיים האָט אָנגעלאָדן זיין וועגעלע מיט צווייגן און שפענער, און האָט געשלעפט דעם וועגעלע איבער דער ווייכער ערד. די רעדער זיינען איינגעזונקען טיף אין דער ערד, און חיים האָט זיין וועגעלע ניט געקענט באַוועגן. האָט ער געמוזט אַראָפּ־וואַרפן די צווייגן און האָט קוים אַרויסגעשלעפט די רעדער. און פלוצ־לונג האָט אַ בלישטש געטאָן פאַר זיינע אויגן. חיים האָט זיך איינ־געבויגן און ס׳איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אַ גאָלדענע מטבע!

חיים האָט גענומען נישטערן אין דער ווייכער ערד און האָט באַלד אַנטדעקט אַ צעפוילטן זעקל מיט גאָלדענע מטבעות, אַן אוצר!

און אַזוי האָט חיים׳ס מזל אויפגעשיינט, ווי עס האָט געשיינט אליהו הנביא׳ס כוס אויף זיין סדר־טיש.

אין זכות פון תיקון־ליל־שבועות

מיט פיל יאָרן צוריק האָט אין טוניסיע געלעבט אַן אַנטיקן־הענד־לער: מצליח איז געווען זיין נאָמען. און ווי זאָגט די וועלט, „פון אַלטע זאַכן קען מען פיל ניט מאַכן", האָט ער טאַקע קיין גאָלד ניט געשאַרט אין די הויפנס, אָבער, ברוך־השם, פרנסה האָט ער געהאַט און האָט גע־געבן צדקה מער ווי אַנדערע רייכערע פון אים.

קיין גרויסער תלמיד־חכם איז מצליח ניט געווען, ער האָט אָבער שטאַרק ליב געהאַט די תורה און האָט טייער געהאַלטן תורה־לערנער. קיין וואונדער ניט, וואָס כאָטש אַלע ימים־טובים זיינען באַ אים געווען טייער, איז אָבער דער יום־טוב שבועות באַ אים געווען טייערער ווי אַלע. אַ קלייניקייט, דער יום־טוב פון מתן־תורה! ווי וואָלטן אידן אויס־געזען אָן דער תורה, חס־ושלום? און וואָס פאַראַ פּנים וואָלט ער, מצליח, געהאַט באַ זיך אַליין, ווען ניט די טייערע ג־טלעכע מתנה פון תורה און מצוות?

מצליח האָט פּשוט ניט געקענט באַגרייפן, ווי האָבן די אידן גע־קענט שלאָפן יענע נאַכט ערב דעם גרויסן טאָג פון קבלת־התורה! בפרט נאָכדעם ווי זיי האָבן אַזוי אומגעדולדיק געציילט די טעג און די וואָכן זינט זיי זיינען אַרויס פון מצרים ביז דעם טאָג ווען זיי וועלן באַקומען די תורה ביים באַרג סיני. און צום סוף, ווען עס האָט געדאַרפט טאָגן דער גרויסער און ליכטיקער טאָג, זיינען זיי גאָר געשמאַק געשלאָפן, און דער אויבערשטער האָט זיי געדאַרפט וועקן מיט דונערן און בליצן! מסתם — האָט מצליח מלמד זכות געווען אויף זיי — האָבן זיי געוואָלט זיין פריש און וואַכזאַם צו קענען אויפנעמען די ג־טלעכע אַנטפּלעקונג מיט אַלע זייערע חושים און געפילן. פונדעסטוועגן זיינען זיי באַגאַנגען אַ פעלער, און זינט דאַן האַלטן אידן אין פאַרריכטן דעם פעלער דורך דעם מינהג צו זיין וואַכזאַם די גאַנצע ערשטע נאַכט פון שבועות און זאָגן „תיקון־ליל־שבועות", וואָרום דאָס איז דאָך דער טייטש פון „תיקון" — מתקן צו זיין, פאַרריכטן. איז אויב פאַרריכטן, דאַרף מען דאָך פאַרריכטן אין דער פולס־

טער מאָס, און ווייזן דעם אויבערשטן מיט וואָס פאַראַ ליבשאַפט און ציטער אַ איד איז מקבל די תורה.

דורכגעדרונגען מיט די דאָזיקע געדאַנקען, האָט זיך מצליח גע־גרייט צום יום־טוב פון קבלת־התורה.

זיין מינהג איז געווען צו פאַרבעטן אַ מנין אָרעמע תלמידי־חכמים צו דער סעודה פון דער ערשטער נאַכט שבועות, און נאָך דער סעודה האָבן זיי געזאָגט „תיקון" און געלערנט תורה די גאַנצע נאַכט. דערביי איז געווען אָנגעגרייט שיינע כיבוד — מזונות און פרוכט און משקה, ראָזשינקעס און מאַנדלען, און אַלערליי זיסקייטן — צו דערמאָנען די זיסקייט פון דער תורה און צו פאַרטרייבן די שלעפעריקייט.

אַזוי האָט זיך מצליח נוהג געווען אַלע יאָר, און זיין הנהגה איז געווען אַ שם־דבר אין גאַנצן לאַנד, און האָט געמאַכט אַ רושם אין הימל.

ווייזט אויס, אַז די מלאכים אין הימל האָבן אים מקנא געווען, און אפשר האָט דער בעל־דבר (דער שׂטן) אַליין זיך אַריינגעמישט. יעדנ־פאַלס, ס'איז געקומען אַ צייט ווען די הצלחה האָט זיך פלוצלונג אָפּגע־טאָן פון מצליח'ן און די פרנסה האָט זיך אָפּגעשטעלט. און ווען עס האָט זיך דערנעענטערט דער יום־טוב שבועות, איז מצליח געבליבן אָן אַ פּרוטה. ער האָט פשוט ניט געהאַט מיט וואָס צו פּראַווען דעם יום־טוב פאַר דער אייגענער משפחה, שוין אָפּגערעדט וועגן פּראַווען אַ סעודה פאַר אַ מנין אורחים, ווי ער האָט זיך נוהג געווען.

ווען מצליח'ס ווייב, מזל, האָט איינגעזען, אַז ס'איז ניטאָ קיין אַנדער עצה, האָט זי אַראָפּגענומען אירע אויערינגלעך און צוזאַמענגענומען אַלע אירע טייערע צירונגען וואָס זי האָט געהאַט פון נאָך דער חתונה אָן, און האָט געגעבן איר מאַן.

„גיי, פאַר'משכון זיי, וועסטו האָבן גענוג געלט צו פּראַווען דעם ליבן יום־טוב שבועות ווי אַלע יאָר", האָט זי צו אים געזאָגט. און ווען מצליח האָט זיך געקווײנקלט, האָט זי אים געטרייסט: „זאָל דיר ניט פאַרדריסן. דער אויבערשטער וועט זיכער העלפן און דו וועסט זיי מיר צוריק־ברענגען און שענקען נייע צירונגען, נאָך שענערע פון זיי".

„געבענטשט זאָלסטו זיין, מיין קרוין. האָט דאָך שלמה המלך גע־

זאָגט ,,אַן אשת־חיל איז די קרוין פון איר מאַן׳. זיכער האָט ער געמיינט אַזאַ אשת־חיל ווי דו״, האָט איר מצליח געדאַנקט מיטן גאַנצן האַרצן.

מצליח האָט פאַרזעצט די צירונגען און האָט באַקומען אַ היבשע סומע מזומן.

גייענדיק צוריק אַהיים, מיט פרייד אין האַרצן וואָס דער יום־טוב וועט ניט זיין אַ פאַרשטערטער חס־ושלום, באַגעגנט ער דעם רב הכולל פון טוניסיע, רבי יצחק טייב (טאַיעב). מצליח האָט דעם רב באַגריסט מיט גרויס יראת־הכבוד. דער רב איז קענטיק געווען צופרידן מיט דער באַגעגעניש, און האָט אים געזאָגט: ,,דו האָסט מיר פאַרשפּאָרט אַ טירחה, מצליח. איך קלייב געלט אויף אַן ענין פון פּדיון־שבויים״.

מצליח האָט אַרויסגענומען דאָס געלט, וואָס ער האָט באַקומען אַלס הלוואה אויף דעם משכון, און האָט עס געגעבן דעם רב, באַדאַנקנדיק אים וואָס ער האָט אים מזכה געווען מיט אַזאַ טייערע מצוה.

,,דער זכות פון דער צדקה זאָל דיר ביישטיין, און דו זאָלסט זוכה זיין צו טאָן אַסך מצוות״, האָט אים דער רב געבענטשט.

,,אמן, כן יהי רצון״, האָט מצליח געענטפערט.

דער רב איז געגאַנגען זיין וועג און מצליח איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע פאַרטראַכט. ,,ווי גייט מען אַהיים מיט ליידיקע הענט? וואָס טוט מען איצט?״

אַזוי טראַכטנדיק, דערהערט ער אַ שטים: ,,יאָ, מצליח! איך גיי עס טאַקע צו דיר. גוט וואָס איך האָב דיר געטראָפן״.

,,יאָ, סוליימאַן!״ האָט מצליח פריינטלעך געענטפערט אויף דער באַגריסונג. ,,מיט וואָס קען איך דיר דינען?״

סוליימאַן איז געווען אַ פערזענלעכער באַדינער פון דעם בעי (קעניג), און ער האָט שוין באַ אים אַ פּאָר מאָל געקויפט אַנטיק־זאַכן פאַר דעם קעניגלעכן הויף.

,,טו מיר אַ טובה, מצליח, איך דאַרף דרינגענד קויפן אַ קאַווע־סערוויז מיט לכל הפחות צוועלף קאַווע־טעפּעלעך, אָבער עס דאַרף זיין

עכטע אַנטיק, אַזוינס און אַזוינס. אויב דו קענסט דאָס מיר איינשאַפן, וועסטו מאַכן אַ גוטן געשעפט. צווישן אונז זאָל עס בלייבן, איך דאַרף דאָס פאַר דעם קעניג אַליין".

„איך קען דיר ניט צוזאָגן, אָבער איך וועל זיך באַמיען מיט אַלע כּוחות", האָט אים מצליח פאַרזיכערט.

מצליח האָט געקענט אַלע אַנטיק־הענדלער אין שטאָט, און אַלע האָבן אים געקענט, און ער איז גלייך אַוועק זוכן די סחורה. דער מזל האָט אים צוגעשפּילט און באַ איינעם פון די הענדלער האָט ער געפונען וואָס ער האָט געזוכט. די סחורה איז באַ אים שוין געלעגן אַ לענגערע צייט און ער איז געווען צופרידן וואָס עס האָט זיך געמאַכט אַ קונה. מצליח האָט זיך מיט אים ניט געדונגען וועגן פּרייז, נאָר האָט אים גע־בעטן געבן אים די סחורה „אויף פּראָקאָט": אָדער ער ברענגט אים די סחורה צוריק, אָדער ער באַצאָלט אים דעם פולן פּרייז. דער הענדלער האָט מסכּים געווען.

מצליח האָט די סחורה געבראַכט צום הויף־באַאַמטן. „ברוך־השם, ס'איז מיר געלונגען צו געפינען אַן אויסערגעוויינלעך שיינעם קאַווע־סערוויז: אַן אַנטיק פון אַנטיקן־לאַנד", האָט ער אים מיטגעטיילט מיט פרייד.

„אויב די סחורה וועט געפעלן ווערן דעם קעניג, וועט זיין גוט פאַר אונז אַלעמען", האָט דער באַאַמטער געזאָגט, און האָט מצליח'ן אַריינ־געפירט צום קעניג.

דער קעניג איז געווען זייער צופרידן. „דאָס איז גענוי וואָס איך האָב געהאַט אין זינען; וואָס איז דיין פּרייז?"

מצליח האָט דעם קעניג געזאָגט דעם פּרייז וואָס ער האָט זיך פאַר־פליכטעט צו באַצאָלן פאַר דער סחורה.

„דאָס איז אַ ווילדע מציאה", האָט דער קעניג באַמערקט. „אָבער דער בעי פון טוניסיע זוכט ניט קיין מציאות". ער האָט געהייסן זיין באַ־אַמטן צו באַצאָלן מצליח'ן פון דער קעניגלעכער קאַסע — דריי מאָל אַזוי פיל.

דאַן האָט דער קעניג פריינטלעך געזאָגט צו מצליח׳ן: „איך ווייס, אַז איר אידן זייט איצט פאַרנומען מיט צוגרייטונגען צו אייער יום־טוב. בין איך דיר דאַנקבאַר וואָס דו האָסט גענומען צייט און טירחה צו איינשאַפן פאַר מיר די קאַווע־טעפּעלעך. זאָג מיר, מצליח, ווי האַלט עס בײַ דיר מיט די הכנות צו יום־טוב?״

„אדוני המלך, איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז דערווײַלע האָב איך נאָך קיין זאַך ניט צוגעגרייט״.

„אויב אַזוי, וועל איך דיר פאַרשפּאָרן צייט״, האָט דער קעניג געזאָגט, און ער האָט באַפוילן זײַן באַדינער באַלד אַריינשיקן צו מצליח׳ן אינדערהיים אַ זעקל פיינע מעל, אַ גרויסן קרוג בוימל, און צוויי לעבעדיקע יונגע שעפּסעלעך.

„דאָס איז אַ מתנה, און גיי פייערן דײַן יום־טוב מיט פרייד״, האָט אים דער קעניג געזאָגט.

מצליח איז אַרויס פון קעניגלעכן פּאַלאַץ אין אַ געהויבענער שטימונג. זײַנע קעשענעס זײַנען געווען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. די ערשטע זאַך — זאָגט ער צו זיך — דאַרף מען גיין באַצאָלן דעם הענדלער פאַר די סחורה; דאַן דאַרף מען גיין אויסלייזן די צירונגען און דערבײַ קויפן אַ פיינע מתנה פאַר מײַן אשת־חיל לכבוד יום־טוב.

גייענדיק אין גאַס, ערשט ער באַגעגנט ווידער דעם רב הכולל. מצליח האָט זיך דערפרייט.

„רבי, דײַן הייליקע ברכה איז מקוים געוואָרן. איצט קען איך זיך דערלויבן צו געבן אַ גרעסערע נדבה פאַר דער מצוה פון פדיון־שבויים״, און ער האָט דעם רב דערלאַנגט נאָכאַמאָל אַזוי פיל ווי פריער.

„געלויבט דער אויבערשטער, מיר האָבן ביידע מצליח געווען״, און ער האָט מצליח׳ן ווידער געוואונטשן אַ פריילעכן יום־טוב פון קבלת התורה.

ווען מצליח איז געקומען אַהיים, האָט אים זײַן מזל באַגעגנט מיט גרויס שמחה. זי האָט שוין געהאַלטן אין באַקן חלות און לעקאַך לכבוד יום־טוב. „די שעפּסעלעך וואַרטן מ׳זאָל זיי נעמען צום שוחט״, האָט זי

אים צוגעאיילט, און ווי צו באַשטעטיקן אירע רייד, האָט זיך דערהערט אַ פריילעך מרוקן — „באַ־אַ, באַ־אַ...״

אַזוי האָבן מצליח און מזל געפּראַוועט יום־טוב מיט גרויסן פרייד. צו דער סעודה, וואָס איז געווען צוגעגרייט כיד המלך, זיינען געווען פאַרבעטן מער אורחים ווי אין די פריערדיקע יאָרן, און ווער עס האָט ניט בייגעוואוינט יענע נאַכט פון שבועות באַ מצליח׳ן אין שטוב, האָט ניט געזען אַ מער פריילעכע און באַגייסטערטע קבלת־התורה־שמחה אין זיין לעבן.

דעם כותל המערבי

א.

ווען ס'איז אַרויס די גזרה, אַז דער בית המקדש זאָל פֿאַרברענט ווערן און די אידן זאָלן פֿאַרטריבן ווערן פֿון זייער לאַנד, האָט ג־ט געזאָגט, אַז די מערב־וואַנט וועט ניט צושטערט ווערן, עס זאָל בלייבן אַן אייביקער אָנדיינקונג פֿון דער שכינה וועלכע פֿלעגט דאָרט רוען.

דער גרויזאַמער אספּסינוס, דער קיסר פֿון רוים, איז אָבער אָנגעגאַנגען מיט זיין צושטערונגס אַרבעט. ווען ער האָט איינגענומען ירושלים און האָט באַלאַגערט דעם בית המקדש, האָט ער פֿאַרטיילט די פֿיר ווענט צווישן זיינע פֿיר גענעראַלן, און האָט יעדן איינעם באַפֿוילן צו צושטערן זיין וואַנט.

דריי האָבן זייערע ווענט צושטערט, אָבער דער פֿערטער, וועמענס אויפֿגאַבע איז געווען צו צושטערן די מערב־וואַנט, האָט זיין וואַנט ניט צושטערט.

אספּסינוס קיסר האָט געהייסן ברענגען פֿאַר אים דעם גענעראַל וואָס האָט ניט צושטערט די מערב־וואַנט. „פֿאַרוואָס האָסטו מיין באַפֿעל ניט אויסגעפֿירט?" האָט אים דער קיסר געפֿרעגט.

„איך שווער ביים קיסר'ס לעבן", האָט זיך דער גענעראַל פֿאַרענטפֿערט, „אַז כ'האָב עס געטאָן פֿאַר דעם כבוד פֿון רוים. ווען איך וואָלט צושטערט אויך די לעצטע וואַנט, וואָלטן דאָך די מענטשן ניט וויסן וואָס פֿאַר אַ גרויסע זאַך דו האָסט צושטערט. יעצט אָבער וועלן אַלע זען דאָס איבערגעבליבענע וואַנט פֿון פּראַכטפֿולן בית המקדש און זאָגן: „אָט איז דאָס אַספּסינוס אַ העלד! ס'אַראַ פּראַכטפֿולע געביידע ער האָט עס צושטערט!"

„דו ביסט טאַקע גערעכט, און האָסט קלוג געטאָן", האָט אים אַספּסינוס געענטפֿערט, אָבער ווייל דו האָסט מיין באַפֿעל ניט ערפֿילט,

קריך אַרויף אויפ'ן דאַך און וואַרף זיך אַראָפּ. אויב דו וועסט בלייבן לעבן, וועל איך דיר דאָס לעבן שיינקען".

דער גענעראַל האָט אַזוי געטאָן, אָבער ער איז געבליבן ליגן אַ טויטער.

ב.

וועגן כותל המערבי ווערט אין ארץ ישראל דערציילט פאָלגנדעס:

די אידן האָבן דעם בית המקדש ניט געקענט און ניט געוואָלט פאַר־געסן. אַלע יאָר צו תשעה באָב פלעגן זיי זיך פאַרזאַמלען ביים כותל המערבי אויסגיסן זייער האַרץ אויף דעם חורבן, און בעטן ג־ט ווידער אויפבויען דעם בית המקדש און צוריקברייגגען אַלע אידן פון די פיר עקן וועלט צוריק אין דעם הייליקן לאַנד.

די רוימער האָבן ניט געקענט צוזען מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ די אידן האָבן זיך געהאַלטן פעסט באַ זייער גלויבן, און ווי הייליק זיי האָבן געהאַלטן דעם כותל המערבי.

האָט דער רוימישער הערשער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל מ'זאָל אונטערצינדן און צושטערן די וואַנט. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן: דאָס פייער האָט די גרויסע שטיינערנע וואַנט ניט גענומען; דער כותל המערבי איז געבליבן שטיין גאַנץ.

האָבן די רוימער געקלערט און געקלערט ביז זיי זיינען געפאַלן אויף אַן איינפאַל. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע גויים וועלכע וואוינען אין ירושלים מוזן אַלע טאָג אויסשיטן די אַש, שטויב און מיסט לעבן כותל המערבי. אַזוי האָבן זיי געהאָפט וועט מען מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרשיטן דעם כותל המערבי, עס זאָל פון אים קיין שפור ניט בלייבן.

טאָג איין טאָג אויס איז דער באַרג אַש און מיסט געוואַקסן לעבן כותל המערבי. די גרונט שטיינער פון וואַנט זיינען פאַרדעקט געוואָרן, און מיט דער צייט איז אויך דער גאַנצער כותל המערבי פאַרדעקט געוואָרן.

האָבן די גויים זיך געפרייט, און די אידן האָבן געטרויערט...

ג.

פיל יאָרן זיינען פאַרביי. קומט צו פאָרן אַ איד פון די גלות לענדער קיין ירושלים אויסגיסן הייסע טרערן אויפ׳ן חורבן. דער איד איז געווען אַ גרויסער צדיק.

גייט ער איבער די גאַסן פון ירושלים און זוכט דעם כותל המערבי. און געפינט אים ניט. פרעגט ער באַ די אָרטיקע איינוואוינער: „וואו געפינט זיך דער כותל המערבי?" שאָקלען זיי מיט די פּלייצעס, און זאָגן, זיי האָבן אין זייער לעבנסטאָג ניט געזען דעם כותל המערבי.

דער איד האָט אָבער ניט אויפגעגעבן די האָפנונג. טאָג און נאַכט איז ער געגאַנגען איבער די גאַסן און האָט געזוכט דעם כותל המערבי.

איינמאָל קומט ער צוגיין צו אַ גרויסן באַרג אַש און מיסט, און וואונדערט זיך פון וואַנעט נעמט זיך אַזאַ ריזיקער באַרג מיסט אויף יענעם אָרט. אינצווישן זעט ער עס גייט אַן אַלטיטשקע גויע און טראָגט אַ שווערן זאַק אויף די פּלייצעס. אַלע פּאָר טריט שטעלט זי זיך אָפּ אָפּ־רוען, און גייט ווייטער.

איז דער איד צוגעגאַנגען איר העלפן. „פון וואַנען קומסטו אַלטיטשקע, און וואָס טראָגסטו דאָ?" האָט איר דער איד געפרעגט.

„איך קום פון דערבייאיקן דאָרף, און כ׳טראָג אַהער אַ זאַק מיסט אויסצושיטן דאָ אויפ׳ן באַרג".

וואונדערט זיך דער איד: „איז דען ניטאָ באַ אייך אין דאָרף אָרט פאַר די מיסט, וואָס מ׳מוז עס שלעפּן אַהער?"

„דו ביסט דאָ אַ נייער מענטש, ווייזט אויס" האָט אים די אַלטיטשקע געענטפערט. „ס׳איז באַ אונז אַן אַלטער מנהג צו ברענגען אַהער אויס־שיטן די מיסט. ס׳איז דאָ אַמאָל געשטאַנען אַ שטיינערנע וואַנט, וואָס די אידן האָבן געהאַלטן הייליק, האָט מען אונז אָנגעזאָגט צו פאַרשיטן די וואַנט. אַמאָל האָט מען אַפילו געקראָגן אַ באַלוינונג דערפאַר, אָבער היינט קריגט מען שוין גאָר ניט דערפאַר", האָט די אַלטע גויע אויסגע־קרעכצט. זי האָט אויסגעשאָטן די מיסט, האָט זיך איבער׳צלמ׳ט, און איז צוריקגעגאַנגען.

דער איד איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט. טרערן האָבן זיך גע־גאָסן פון זיינע אויגן. „איך ריר זיך ניט פון דאַנעט, האָט דער איד גע־זאָגט, ביז כ׳וועל געפינען אַן עצה ווי אָפּצוראַמען די מיסט פון דאַנעט און אויפדעקן דעם כותל המערבי!״

אַ צייט איז ער געשטאַנען, און פּלוצלונג האָבן זיינע אויגן אויפגע־לויכטן פון שמחה...

ד.

דער איד האָט זיך געלאָזט צוריק אין שטאָט, און ווען ער האָט באַגעגנט, האָט ער אַריינגערוימט אין אויער: „מ׳זאָגט אַז עס געפינט זיך אַ גרויסער אוצר באַהאַלטן אונטער דעם באַרג אַש און מיסט, דאָרטן...״

ער האָט גענומען אַ לאָפּאַטע און אַן עמער און האָט גענומען גראָבן אין דעם באַרג מיסט, אָנפילן אַן עמער, און אויסשיטן אַן אַ זייט.

אַ קורצע ווײַלע שפּעטער האָבן זיך באַוויזן נאָך מענטשן מיט לאָ־פּאַטעס, עמערס און פאַרשידענע אַנדערע כלים. די גאַנצע שטאָט ירו־שלים האָט אויפגערודערט פון דער וואונדערליכער ידיעה, אַז עס גע־פינט זיך אַן אומגעהויער גרויסער אוצר אונטער׳ן באַרג מיסט. די גאַנצע שטאָט מענטשן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפ׳ן באַרג, און האָבן פלייסיק גענומען גראָבן, און אָפּראַמען די מיסט.

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געגראָבן, ביז עס האָבן זיך באַוויזן די אויבערשטע שטיינער פון כותל המערבי. די זון איז אונטערגעגאַנגען, און די מענטשן זיינען זיך צוגאַנגען אַהיים אויסרוען.

נאָר איינער איז געבליבן אויפ׳ן באַרג. דער איד פון די גלות לענ־דער. ער האָט אַרומגענומען די שטיינער פון דער הייליקער וואַנט און האָט זיי געקושט מיט טרערן אין די אויגן. דאַן האָט ער אַרויסגענומען גאָלדענע מטבעות און האָט זיי פאַרשאָטן מיט מיסט, און איז אַוועק־געגאַנגען.

קוים האָט די זון זיך באַוויזן איבער די בערג פון יהודה, און אויפ׳ן

באַרג וואו דער כותל המערבי איז געשטאַנען האָט שוין געשווירבלט מיט מענטשן.

פלוצלונג איז געוואָרן אַ גרויסער גערודער. אימיצער האָט גע־פונען גאָלדענע מטבעות! מ׳האָט גענומען זיך צום גראָבן נאָך מיט מער פלייס.

אַלע טאָג האָבן זיך די מענטשן פאַרזאַמלט און געגראָבן טיפער און טיפער. די שטויב און מיסט וואָס מ׳האָט אָפּגעראַמט האָט מען אַוועק־געטראָגן ווייט ווייט פון דאָרטן, און מ׳האָט געגראָבן ווייטער. יעדן טאָג האָט מען געפונען נאָך און נאָך מטבעות, אָבער אַלע האָבן געזאָגט, אַז דער אוצר ליגט גאָר אונטן,ביים פונדאַמענט פון דער וואַנט. און דער איד? ער האָט געגראָבן און געשלעפּט די מיסט, גלייך מיט אַנדערע, און האָט זיין גאַנצן פאַרמעגן אַריינגעלייגט אין דער הייליקער שליחות אויפצודעקן דעם כותל המערבי.

פערציק טעג האָבן די איינוואוינער פון ירושלים געגראָבן אַרום כותל המערבי און געזוכט דעם „אוצר“, און ענדליך האָבן זיי דעם גאַנצן כותל המערבי אָפּגעראַמט. דעם אוצר האָבן זיי ניט געפונען, נאָר פאַר זייערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גרויסע שטיינערנע וואַנט.

פלוצלונג האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעם, און אַ שלאַקס רעגן האָט גענומען גיסן. דריי טעג און דריי נעכט האָט דער רעגן גע־גאָסן און אָפּגעשווענקט און אָפּגעוואַשן דעם כותל המערבי פון די שמוץ. און ווען די מענטשן זיינען אַרויסגעגאַנגען זען וואָס זיי האָבן אויסגעגראָבן, האָבן זיי דערזען אַ הערליכע וואַנט, מיט ריזיקע שטיי־נער, אַנדערע מער ווי 10 פוס די לענג...

פון דאַן אָן, פלעגן זיך די אידן פאַרזאַמלען ביים כותל המערבי אַלע תשעה באב, אויסגיסן טרערן אויפ׳ן ביטערן חורבן און גלות, און בעטן ג־ט אויף דער ליכטיקער גאולה שלימה, וואָס ער האָט צוגעזאָגט דורך אונזערע הייליקע נביאים.

צענדליקער טויזענטער אידן קומען יעצט צום כותל המערבי אום תשעה באב. אידן פון אַלע עקן וועלט קומען צום כותל המערבי דאַוו־

נען און בעטן ג־ט. זיי טוען אויס די שיך איידער זיי גייען צו צום כותל המערבי, ווייל דער אָרט איז הייליק.

אויף דעם אָרט, וואו אברהם אבינו האָט געבראַכט יצחק׳ן צו דער עקדה, וואו עס איז געשטאַנען דער ערשטער בית המקדש וואָס שלמה המלך האָט געבויט, און דער צווייטער בית המקדש וואָס עזרא און נחמי׳ האָבן געבויט, אויף דעם אָרט וועט אויך געבויט ווערן דער דריטער און לעצטער בית המקדש, ווען משיח וועט קומען בקרוב. און דער נייער בית המקדש וועט איבערשטייגן אין זיין פּראַכט און הערליכקייט די ערשטע צוויי בתי מקדש, און ווידער וועלן די כהנים טאָן די הייליקע עבודה, און די לויים וועלן זינגען שירה, און אַלע פעלקער וועלן אָנער־קענען אונזער איין איינציקן ג־ט, און עס וועט זיין אַ שיינע ליכטיקע וועלט.

דער מערקווירדיקער שופר

(אַ קאַפּיטל זכרונות פון אַ מאָסקווער אינגל)

דאָס האָט פּאַסירט אין דעם סאַמע ברען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די נאַצישע אַרמייען האָבן שוין געהאַט פאַרנומען ריזיקע שטחים פון דער רוסישער מדינה, און זיך דערנעענטערט צו מאָסקווע. די מערסטע אידן פון דער רוסישער הויפּט־שטאָט זיינען שוין געוועזן עוואַקואירט אין ווייטע געביטן פון הינטערלאַנד: איבערהויפּט אין מיטל־אַזיע: אוזבעקיסטאַן, קאַזאַכסטאַן א״אַ. אָבער פון די אַנטלאָפענע אין יענע געגנטן זיינען אָנגעקומען זייער ניט קיין פרייליכע גרוסן: מען הונגערט דאָרט, מ׳ליידט פון עפּידעמיעס און פון אַנדערע אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען. צוליב דעם און אויך אַנדערע סיבות איז אונזער משפחה נאָך אַלץ פאַרבליבן אין מאָסקווע.

אָבער אין די ימים־נוראים טעג פון יאָר תש״א איז דער מצב אין דער הויפּט־שטאָט געוואָרן זייער ערנסט און ביטער. די בלוטיקע דייטשע שווערד איז שוין געהאַנגען איבערן קאָפּ. די לופט אין מאָסקווע איז שוין געוועזן אָנגעזאַפּט מיט פאַרצווייפלונג און טויט־שרעק: אָט־אָט וועט אויך די הויפּט־שטאָט אַריינפאַלן אין די גרויזאַמע דייטשע הענט. זייערע לופט־מחבלים האָבן שוין פראַנק־און־פריי געשוועבט אין די מאָסקווער „הימלען״ און אומגעשטערט געהאַגלט מיט פייער און חורבן אויף דער ערד. די בייזע קרעמלין־מויערן זיינען שוין לאַנג געווען אויסגעליידיקט פון דער „מעכטיקער״ סאָוועטישער רעגירונג. דער גאַנצער מלוכה־אַפּאַראַט האָט זיך שוין דאַן געפונען אין דער שטאָט קויבישעוו. אין שטאָט האָט געהערשט די אייזערנע „האַנט״ פון דער רויטער אַרמיי.

דער פאָטער מיינער, עליו השלום, האָט דאַן באַשלאָסן, אַז ס׳איז שוין די העכסטע צייט מיר זאָלן זיך גרייטן אין וועג אַריין. מ׳מוז אַנטלויפן! אָבער די צייט איז שוין געוועזן זייער קורץ. טאָג נאָך טאָג זיינען

אַנגעקומען אַלץ מער טרויעריקע ידיעות. איין טאָג איז דער וועג קיין טאַשקענט געוואָרן אָפּגעשניטן דורך די דייטשע חיילות; און אויף מאָרגן איז שוין אויך די באַן־ליניע קיין אַלמאַ־אַטאַ (די הויפּט־שטאָט פון קאַזאַכסטאַן) געווען אָפּגעשלאָסן. די עוואַקואַציע־מעגלעכקייטן זיינען געוואָרן וויניקער און שוואַכער. עס איז נאָר געבליבן אָפן איין אייזנבאַן־וועג וואָס האָט געפירט קיין באַשקיריע אָדער סיביר. האָט דער פאָטער באַשלאָסן, אַז מיר מוזן זיך לאָזן פאָרן דורך אָט־דעם איינציקן וועג.

דאָס זיינען געווען פיל־פאַכיקע „ימים נוראים" — דאָס האַרץ האָט געפלאַטערט פון פאַרכטיקער שרעק. אויך די פריילעכע טעג פון סוכות און שמחת־תורה זיינען אַדורך אין שרעקלעכע מורא, טאָמער וועלן חלילה איבערגעריסן ווערן אַלע וועגן פון מאָסקווע. מיר האָבן שוין פאַרצווייפלטע געוואָרט אַז נאָך יום־טוב, זאָלן מיר זיך קענען אַרויסרייסן פון מאָסקווע. און ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע מאָמענטן האָבן מיר אַלע זיך געמוטיקט מיט די ווערטער פון טאַטן ע"ה: „ניט פאַרלירט דעם בטחון! דער אויבערשטער וועט ווייזן אַ וועג!"

די גאַנצע נאַכט פון מוצאי שמחת־תורה האָבן מיר אין געאײַל צונויפגעפּאַקט אונזער ביסל „האָב־און־גוטס". און באַלד אינדערפרי האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין דעם עשאַלאָן, וואָס איז געגאַנגען ערגעץ ווייט אין דעם באַשקירן־לאַנד. דאָס איז געווען אַ גרויסער עשאַלאָן פון פראַכט־וואַגאַנען, אָנגעפּאַקט מיט פּליטים. די איינציקע באַשיצונג פון דער ביטערער קעלט איז געווען אַ קליינע אייזערנע אויוועלע אין מיטן וואַגאָן.

צוויי און צוואַנציק טעג האָבן מיר זיך געשלעפּט אין אָט־די משׂאָוואַגאַנעס. און „אונזער" עשאַלאָן איז טאַקע געווען דער לעצטער, וואָס איז דעמאָלט אַרויס פון מאָסקווע, וואָרום אויך דעם דאָזיקן איינציקן וועג האָבן די דייטשע אַרמייען באַלד איבערגעריסן. דער נאַצישער בלוטיקער רינג אַרום דער רוסישער הויפּט־שטאָט האָט זיך צוזאַמענגעשלאָסן פון אַלע זייטן...

ענדלעך האָט מען אונז אַראָפּגעלאָזט אויף אַ ווייטער פאַרוואָרפענער סטאַנציע אין באַשקיריע. דאָרט האָט מען אונז ערשט אָנגעלאָדן אויף אַן אַלטן פראַכט־אויטאָמאָביל און אונז אָפּגעפירט אין אַ זייטיקן

דערפל, זיבעציק קילאָמעטער פון דער סטאַנציע. ס׳איז געווען אַזאַ פאַרוואָרפן דאָרף, וואו די איינוואוינער האָבן קוים געוואוסט ווי אַזוי עס זעט אויס אַ איד. איז מען טאַקע אַנגעלאָפן פון אַלע זייטן צו באַקוקן די נייע אָנגעקומענע מענטשן, וואָס האָבן זיך גערופן „יעווריעאי״ (אידן): „צי האָבן זיי ניט קיין הערנער אויף זייערע שטערנס״. נו, האָבן זיי „טאַקע״ אָנגעטראָפן אַ מאָדנעם טיפ מענטשן — אַ אידן מיט באָרד און פיאות און אויך אַ אינגעלע מיט פיאות. דערנאָך זיינען דאָרט צוגעקומען נאָך עטלעכע אידישע משפחות און ס׳איז געוואָרן עטוואָס היימישער.

ב.

אין דעם פאַרוואָרפענעם דאָרף (אַ „קאָלכאָז״ פאַרשטייט זיך) האָט אונזער גאַנצער משפחה געאַרבעט אויפן פעלד, ווי דער געזעץ פאָדערט. און דערפאַר האָבן מיר געהאַט מיט וואָס צו שטילן אַביסל דעם הונגער: מיר האָבן דאָרט געקראָגן קאַרטאָפל און אַפילו זעקלעך מעל פון צייט צו צייט. אמת, דאָס מעל האָט ניט געטויגט צום באַקן, ווייל עס איז געווען צעפוילט און האָט געהאַט אַזאַ „נאַטור״ וואָס ביים באַקן האָט דאָס טייג זיך געשפּאָלטן, געבלעזלט און ס׳איז אַרויס אַ משונה׳דיקע פאַרזעעניש אין טעם און אויסזען. אָבער קאָכן האָט מען דאָס מעל יאָ געקענט: אַזעלכע קניידלעך וואָס האָבן פאַרקלעפּט דעם גומען און דעם... מאָגן. עס האָט אויך געהאַט אַ משונה׳דיקן נאָמען — זאַטערוכאַ.

אַזוי האָבן מיר דאָרט איבערגעלעבט דעם סוף ווינטער און דעם גאַנצן זומער. און ווידער האָבן זיך דערנענטערט די ימים־נוראים. אין אונזער דערפל איז ניט געווען שייך צו טראַכטן וועגן מאַכן אַ מנין אויף ראש השנה און יום כיפּור. מיר האָבן זיך אָבער דערוואוסט, אַז אין אַ ישוב ניט גאָר־ווייט פון אונז וועלן אידן אין דער שטיל צונויפשטעלן אַ מנין אין די הייליקע טעג. נאָר קורץ פאַר ראש השנה, ווען מיר האָבן זיך געקליבן פאָרן, איז דער טאַטע זייער קראַנק געוואָרן און מ׳האָט ניט געקענט טראַכטן וועגן פאָרן ערגעץ. אָבער מער ווי די קרענק גופא האָט דעם טאַטן געמאַטערט דער געדאַנק: ווי קען מען עס ראש השנה ניט הערן קיין שופר?! ער האָט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און געמאָנט,

געקרעכצעט כסדר: אַ שופר, אַ שופר! אָבער קיין שופר האָבן מיר ניט געהאַט ביי זיך און ס׳איז ניט געווען וואו צו קריגן.

אונזער הויף איז געווען דאָרפיש, גרויס, פוסט און ווילד אָפּגע־לאָזן. דער גאַנצער שטח פון הויף איז מיר געווען גוט באַקאַנט, ווי ביי אַ אינגל אין אַ דאָרף. איז מיר דערפאַר געווען אַזאַ איבעראַשונג ווען איך האָב פּלוצלונג דערזען אין הויף עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט מיר אויס־געזען ווי נאָר אַ זעאונג אין חלום — אַ גאַנצער קאָפּ פון אַ באַראַן... מיט די הערנער! אַ שופר! עפּעס אַ גוטער מלאך וואָלט עס אונז אונטערגעוואָרפן — האָב איך געטראַכט. אַוודאַי האָב איך געוואוסט אַז פון אַ באַראַן־האָרן ווערט געמאַכט אַ שופר. איך האָב אָבער ניט גע־וואוסט ווי אַזוי מ׳טוט עס. האָב איך געכאַפּט דעם קאָפּ און אים שנעל פאַרבאַהאַלטן אין איינער פון די טיפסטע ווינקלען־לעכער, וואָס נאָר מיר איז עס געווען באַקאַנט. קיין נפש וועט עס ניט דערטאַפּן. און אַזוי ווי צו אונז איז דאַן געקומען מיין שוואָגער, וועט ער שוין אויסאַרבעטן אַ ריכטיקן שופר — אַזוי האָב איך געטראַכט, ווען כ׳האָב פאַרבאַהאַלטן דעם „אוצר״. אין די אויערן האָט מיר שוין געקלונגען דער הערלעכער קול שופר, תקיעה, שברים — טוטוטוטו!

און אַט שלעפּ איך שוין, אויף מאָרגן, מיין שוואָגער צום פאַר־באָרגענעם ווינקל — און איך שילדער פאַר אים מיט גרויס פרייד דעם וואונדערלעכן קאָפּ מיט די הערנער — אָבער אַזוי פּלוצים בין איך ווידער דערשטוינט געוואָרן פון שרעק: ניטאָ אין דער באַהעלטעניש, ניט דער קאָפּ און ניט די הערנער! און אויך איך אַליין האָב פאַרלאָרן דעם קאָפּ פון צער און פון אַ מין בושה. ווייל מיר האָט זיך איצט גע־דוכט, אַז אַ שלעכטער מלאך האָט זיך גערייצט מיט מיר פון אָנהויב אָן. טעג גאַנצע בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ טשאַד. אָנשטאָט דעם „קול פון שופר״ האָט אין מיינע אויערן אָפּגעקלונגען אַ מין אינעווייניקסטער געוויין.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער בין איך אין אַ נאָכמיטאָג אַריין אין הויף און איך בין געבליבן שטיין ווי אַ באַנומענער: אין מיטן הויף איז זיך געלעגן „מיין״ קאָפּ מיט די צוויי אויסגעדרייטע הערנער צום הימל, פונקט ווי ער וואָלט דאָרט געלעגן משׁשת ימי בראשית. דאָס מאָל האָב



איך שוין געכאַפּט דעם „קאָפּ״, אים ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט, ביז כ׳האָב אים אָפּגעגעבן מיין שוואָגער. ער האָט עס מיטגענומען אין פעלד אַריין, וואו ער האָט געשניטן די ווייץ. ער האָט שווער געאַרבעט: צו דורכלעכערן, רייניקן, איבערזעגן — אָבער ס׳איז אַרויס אַן אמת׳ער כשרער שופר. עס האָבן אים אַפילו צוגעהאָלפן די פויערשע שקצים. וואָרים מיין שוואָגער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער וויל דערפון מאַכן אַזאַ זעלטענעם סאָרט פלייטע, פייפל, צום שפילן...

דעם ערשטן טאָג ראש השנה האָבן זיך דאָס הייפּעלע אידן צונויפּ־געקליבן ביי אונז אין הויז. דער טאַטע האָט זיך געשטאַרקט, אַראָפּ פון בעט און געזאָגט, אויסגעוויינט די פסוקים פאַר שופר־בלאָזן. און ווען דער „וואונדערלעכער״ שופר האָט אַרויסגעהילכט די ערשטע תקיעה, האָט דאָס בינטעלע נעבעכדיקע אידן אויפגעציטערט און אים אָפּגע־ענטפערט מיט אַ כליפּעריי, מיט געוויינען. אידן האָבן מסתמא געוויינט פון אייגענע צרות, פון פאַרלאָרענע ברידער, עלטערן, קינדער; און מסתמא אויך טרערן פון תשובה, פון געבעט, פון האָפענונג — ס׳איז דאָך געווען אַזויפיל פון וואָס צו וויינען; אויך איך האָב געוויינט — כאָטש כ׳האָב אַליין ניט געוואוסט געגוי פאַרוואָס מיר גיסן זיך טרערן נאָך טרערן...

* * *

דעם דאָזיקן „מאָדנעם״ שופר האָבן מיר מיטגעבראַכט צוריק אין מאָסקווע פון דער עוואַקואַציע. מיר האָבן אים געהיט ווי דאָס אויג פון קאָפּ. ביז... מ׳האָט ביי אונז „צוגענומען״ אונזער קאָפּ, דער קאָפּ פון אונזער משפחה.

אין איינער אַ פינסטערער נאַכט האָבן די מאָסקווער „ענקאַוועדע״־לייט אַוועקגענומען דעם טאַטן און אים פאַרשיקט אין טורמע. „זיי״ האָבן קאָנפיסקירט דעם טאַטנס ספרים און צווישן זיי אויך דעם געפונענעם שופר — מאָדנע געקומען און נאָכמער מאָדנע גרויזאַם פאַרשוואונדן.

די סוכה האָט געראַטעוועט

דאָס איז געווען אַ פּאָר יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. מען האָט אין סאָוועטן־רוסלאַנד פאַרשטאַרקט די פאַרפאָלגונג קעגן די פרומע אידן — איבערהויפּט רבנים, שוחטים, חסידים און יעדן אויף וועמען ס׳איז געווען אַ פאַרדאַכט, אַז ער טוט עפּעס פאַר אידישקייט. מ׳האָט זיי אַרעסטירט, געפּייניקט, פאַרשיקט און אַפילו פאַראורטיילט צום טויט.

אין דער שטאָט ר. איז ר׳ שואל געווען דער וואָס האָט שטילער־הייט געמאַכט אַ מנין צום דאַוונען, געלערנט מיט אידן, געבויט ביי זיך אַ סוכה, וואו אידן פלעגן קומען מקיים זיין די מצוה פון ישיבת סוכה און ער האָט געטאָן נאָך אַ סך זאַכן צו מוטיקן די פרימערע אידן און אידישקייט.

ביים סוף זומער איז די לאַגע געווען זייער אַנגעצויגן און ערנסט. מ׳האָט שוין אַ צאָל אידן אַרעסטירט. ר׳ שואל׳ס ווייב האָט מיט תחנונים און טרערן געבעטן זיך ביי איר מאַן, ר׳ שואל, ער זאָל אַוועקפאָרן פון שטאָט, איידער חס־ושלום... זי האָט אַפילו געשיקט זייערע צוויי טעכטערלעך, אַז זיי זאָלן זאָגן צום טאַטן: „טאַטע, האָב רחמנות אויף דער מאַמען און אויף אונז — פאָר אַוועק אויף אַביסל צייט פון שטוב..."

ר׳ שואל׳ן האָט פאַרקוועטשט דאָס האַרץ. ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן אין אַ געוויסע שטאָט צו דער משפחה פון זיין ווייב. ער האָט עס אָבער אָפּגעלייגט. ווי קען ער אַוועקפאָרן פאַר ראש־השנה? אָן אים וועט דאָך אַפילו ראש־השנה ניט זיין קיין מנין; אידן וועלן אפילו קיין שופר ניט הערן! נאָך ראש־השנה איז אים געווען נאָך שווערער איבערצולאָזן דאָס ביסל אידן וואָס האָבן זיך געטוליעט אַרום אים. מעג ער זיי איבער־לאָזן אַליין אינ׳ם הייליקן טאָג יום־כיפור?! האָט ער זיין פאָרן אָפּגעלייגט אויף נאָך יום־כיפור.

אָבער באַלד מוצאי־יום־כיפור האָבן שוין די אידן אין שטילן מנין

געקוקט אויף אים מיט אויגן פול געבעט. אפשר האָבן זיי שטומערהייט גאָר געבעטן, אַז ער זאָל זיך ראַטעווען און אָוועקפאָרן. און אַזוי האָט פאַר אים דאָס אויסגעטייטשט זיין ווייב. ר׳ שואל האָט אָבער זייערע בליקן געזען און „געלייענט״, אַז מסתמא וועט ער זיי אויך אויף סוכות ניט איבערלאָזן. ער וועט זיך באַמיען, זיי זאָלן האָבן אַ סוכה, וואו צו מקיים זיין די מצוה „בסוכות תשבו״, און אפשר זיי אויך באַזאָרגן מיט אַן אתרוג . . .

האָט ר׳ שואל אָפּגעלייגט זיין אַוועקפאָרן אויף נאָך סוכות.

* * *

ר׳ שואל האָט דאָס יאָר געבויט אַ סוכה, אָבער ניט אין הויף ביים טויער, ווי אַלע יאָר, נאָר צווישן דעם שטאָל און קליינעם גערטנדל ביים הויף. דאָס איז שוין געווען אַ קליינע סוכה׳לע, אָבער אַ כשר׳ע מיט כשר׳ן סכך. איינציקווייז, אַז שכנים זאָלן ניט באַמערקן, זיינען געקומען אידן אין די אָוונטן און האָבן אין ר׳ שואל׳ס סוכה׳לע געמאַכט אַ ברכה און געגעסן דיביידע טעג יום־טוב. און צו ר׳ שואל׳ס פרייד איז ניט געווען קיין גרענעץ.

דעם ערשטן טאָג חול־המועד סוכות האָט ווידער דאָס ווייב גע־נומען בעטן זיך ביי ר׳ שואל׳ן, ער זאָל פאָרן צו איר ברודער — און ר׳ שואל האָט שוין געמוזט איר צוזאָגן, אַז מאָרגן ביינאַכט וועט ער שוין פאָרן. היינט אין אָוונט האָט ער אַ שיעור צו לערנען מיט אַ פּאָר אינגלעך. „אַ שאָד דורכצולאָזן היינטיקן שיעור״.

ר׳ שואל איז געקומען פון שיעור גאַנץ שפּעט. ער האָט מיט די בחורים היינט געלערנט לענגער ווי אַלעמאָל — ס׳איז דאָך אפשר היינט דאָס לעצטע מאָל, איידער ער פאָרט אַוועק! האָט ער גערעדט אַ סך און מיט וואַרעמקייט, און קומענדיק אַהיים איז אים געווען טרוקן אין מויל. האָט ער זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער און געוואָלט אויסטרינקען. אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז חסידים־מהדרים טרינקען אויך וואַסער נאָר אין סוכה. ס׳איז דאָך אָבער שפּעט ביינאַכט — ס׳מאַכט ניט אויס, אַז ער וועט דאָס מאָל טרינקען אין הויז — האָט ר׳ שואל געטראַכט. אָבער אַז ער האָט געעפנט דאָס מויל צו מאַכן די ברכה „שהכל״, האָט אים אַ

צווייטער געדאַנק אונטערגעזאָגט: ס'איז ניט שיין! איז עס שוין אַזוי שווער צוצוגיין און טרינקען אין סוכה?!

ר' שואל האָט גענומען די כלי מיט וואַסער און איז שטילערהייט אַוועק אין סוכה. ס'איז דאָרט געווען פינסטער און שטיל. ר' שואל האָט זיך צוגעזעצט. די שטילקייט און רואיקייט האָט אים מאָדנע לייכט געמאַכט דאָס געמיט. ס'האָט זיך אים ניט געוואָלט אַרויסגיין פון סוכה'לע, כאָטש ער האָט שוין לאַנג אויסגעטרונקען דאָס וואַסער. אין מוח האָט אים גענומען עגבערן אַ נײַ געדאַנק: אפשר אָפּלייגן דאָס פאָרן אויף נאָך יום־טוב? . . .

* * *

מעגלעך אַז ר' שואל האָט עטוואָס איינגעדרימלט אין סוכה'לע, און אפשר אַזוי, געווען טיף פאַרטראַכט — אָבער ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן הערנדיק, ווי מ'קלאַפּט שטאַרק אין דער הויף־טיר פון זיין שטוב. ער האָט אַרויסגעשטעקט די קאָפּ און אין דער טונקלקייט באַמערקט צוויי טונקעלע סילועטן. די טיר האָט זיך געעפנט און אין בלאַסן אָפּשיין פון קאָרידאָר־לעמפּל האָט אַ פינקל געטאָן אַ האַרט־גלאַנציקער דאַשיק פון אַ . . . מיליציאָנעריש היטל!

„זיי זיינען פאָרט געקומען מיר נעמען!" — האָט ר' שואל אַ טראַכט געטאָן און זיך באַגאָסן מיט אַ כוואַליע היץ און באַלד מיט אַ ציטער פון קעלט. ער האָט געוואָלט לויפן צום טויער און זיך האַסטיק אַ ריס געטאָן צוריק. „רואיק! ניט פאַרלירן דעם קאָפּ!" האָט ער מיט ביידע הענט זיך איינגעקלאַמערט אין זיין באָרד. דאָרט, לעבן טויער קענען שטיין נאָך אַ פּאָר „ענקאַוועדיסטן". זיי היטן געוויס די גאַס־טיר . . .

ר' שואל האָט זיך אַרויסגערוקט פון סוכה, זיך צוגערוקט צום פּאַר־קאַן פון גערטנדל, הינטער דער סוכה. די טיר פון הויז האָט זיך ווידער האַסטיק געעפנט. עס האָבן זיך דערהערט שווערע טריט, בייזע קולות אין רוסיש; אַ בלאַס אָפּשיין פון אַ טאַשן־לעמפּל האָט אַרומגעוואַנדערט איבערן הויף. ר' שואל האָט מיט די לעצטע כוחות זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן פּאַרקאַן. אַראָפּשפּרינגען? אָבער אויף יענער זייט פּאַרקאַן, אין געסל, איז די ערד געווען נידעריק און פול מיט שטיינער, שערבלעך און שטיקלעך גלאָז.

די טריט זיינען געוואָרן נעענטער, די קולות העכער. איין קול האָט, אין רוסיש, געזאָגט מיט בייזקייט: „ער מוז זיין דאָ ערגעץ — כ׳האָב אים געזען גייענדיק אַהער״... און ר׳ שואל האָט אַ שפּרונג געטאָן איבערן פּאַרקאַן...

צוויי שעה איז ר׳ שואל געגאַנגען פֿון יענעם געסל, דורך אַנדערע געסלעך, ביז ער איז געקומען צו אַ קליינער באַן־סטאַנציע. ער האָט דאָרט מורא געהאַט צו וואַרטן אויף דער באַן וואָס גייט צו דער שטאָט ל. און האָט איינגעשטיגן אין דעם ערשטן צוג, וואָס איז געגאַנגען צו דער שטאָט ק...

* * *

אויף מאָרגן האָט זיין ווייב באַקומען אַ בריוו פון איר שוועגערין אין דער שטאָט ל., אַז איר מאַן איז צוליב „געזונט״ געפאָרן זיך היילן אין אַ „קוראָרט״ (און דאָס האָט געמיינט, אַז אויך איר ברודער פון דער שטאָט ל. האָט געמוזט אַנטלויפן...).

אַ שמחת־תורה אין סיביר

די הקפות אין בית־המדרש זיינען געווען אין פולן שוואונג. יונגע בחורימ׳לעך, קינדער און אַלטע חסידים האָבן געטאַנצט מיט גרויס דביקות און האָבן מיטגעריסן מיט זייער התלהבות אויך די וועלכע זיינען געקומען בלויז צו קוקן. אויך בײַ זיי האָט זיך דערוועקט דער געפיל, אַז זיי האָבן דאָך אויך אַ חלק אין דער תורה און האָבן מיט וואָס זיך צו פרייען.

באַזונדערס לעבעדיק האָט געטאַנצט אַן עלטערער חסיד מיט אַ לאַנגער גרוי־ווייסער באָרד און מיט טיפע קנייטשן אין פנים. זיין באַוועגלעכקייט און ליכטיקע אויגן האָבן אָבער עדות געזאָגט, אַז די פאַרעלטערטקייט איז בלויז אַן אויבערפלעכלעכער שטעמפל פון זיינע איבערלעבענישן במשך לאַנגע יאָרן פון וואַלגערן זיך אין תפיסות און פאַרשיקונגען הינטער דעם „אייזערנעם פאָרהאַנג״, ווי פיל אַנדערע חסידים וועלכע האָבן זיך מוסר־נפש געווען צו אויפהאַלטן די גליענדע פונקען פון אידישקייט אונטער דעם סטאַלין־רעזשים.

איך האָב געטאַנצט האַרט לעבן אים, מיט מיין רעכטער האַנט אויף זיין פּלייצע, ניט אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אים, און צוזאַמען האָבן מיר זיך געדרייט אין דעם געדיכטן קאַראַהאָד. ווען ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, צווישן איין הקפה און אַ צווייטער, האָב איך זיך געזעצט לעבן אים. עס איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט אַריינצוציען אים אין אַ שמועס און הערן אַ וואָרט, אַן עפּיזאָד, אָדער אַ מעשה פון יענע יאָרן הינטער דעם „אייזערנעם פאָרהאַנג״.

„דערציילט מיר, ר׳ אשר, וואָס עס דערמאָנען אייך די היינטיקע הקפות״, האָב איך זיך געווענדעט צו אים, זעענדיק אַז ער האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט און פאַרטיפט אין מחשבות.

איך האָב שטאַרק ניט געדאַרפט בעטן. ר׳ אשר האָט גענומען דערציילן.

...דאָס איז געווען אין יאָר תשי״ג (1953). מ׳האָט מיך פֿאַרשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט אין סיביר. דאָס איז געווען אַ גרויסער אַרבעטס־לאַגער אין דעם נידערלאַנד פֿון מזרח־סיביר, אַרומגערינגלט מיט סאָסנע־וועלדער. אַ פֿאַרוואָרפֿענער אָרט אין דער געגנט פֿון אָמסק, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „צווישנטייך״, זייענדיק צווישן די טייכן אירטיש און אָב. אין דעם לאַגער, וועלכער איז געווען אַרומגעצאַמט מיט שטעכעדיקע דראָטן, האָבן געאַרבעט אַרום 3000 שקלאַפֿן־אַרבע־טער, ס׳רוב פֿון זיי פֿאַרשיקטע פֿאַר „קאָנטראַ־רעוואָלוציאָנערע טעטי־קייטן״, אַ צאָל אוקריינישע נאַציאָנאַליסטן, און פֿאַרשידענע פֿאַר־ברעכער. די אַרבעטער זיינען געווען פֿאַרטיילט אין בריגאַדן, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון אַ בריגאַדיר, און איבער אַלע בריגאַדירן איז געווען דער הויפּט־נאַטשאַלניק (פֿאַרוואַלטער) פֿון לאַגער. יעדע בריגאַדע האָט געהאַט איר באַראַק, אַ מין קאַזאַרמע מיט הילצערנע נאַרעס און שטרוי־זעק, וואו די אַרבעטער האָבן קוים געקענט איסרוען זייערע מידע ביינער. די אַרבעט איז באַשטאַנען פֿון שניידן געהילץ און צוגרייטן בוי־מאַטעריאַל אין די אַרומיקע וועלדער, אויף בויען הילצערנע כאַטעס, און פֿאַרשידענע אַנדערע איינריכטונגען.

אין אַ געוויסן טאָג — ס׳איז געווען הושענא־רבה, האָט אונזער ברי־גאַדיר באַקומען אַ באַפֿעל אַריבערצופֿירן אַכצן מאַן אין אַ צווייטער בריגאַדע. איך בין געווען צווישן די אַכצן, דער איינציקער איד. די איבעריקע זיינען געווען גויים.

מ׳האָט אונז אַריבערגעפֿירט אין אַ צווייטן באַראַק, און איך האָב זיך גענומען אויסזוכן אַ זייטיקע נאַרע, ערגעץ אין אַ ווינקל, וואו איך זאָל קענען דאַוונען (און לייגן תפֿילין), ניט וואַרפֿנדיק זיך צופֿיל אין די אויגן.

שטייענדיק לעבן דערליידיקער נאַרע וואָס איך האָב זיך אויס־געקליבן, הער איך ווי איינער פֿון די גויים פֿון מיין פֿריערדיקער ברי־גאַדע גיט אָפּ אַ באַריכט צום אַריינגעקומענעם בריגאַדיר: „מיר זיינען איבערגעשיקט געוואָרן אַהערצו, אַכצן מאַן; איינער — ער שטייט דאָרטן — אַ ,זשיד׳. אָבער ער אַרבעט ניט שבת״.

„באַ מיר וועט ער אַרבעטן!״ האָט דער נייער בריגאַדיר געזאָגט.

„בעסער לאָז אים צורו. ער איז אַ ,טשודאַק'; שרעקט זיך פאַר קיינעם ניט; ער האָט אַפילו פאַר דעם נאַטשאַלניק אויך ניט מורא, נאָר פאַר ג־ט אַליין. וועסט זיך פאַרשפּאָרן אומאָנגענעמלעכקייטן ווען די טשעפּעסט אים ניט..."

דער בריגאַדיר האָט גאָרניט געענטפערט.

שפּעטער האָט ער מיך אַריינגערופן צו זיך.

„דו אַרבעסט ניט שבת?"

„ניין, שבת אַרבעט איך ניט".

„און מאָרגן וועסטו גיין אויף דער אַרבעט?"

„ניין".

„פאַרוואָס ניט? ס'איז דאָך ניט שבת!"

„מאָרגן איז באַ מיר יום־טוב. יום־טוב אַרבעט איך אויך ניט".

„וואָס פאַר אַ יום־טוב איז מאָרגן?"

„מאָרגן איז דער אַכטער טאָג פון דעם יום־טוב סוכות — ,בודקעלעך'".

„יאָ, יאָ, בודקעלעך, איך האָב געהערט, גוט. איך וועל דיר ניט צווינגען אַרבעטן. אָבער איך בעט דיר, אַז דו זאָלסט אַרויסגיין צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע, און ניט בלייבן זיצן אין באַראַק ווי אַ פּריץ. אַניט וועט זיין ניט אָנגענעם, ניט פאַר דיר און ניט פאַר מיר..."

„אַוודאי, אַוודאי... מיט פאַרגעניגן", האָב איך אים פאַרזיכערט.

אויף מאָרגן בין איך אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט אַלעמען, זיך צו שטעלן, כלומרשט, צו דער אַרבעט. דער בריגאַדיר האָט פאַרטיילט די גאַנצע בריגאַדע אין קלענערע גרופּען און זיי אָפּגעשיקט אויף פאַר־שידענע אַרבעטן. מיך האָט ער איבערגעלאָזן צום לעצטן, און האָט אַ ברום געטאָן: „דריי זיך אַרום" און איז אַוועק.

איך האָב מיר אויסגעזוכט אַ האַלב־פאַרענדיקטע כאַטע אין אַ פאַר־

וואָרפענעם ווינקל. דאָ האָב איך זיך גענומען צוגרייטן צום דאַוונען. צייט האָב איך געהאַט גענוג. איך האָב געדאַוונט געלאַסן, מיט כוונה, אין אַ יום־טוב׳דיקער שטימונג. ווען איך האָב שוין געהאַלטן באַ „עלינו״ איז אַריינגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער און צעשוויצטער גוי. „ענדלעך גע־פונען!״ האָט ער אויסגערופן, „קום שנעלער!״

„וואָס האָט פּאַסירט?״ האָב איך אים געפרעגט, נאָכלויפנדיק.

„דער בריגאַדיר האָט דיך אומעטום געזוכט: עס דאַרף באַלד פאַר־קומען אַ ,פּראָווערקע׳ (רעוויזיע); דער נאַטשאַלניק קומט!״

די גאַנצע בריגאַדע אַרבעטער איז שוין געשטאַנען אויסגעשטעלט, מיטן בריגאַדיר בראש, און מ׳האָט געוואַרט אויף דעם נאַטשאַלניק. דעם בריגאַדיר׳ס פּנים איז געווען בלייך פון שרעק. דערזעענדיק אונז ביידן איז אים לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. באַלד איז אויך געקומען דער נאַטשאַלניק, און די רעוויזיע איז אַדורך בשלום.

ווען דער נאַטשאַלניק איז אַוועק, האָט דער בריגאַדיר צוגערופן צוויי גוֹיים און האָט זיי אָנגעזאָגט צו האַלטן אַן אויג אויף מיר. איך האָב געפּרואווט פאַרזיכערן דעם בריגאַדיר, אַז דאָס איז אינגאַנצן ניט נויטיק, אָבער ער האָט מיר שוין מער ניט געוואָלט גלויבן. „דו קענסט נאָך ווידער פאַרפאַלן ווערן און אַריינשלעפּן מיך אין אַ בלאָטע״! האָט ער געזאָגט אַן אָנגעכמורעטער.

איך און מיינע צוויי שומרים האָבן זיך אויסגעזוכט אַ שטילן ווינקל אין וואַלד, און האָבן זיך אויסגעזעצט אויף קלעצער. עס איז מיר געווען זייער גוט אויפן האַרצן: ס׳איז דאָך פאָרט געווען יום־טוב, און דער אויבערשטער האָט געהאָלפן און מיך אויסגעלייזט פון אַ צרה, און האָט מיר אַפילו געגעבן אַ מעגלעכקייט ניט מחלל צו זיין יום־טוב. אַגב, איז דאָך פאָרט געווען „זמן שמחתנו״. איז דען אַ קונץ מקיים צו זיין „ושמחת בחגיך״ באַ זיך אינדערהיים? אַדרבה, זיי פריילעך דאָ אין לאַגער אין סיביר! און אַזוי טראַכטנדיק האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט זינגען אַ חסידישן ניגון.

מיטאַמאָל רופט זיך אָפּ צו מיר איינער פון מיינע צוויי שומרים, אַז

אוקראַינער: „מיר זיצן און טוען גאַרניט! אפשר קענסטו כאָטש זינגען אַ לידל?״

„איך קען און נאָך ווי!״ האָב איך פריילעך געענטפערט, און צומאַכנדיק די אויגן, פאַרגעסנדיק אַז איך בין אַ פאַרשיקטער אין סיביר, האָב איך זיך צעזונגען מיט גרויס האַרציקייט און כוונה אַ פריילעכן שמחת־תורה׳דיקן ניגון, וואָס האָט ווייזט אויס דערגומען אויך מיינע צוויי צוהערער. ווען איך האָב פאַרענדיקט, האָבן זיי אויסגערופן: „בראַוואָ, מאָלאָדיעץ!״

אין אָוונט, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אין באַראַק, האָבן די צוויי אוקראַינער דערציילט זייערע חברים, אַז איך קען זינגען פריי־לעכע מעלאָדיעס. די גויים האָבן מיך אַרומגערינגלט און האָבן מיר גע־בעטן זינגען.

ס׳איז דאָך געווען די נאַכט פון שמחת־תורה, און עס האָט זיך מיר געוואָלט אויך טאַנצן. האָב איך זיי געזאָגט: „ניט נאָר קען איך זינגען, נאָר איך קען אויך טאַנצן!״ איך האָב זיי געהייסן אויסזעצן זיך, און אַזוי ווי זיי קענען דאָך ניט מיינע מעלאָדיעס, האָב איך זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן צוקלאַפּן מיט די הענט, בשעת איך וועל זינגען און טאַנצן.

און אַזוי האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ חסידישן ריקוד, זינגענ־דיק און טאַנצנדיק. פאַרשוואונדן זיינען די פויערים, דער באַראַק, סיביר מיט דער קאַטאָרזשנער אַרבעט. אין מיין געדאַנק בין איך געווען אין „ליובאַוויטש״ צו הקפות.

„הנרות הללו" פון אַ בעל־עגלה

אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען דער אייזנבאַן איז נאָך געווען אַ זעלטנ־הייט און האָט פאַרבונדן בלויז די גרעסערע שטעט, האָט דער בעל־עגלה פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט. סוחרים וועלכע האָבן געוואָלט פאָרן אויף אַ יריד, אָדער איבערשיקן סחורה, האָבן דאָס געמוזט טאָן מיט פערד און וואָגן. דער בעל עגלה האָט אָפט אויך פאַרנומען דעם אָרט פון דער פּאָטשט אויף איבערצושיקן בריוו און געלט.

אין דער שטעטל, וואו אונזער מעשה איז זיך פאַרלאָפן, האָבן זיך אויסגעצייכנט צוויי בעלי־עגלות. איינער איז געווען אַ יונגער, אַ יאָט מיט ביינער, שאַרף און אימפּעטיק. ער האָט געהייסן „מאָטל בעל־עגלה". זיינע פערד זיינען געווען געראָטן אין אים. ער האָט געהאַט אַ פּאָר פערד ווי לייבן. ווען זיי זיינען געשטאַנען אויף אַן אָרט, האָט די ערד געברענט אונטער זייערע פיס, און ווען זיי זיינען געלאָפן אין וועג, האָט מען געקענט מיינען, אַז אַ שד זיצט אין זיי.

יונגע סוחרים, וועלכע האָבן תמיד געוואָלט זיין די ערשטע אויפן יריד, פלעגן זיך באַנוצן מיט מאָטלען. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז שטענדיק גרייט צו פאָרן, און זיי דאַרפן ניט האָבן קיין גרויסע הכנות מיט אים.

דער צווייטער בעל־עגלה איז געווען אַ באַיאָרנטער מענטש, אַ געלאַסענער און געשטעלטער. ער איז געווען אַ גרויסער ירא־שמים, כאָטש ניט קיין גרויסער למדן. ער פלעגט ניט אָפּכאַפּן דעם דאַווענען; נאָכן דאַווענען פלעגט ער זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים, און צוזעצן זיך צום בלאַט משניות. ער האָט שטרענג אָפּגעהיט אַלע מצוות, און זיין בעל־עגלה'שאַפט האָט אים נישט געשטערט אין אויספירן אַלע מצוות בהידור. גערופן האָט מען אים „פיניע בעל־עגלה". מען האָט אים אָבער אויך גאַנץ אָפט גערופן מיט דעם בכבוד'יקן נאָמען ר' פינחס, ווייל ער איז געווען באַקאַנט אַלס אַן ערליכער איד.

פיניע'ס פערדלעך זיינען געווען אַלטע און דאַרע, און האָבן זיך גאָר ניט געקענט פאַרמעסטן מיט מאָטל'ס פערד. דערפאַר האָט מען צו פיניען געהאַט פיל צוטרוי, און מען פלעגט דורך אים שיקן געלט און סחורה.

אַזוי איז מאָטל געווען דער „פּאַסאַזשיר עקספּרעס", און פיניע איז געווען דער „פראַכט צוג". פון צייט צו צייט פלעגן מיט פיניען אויך מיט־פאָרן עטלעכע סוחרים, בײַ וועמען דאָס בלוט האָט ניט געקאָכט אַזוי שטאַרק, און זיי האָבן זיך אויך ניט געאיילט צופיל, ווי פיניע אַליין.

צווישן די צויי בעלי־עגלות איז אָנגעגאַנגען אַ שטילע קאָנקורענץ, און דער יונגער בעל־עגלה האָט געזוכט צו פאַרכאַפּן וואָס מער גע־שעפט און אָפּציען קונדן פון דעם עלטערן. פיניע איז אָבער געווען אַ בעל־בטחון, און האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז דער אויבערשטער וועט אים ניט פאַרלאָזן.

געווען איז דאָס ווינטער־צייט און טאַקע מוצאי־שבת חנוכה. דעם גאַנצן טאָג שבת האָט געבושעוועט אַ זאַווערוכע און עס איז געפאַלן שניי אין די הויפנס. אין אָוונט האָט זיך דער ווינט איינגעשטילט, דער שניי האָט אויפגעהערט. דער פראָסט האָט געקנאַקט, און די וועג האָט זיך גוט איינגעשטעלט.

מאָטל איז געווען זייער צופרידן. דריי סוחרים האָבן מיט אים אָפּגערעדט פאַר שבת אַרויסצופאָרן גלייך נאָך הבדלה צום יריד. דאָס פאָרן האָט געדאַרפט נעמען כמעט אַ גאַנצע נאַכט. האָבן זיי געוואָלט קומען פאַרטאָג און זיין די ערשטע אויפן מאַרק.

מיט איין „וויאָ", האָט מאָטל אַראָפּגעשלונגען מעריב, געמאַכט הבדלה און אָנגעצונדן די חנוכה ליכטלעך. ער האָט ניט געוואַרט ביז די חנוכה ליכטלעך וועלן אויסברענען, און האָט שנעל איינגעשפּאַנט פערד און וואָגן. און נאָך איידער די חנוכה ליכטלעך האָבן אויסגעברענט בײַ אים אין הויז, איז מאָטל שוין געווען אין וואָגן מיט די סוחרים, וואַרים אָנגעפּעלצטע אין די פוטערן, אָנגעטאָן אין וואַליקעס, מיט באַשליקעס אויפן קאָפּ. מאָטל גיט אַ מאַך מיטן בייטש און אַ געשריי „וויאָ"! און דער שליטן גיט זיך אַ ריר און נעמט זיך גליטשן איבערן שניי און די גלעק־לעך קלינגען לוסטיק.

און אין דערהיים צאַנקען די חנוכה ליכטלעך פאַרשעמט...

* * *

פיניע בעל־עגלה דאַרף אויך אַרויספאָרן אין וועג מיט צוויי סוחרים. אָבער ווען מאָטל איז שוין געווען אין וועג, האָט פיניע ערשט געדאַוונט מעריב בציבור. דאַן איז ער געקומען אַהיים, האָט געמאַכט הבדלה און האָט לאַנגזאַם און ניט געכאַפּטערהייט געבענטשט חנוכה־ליכט, געזונגען „הנרות הללו״, און דערנאָך געזעצט זיך פּראַווען „מלוה מלכה״.

זיינע פּאַסאַזשירן זיינען דערווייַלע געוואָרן אַביסל אומרואיק. זיי האָבן געהאָפּט, אַז דאָס מאָל לכל הפּחות וועט פיניע ניט מאַכן אַזוינע לאַנגע שהיות, וואָרום ס׳איז דאָך געווען דער יאַרמאַרק, ניט סתם אַ מאַרק. זיינען זיי געקומען צולויפן צו פיניע׳ן.

„ר׳ פינחס!״ האָבן זיי צו אים געזאָגט מיט באַשולדיקונג, „מיר דאַרפן פאָרן, און איר פּראַוועט מלוה־מלכה! מאָטל איז שוין ווער ווייס וואו, און ווען וועלן מיר קומען אויפן יריד מיט די אַלע הכנות? אַ שאָד! געדאַרפט פאָרן מיט מאָטלען״.

„נו, נו, האָט ניט קיין פאַרדרוס״, האָט זיי פיניע באַרואיקט. „מיינט ניט אַז דער אויבערשטער וועט זיך ניט ספּראַווען צו געבן אייך פּרנסה מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער. ס׳איז דאָך עפּעס חנוכה אויף דער וועלט. זעצט זיך צום טיש און פאַרזוכט אַ וואַרימע לאַטקע...״

די סוחרים זיינען אָבער געשטאַנען מיט אומגעדולד און זיך קוים דערוואַרט ביז פיניע האָט פאַרענדיקט די וועטשערע, געבענטשט לאַנגזאַם און מיט כּוונה, און געוואַרט ביז די לעצטע חנוכה ליכטל האָט אויסגעברענט, ערשט דאַן איז ער געגאַנגען איינשפּאַנען פערד און וואָגן.

ענדלעך האָט מען זיך אַריינגעזעצט אין שליטן און די פערדלעך האָבן זיך געלאָזט גיין, טראָט באַ טראָט. „וויאָ״! גיט שוין פיניע אַ געשריי, און די פערדלעך נעמען אונטערלויפן אַביסל.

„וואָס העלפט אייער וויאָ, אַז די פערד זיינען פּגירות״, רופט זיך אָפּ איינער פון די סוחרים, אומגעדולדיק.



„בייזערט זיך ניט", ענטפערט פיניע, און עס נעמט אים אַרום אַ רחמנות געפיל פאַר זיינע פערדלעך. געוואוסט האָט ער אַז פערדלעך טרייבט מען מיט האָבער און היי און ניט מיט אַ געשריי, אָבער וואָס זאָל ער טאָן? ער אַליין האָט אויך קוים ברויט צו זאַט, און זיינע אָרימע פערדלעך קריגן תּמיד דעם ערשטן ביסן, נאָר ס'איז קוים גענוג צו דער־האַלטן די אַלטע ביינער.

פאָרט זיך אַזוי פינע מיט זיינע פּאַסאַזשירן. דער הימל איז פול מיט שטערן, וועלכע פינקלען צו אים שפּילעוודיק, און פיניע באַוואונדערט די שיינקייט דערפון. צוביסלעך נעמען זיך זיינע אויגן צוקלעפּן און ער דרעמלט איין. זיינע פּאַסאַזשירן האָבן שוין לאַנג שלום געמאַכט מיט זייער גורל און זיינען געשלאָפן געשמאַק.

דער וועג גייט דורך אַ געדיכטן וואַלד און רינגלט אַרום אַן אָזערע. די אָזערע איז ווינטער פאַרפראָרן. ווען דער אייז איז פעסט, פאָרט מען איבער אים מיט פערד און שליטן. יענער ווינטער איז אָבער ביז דאַן נאָך ניט געוועזן אַ קאַלטער, און דער אייז איז נאָך ניט געוועזן פעסט גענוג. פיניע דרעמלט, און די לייצעס הייגען אַראָפּ. די פערד מיידן אויס די אָזערע אינסטינקטיוו, און פאָרן מיטן וועג אַרום.

ווען פיניע עפנט אויף די אויגן, האָט שוין דער הימל געהאַלטן ביים בלייכער ווערן. פון ווייטן דערזעט ער שפּיצן פון די הייזער. ער רייבט זיך די אויגן און וואונדערט זיך, ווי אַזוי דער וועג איז אַזוי איינגעלאָפן, אַז זיי זיינען שוין באַלד אין שטאָט. לויט זיין חשבון האָט נאָך געדאַרפט נעמען אַ צוויי־דריי שעה.

פיניע פירט דעם שליטן צו דער אכסני', וואו די סוחרים פאָרן געוויינלעך אַריין. דער טויער איז נאָך געשלאָסן. די סוחרים כאַפּן זיך אויף פון שלאָף און גלויבן ניט אַז זיי זיינען שוין אָנגעקומען. עס איז נאָך פינסטערלעך אַרום. נאָך מער פאַרוואונדערט זיינען זיי, ווען זיי זעען, אַז מאָטל איז נאָך ניטאָ מיט זיינע פּאַסאַזשירן.

דערווייל האָט שוין גענומען טאָגן. די סוחרים נעמען טלית און תּפילין און גייען אין שול דאַווענען מיטן ערשטן מנין. פון דאָרט גייען זיי אויפן יריד און זיינען דוקא מצליח און מאַכן גוטע געשעפטן. אַ פּאָר

שעה שפּעטער גייען זיי צוריק אויף דער אכסני' עסן פרישטיק, ערשט מאָטל קומט צופאָרן מיט זיינע פּאַסאַזשירן און זיי טרייסלען זיך פון קעלט.

„וואָס איז מיט דיר געשען?" פרעגן פיניע'ס פּאַסאַזשירן מאָטלען. „אַרויסגעפאָרן ביסטו מיט אַ שעה פריער פון אונז; פערדלעך האָסטו ווי סטרונעס, און ווי אַזוי, זאָג מיר, קומט עס וואָס דו ביסט געקומען מיט עטלעכע שעה שפּעטער ווי פיניע?"

„זאָג זשע מיר", פרעגט מאָטל צוריק, „פיניע איז געפאָרן איבער דער אָזערע?"

די סוחרים קוועטשן מיט די פּלייצעס. „מיר זיינען געשמאַק געשלאָפן. ווער ווייס? גיכער זיינען זיי געפלויגן אין דער לופטן, פיניעס פערדלעך. מיר האָבן געהאַט קפיצת הדרך!

„מיט מיר איז דאָס ניט געגאַנגען אַזוי גוט דעם מאָל. מיינע פערדלעך האָבן מיך פאַרשלעפּט איבער דער אָזערע, און דער אייז האָט זיך אונטער אונז געבראָכן. נאָך גוט וואָס ס'איז געווען לעבן ברעג, אַניט וואָלטן מיר דערטרונקען געוואָרן. אָבער מיר האָבן זיך גוט אָפּגעטובל'ט, און קוים אַרויסגעקראָכן. דערנאָך זיינען אונזערע קליידער אויף אונז איינגעפראָרן פון קעלט. מיר האָבן זיך געדאַרפט אַריינכאַפּן אין אַ פּויערשע כאַטע, לאָזן די בגדים אָפּגיין, אויסטריקענען זיי און זיך אָנוואַרימען. קיין וואונדער ניט וואָס מיר האָבן זיך אַזוי פאַרשפּעטיקט..."

„נו, זעסט שוין, מאָטל, אַז ס'איז ניט כדאַי געווען צו איילן זיך. די חנוכה ליכטלעך האָבן דיר ניט מוחל געווען, וואָס דו האָסט זיי געלאָזט שטיין אַליין אין שטוב, און דו ביסט געלאָפן, וועלטן איינגעלייגט, אַבי צו ברענגען דיינע פּאַסאַזשירן פריער ווי פיניע'ן. דער אויבערשטער האָט דיך געוואָרנט. דאַרפסט גומל בענטשן, וואָס דו ביסט אַרויס גאַנץ מיט אַלע ביינער, און דיינע פערדלעך אויך..."

„יאָ, יאָ, איך האָב זיך שוין אויסגעניכטערט", האָט מאָטל געענטפערט. „איך וועל שוין קיינמאָל די חנוכה ליכטלעך ניט לאָזן אַליין, כ'וועל זיי שוין קיינמאָל נישט פאַרשעמען. ווי איך בין אַ איד!".

די פּורים שפּילער

קינדערלעך, ווילט איר הערן אַ מעשה?

אַוודאי, אַוודאי! ווער וויל דאָס ניט הערן אַ מעשה? איז עס אָבער אַן אמת׳ע מעשה?

אין דעם פאַל איז גראָדע ניט וויכטיק, צי עס האָט באמת פּאַסירט, אָדער ניט. זיכער איז עס, אַז אַזאַ מעשה האָט געקענט פּאַסירן. דער עיקר איז, אַז עס איז אַן אינטערעסאַנטע מעשה, מיט אַ מוסר־השכל, און אַז איר וועט זיך צוהערן און צולייגן אייערע קלוגע קעפּעלעך, וועט איר אויך פאַרשטיין וואָס די מעשה לערנט אונז. טאָ שלאָגט מיך מער ניט איבער און הערט אַ מעשה:

אין אַ שטעטל האָט אַמאָל געלעבט אַ יונגע פּאָר־פאָלק. דער יונגערמאַן האָט ביז צו דער חתונה געלערנט אין אַ ישיבה, און אויך נאָך דער חתונה האָט ער זיך געזעצט לערנען אַ געוויסע צייט. דאַן האָט ער גענומען טראַכטן וועגן פּרנסה. ער האָט אָנגעהויבן האַנדלען מיטן נדן, וואָס די פרוי האָט אַריינגעבראַכט, און האָט שטאַרק מצליח געווען, ביז ער איז געוואָרן אַ רייכער מאַן.·דער אויפגעקומענער גביר האָט זיך אַלץ מער אַריינגעוואָרפן אין זיינע געשעפטן און איז געוואָרן אַלץ מער פאַר־קאָכט אין פאַרדינען וואָס מער געלט.

די אָרעמקייט אין שטעטל איז געווען גרויס, און דערצו פלעגן אָפט קומען בעטלער און קלאַפּן אין טיר, בעטן אַ נדבה אָדער עפּעס צו עסן. די יונגע בעל־הבית׳טע איז געווען אַ גוטהאַרציקע פרוי און האָט קיין בעטלער, אָדער אָרעמאַן, ניט אָנטזאָגט. אָבער דער מאַן אירער איז געווען אַ קמצן, אַ קאַרגער; און וואָס רייכער ער איז געוואָרן, אַלץ קאַר־גער איז ער געוואָרן. ביז ער האָט אָנגעזאָגט זיין ווייב, אַז זי זאָל מער קיין בעטלער ניט אַריינלאָזן אין שטוב.

פון אַלע ימים־טובים איז פאַר דעם גביר פּורים געווען דער שווער־סטער. פּורים איז דאָך דער יום־טוב ווען מ׳דאַרף שיקן שלח־מנות און

געבן מתנות לאביונים, און דאָס איז אים געווען גאָר ניט צום האַרצן. קיינער האָט דעם גביר ניט געשיקט שלח־מנות, ווייל מ׳האָט אים אין שטעטל ניט ליב געהאַט, און ער האָט ניט געהאַט קיין איין־איינציקן גוטן פריינט, וועמען צו שיקן שלח־מנות. האָט ער געשיקט „שלח־מנות״ זיין ווייב — אַ המן־טאַש און אַ פייג אויף אַ טעלער, מיינענדיק אַז דערמיט איז ער שוין יוצא משלוח־מנות, און האָט יוצא געווען מתנות לאביונים מיט אַ פּאָר פּרוטות פאַר די בעטלער אין בית־מדרש, ווען ער איז גע־קומען הערן די מגילה.

ווען ער האָט זיך געזעצט צו דער פיינער פּורים־סעודה, האָט מען גענומען שטאַרק קלאַפּן אין טיר. דער גביר האָט זיך גע׳חידוש׳ט, וואָרום ס׳איז שוין געווען אַ לאַנגע צייט זינט אימיצער האָט געקלאַפּט אין זיין טיר. ער האָט געשיקט דאָס ווייב זען ווער עס קלאַפּט, און ער האָט דערהערט פריילעכע אויסרופן: „גוט־פּורים! גוט־פּורים! היינט איז פּורים און מאָרגן איז אויס, גיט אונז אַ נדבה און מיר גייען אַרויס!״

דאָס זיינען געווען די „פּורים־שפּילער״, וועלכע זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז קלייבן נדבות פאַר „מעות־חיטים״, אויף מצה און וויין פאַר די אָרעמעלייט פונם שטעטל, ווי עס איז געווען דער מנהג אין יענע צייטן. וואָרום פון פּורים ביז פּסח איז דאָך אינגאַנצן פיר וואָכן, און די נויט איז געווען זייער גרויס. פלעגן זיך ישיבה־בחורים און יונגע־לייט פאַרשטעלן פאַר פּורים־שפּילער און קלייבן נדבות פאַר אָרעמע־לייט, און קיינער פלעגט זיך ניט אָנטזאָגן פון אַזאַ גרויסער מצוה.

אָבער ווען דאָס ווייב איז אַריין צוריק צו איר מאַן בעטן אַ נדבה פאַר די פּורים־שפּילער, האָט דער מאַן איר געהייסן אַוועקשיקן זיי מיט ליידיקע הענט. מיט אַ שטאַרק פאַרשעמטן פּנים האָט דאָס ווייב נעבעך געמוזט פאַרמאַכן די טיר, איבערלאָזנדיק די פּורים־שפּילער אין דרויסן.

באַלד אויף מאָרגן, ווען דער גביר האָט זיך אומגעקערט צו זיינע געשעפטן, האָט ער געליטן אַ גרויסן פאַרלוסט, און פון דאַן אָן זיינען די געשעפטן געגאַנגען באַרג אַראָפּ. אַלץ צו וואָס ער האָט זיך גענומען, איז געווען אַ דורכפאַל און אַ היזק. בקיצור, עס האָט לאַנג ניט גע־דויערט, ביז דער אויפגעקומענער גביר איז געוואָרן אַ יורד, אַן אָרע־מאַן, אַן אביון. צוביסלעך האָט ער געמוזט אַלץ אויספאַרקויפן פון הויז,

אַפילו זיין ווייב׳ס צירונגען. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער געזאָגט זיין ווייב, אַז ער איז שוין געבליבן אָן אַ פּרוטה, און האָט קיין אַנדער עצה ניט ווי צו גיין בעטלען נדבות. ער האָט איר געגעבן די ברירה: אָדער זי זאָל זיך נעמען פאַר אַ טאַרבע, ווי ער, אָדער זי זאָל אים מוחל זיין די כתובה און נעמען אַ גט.

די פרוי, וועלכע האָט שוין לאַנג ניט געקענט פאַרטראָגן איר מאַנ׳ס קריגעריי, האָט באַשלאָסן צו נעמען אַ גט.

מיט דער צייט האָט די יונגע גרושה חתונה געהאַט מיט אַ יונגן אַלמן, אַן איידעלער יונגערמאַן און אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער, און זיי האָבן געפירט אַ גליקלעכן לעבן. זיי האָבן געלעבט אין אַ דערבייאיקן שטעטל און האָבן געהאַט אַ גוטן נאָמען. דער מאַן האָט איר ניט געשטערט צו מקרב זיין אָרעמעלייט און פראַוועז הכנסת־אורחים; פאַרקערט, ער האָט זי דערמוטיקט אין דעם און האָט באַ יעדער געלעגנהייט געגעבן צדקה מיט אַן אָפענער האַנט. דאָס ווייב האָט, ווייזט אויס, געבראַכט מזל אין הויז. דער מאַן האָט מצליח געווען אין זיינע געשעפטן, און זיי זיינען אויך געבענטשט געוואָרן מיט פיינע קינדערלעך, אַ אינגעלע און אַ מיידעלע. עס איז געווען אַ ליכטיקע, פריילעכע און גליקלעכע אידישע היים, אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן ניט ערגער.

און אָט איז געקומען דער פריילעכער יום־טוב פּורים, און מאַן און ווייב און קינדערלעך זיינען געזעסן באַ דער פּורים־סעודה. עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, און דאָס ווייב איז געגאַנגען עפענען די טיר. באַ דער טיר איז געשטאַנען אַ בעטלער, אַ פאַרהונגערטער, אַ נעבעכדיקער. זי האָט אים אַריינגעפירט אין שטוב אַריין, און דער מאַן האָט אים געבעטן וואַשן זיך און זעצן זיך צום טיש צו דער סעודה.

דער בעטלער האָט זיך מחי׳ געווען מיט דער משקה וואָס דער בעל־הבית האָט אים מכבד געווען. ער האָט שוין לאַנג אַזאַ סעודה ניט געהאַט, מיט פיש, עוף, צימעס און אַלערליי מטעמים. טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן; צי דאָס זיינען געווען טרערן פון דאַנק־באַרקייט, אָדער פון דערמאָנענען זיך זיין ביטערע מערכה — דאָס האָט קיינער אויסער אים ניט געוואוסט, אָבער אַלע אַרום טיש האָבן זיך באַמיט אים פריילעכער צו מאַכן.

לאַנג נאָכדעם ווי דער אָרעמאַן איז אַוועקגעגאַנגען, אַן אָנגע־זעטיקטער און אַ דערמוטיקטער, זיינען נאָך דער מאַן און ווייב געזעסן ביים טיש, און האָבן מיט מיטגעפיל געשמועסט וועגן זייערן אָרעמען אורח, נעבעך.

„ווייסטו מיין טייערע", האָט דער מאַן געזאָגט, איבעררייסנדיק זיינע געדאַנקען, אין וועלכע ער האָט זיך פאַרטראַכט, „דער אָרעמאַן האָט מיך דערמאָנט וועגן דער צייט, מיט פיל יאָרן צוריק, ווען איך בין געווען אין דער זעלבער לאַגע ווי ער. איך דערמאַן זיך אַ געוויסן פורים, ווען איך בין אַ פאַרהונגערטער געגאַנגען צו אַ גביר פון אַ שטעטל, גראָדע ניט ווייט פון דאַנעט, מיט דער האָפענונג צו באַקומען דאָרט עפּעס צו עסן. צוקומענדיק צו דער טיר, האָב איך דאָרט גע־טראָפן אַ כאָפּטע פורים־שפּילער, וועלכע האָבן געוואַרט צו באַקומען אַ נדבה. דער גביר האָט זיי אָפּילו אין שטוב ניט אַריינגעלאָזן, און אַוועק־געשיקט אָן אַ נדבה. איך האָב באַלד פאַרלאָרן דעם חשק אָפּילו צו קלאַפּן אין טיר, און בין אַוועק אַ הונגעריקער. און איצט, זעסטו ברוך־השם, דער אויבערשטער האָט אונז געהאָלפן, און מיר קענען פראַווען הכנסת־אורחים. ווער ווייס, אפשר איז דער אָרעמאַן, אונזער אורח, אויך אַמאָל געווען אַ בעל־הבית מיט לייטן צוגלייך, און אפשר אפילו אַן עושר? דער אויבערשטער איז אַ משפּיל גאים ומגבי׳ שפלים — דער־נידעריקט די שטאָלצע און דערהויבט די געפאַלענע... ער, דער אויבערשטער, דרייט דאָס רעדל, אַרויף און אַראָפּ..."

„דו האָסט גראָדע צוגעטראָפן", האָט דאָס ווייב געענטפערט, ווישנ־דיק אירע טרערן. „אונזער אורח איז געווען אַמאָל אַ גרויסער גביר..."

„פון וואַנעט ווייסטו?" האָט דער מאַן איר געפרעגט פאַר־וואונדערט.

„דאָס איז טאַקע געווען יענער גביר, בא וועמענס טיר דו האָסט גע־טראָפן די פורים־שפּילער".

איר מאַן האָט זיך נאָך מער פאַרוואונדערט, און ער האָט ווידער געפרעגט: „אָבער פון וואַנעט ווייסטו דאָס?"

„איך בין געווען דערביי. אונזער אורח איז געווען מיין ערשטער מאַן", האָט זי שטיל געענטפערט.

צדיקים און גוטע אידן

די לייבן האָבן זיך דערשראָקן

א.

אין ירושלים האָט אַמאָל געלעבט אַ גרויסער רב און צדיק, ר׳ אברהם גאַלאַנטי. אין זיין צייט איז אין ירושלים געווען אַ גרויסע ישיבה און אַ כולל, וואו עס האָבן געלערנט פיל יונגע תלמידי־חכמים. פון צייט צו צייט פלעגן די ראשי־ישיבות און רבנים פון שטאָט אַרויסשיקן אַ ספּעציעלן שליח אין דערבייאיקע און ווייטערע לענדער צו זאַמלען געלט פאַר דער ישיבה, כדי אויסצוהאַלטן די יונגע תלמידי־חכמים און זייערע משפחות.

עס האָט זיך אַנגערוקט אַ הונגער־יאָר, ווען עס איז געווען אַ גרויסע טריקעניש, און עס איז געוואָרן אַ גרויסער דוחק אין עסנוואַרג, און די פּרייזן זיינען געשטיגן. פיל אידן, וועלכע פלעגן אַרויסהעלפן די ישיבה־תלמידים, זיינען אַליין פאַראָרעמט געוואָרן, און עס האָט געדראָט אַ הונגער פאַר דער גאַנצער קהילה פון דער הייליקער שטאָט.

זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די רבנים און חכמים פון דער שטאָט און האָבן געוואָרפן גורל, ווער עס זאָל זיין דער ספּעציעלער שד״ר (משולח) אַרויסצופאָרן זאַמלען געלט פאַר די נויטבאַדערפטיקע אין ירושלים עיר־הקודש.

דער גורל איז געפאַלן אויף ר׳ אברהם גאַלאַנטי.

שווער איז געווען פאַר דעם צדיק, וועלכער איז טאָג און נאַכט גע־זעסן על התורה ועל העבודה, צו לאָזן זיך אין וועג. אָבער ער האָט די שליחות גערן אָנגענומען, וואָרום עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן דערהאַלטן ביים לעבן אַזויפיל טייערע נפשות. האָט ער גענומען זיין טלית און תפלין און אַביסל צידה לדרך און האָט זיך געלאָזט גיין קיין יפו. דאָרט האָט ער זיך געזעצט אויף אַ שיף וואָס איז געפאָרן אין קושטא (קאָנסטאַנטינאָפּאָל).

ווען די שיף האָט דערגרייכט די ברעגן פון קושטא, האָט דער קאַ־פּיטאַן באַמערקט, אַז עס קומט פאָר אַ גרויסע טומלעניש און לויפעניש אין דער שטאָט. מענטשן זיינען געלאָפן אין די גאַסן ווי באַנומענע, מיט געשריי און געפילדער; מ׳איז געשטאַנען אויף די דעכער און מ׳האָט גע־פּאַכעט מיט די הענט, און באַוואָפנטע זעלנער זיינען אַרומגעלאָפן הין און צוריק. עס איז אָנגעפאַלן אַ שרעק אויף דעם קאַפּיטאַן און די רייזנדע אויף דער שיף. דער קאַפּיטאַן האָט ניט געוואָלט אַריינפירן די שיף אין האַפן, ביז עס וועט זיך איינשטעלן אַ נאָרמאַל לעבן אין דער שטאָט, און עס איז בײַ אים רעכט געווען צו פאָרן ווייטער, ניט וויסנדיק ווי לאַנג די פּאַניקע אין דער שטאָט וועט דויערן.

ר׳ אברהם גאַלאַנטי האָט אָבער געבעטן דעם קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל אים אַראָפּלאָזן אויף אַ קליין שיפל און הייסן איינעם פון די מאַטראָסן צופירן אים צום ברעג און לאָזן אים אַרויסגיין, און דאַן קען דער מאַט־ראָס זיך צוריקשיפן און אומקערן זיך צו דער שיף, איבערלאָזנדיק אים אין דער שטאָט.

דער קאַפּיטאַן האָט געפּרוּווט אָפּריידן דעם רב דערפון און ניט איינשטעלן זיין לעבן אין אַ זיכערער סכּנה. ר׳ אברהם האָט אָבער ניט געוואָלט הערן דערפון. ער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז דער קאַפּיטאַן זאָל דערפילן זיין פליכט און אים צופירן צו דער שטאָט, אַזוי ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, ווען ער האָט זיך געזעצט אויף דער שיף און באַ־צאָלט פאַר זיין רייזע קיין קושטא.

„איך האָב ניט קיין מורא, און דער אויבערשטער וועט מיר העלפן״, האָט ר׳ אברהם פאַרזיכערט דעם קאַפּיטאַן. „עס איז דורכאויס נויטיק אַז איך זאָל זיין אין קושטא; עס איז פּשוט אַ פראַגע פון הצלת־נפשות. איך בין דאָך ניט אַרויסגעפאָרן סתם צוליב פאַרגעניגן״.

דער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט שוין גוט באַמערקט, אַז ר׳ אברהם גאַלאַנטי איז ניט אַזאַ פּשוטער מענטש, האָט באַשלאָסן נאָכצוגבן זיין פאַרלאַנג, זעענדיק ווי פעסט אַנטשלאָסן ער איז. ער האָט דערקלערט פאַר די אַנדערע פּאַסאַזשירן, אַז ער טוט עס בלויז אויף דעם פּאַסאַ־זשיר׳ס אייגענער אחריות. דאַן האָט ער ר׳ אברהם׳ען אַראָפּגעלאָזט אין

אַ קליין שיפל און איינער פון די מאַטראָסן האָט אים צוגעפירט צום ברעג און גלייך אָפּגעפאָרן צוריק צו דער שיף.

ב.

ווי נאָר ר׳ אברהם גאַלאַנטי האָט געשטעלט די ערשטע טריט אויף דעם ברעג פונם האַפן, זיינען צוגעלאָפן צוויי באַוואָפנטע זעלנער און האָבן אויסגערופן: „אַנטלויף, גיך, באַהאַלט זיך, דו אַלטער, אויב דיין לעבן איז דיר טייער!״

ר׳ אברהם האָט זיי רואיק געפרעגט: „וואָס האָט פּאַסירט?״

„צוויי ווילדע לייבן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דעם סולטאַנ׳ס גאָרטן און לויפן אַרום אין שטאָט. זיי האָבן אַנגעוואָרפן אַ טויט־שרעק אויף די איינוואוינער. פאַרליר ניט קיין צייט!״

אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן איינער פון די לייבן, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צו זיי. די זעלנער זיינען תיכף פאַרשוואונדן געוואָרן.

ר׳ אברהם גאַלאַנטי איז געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. דער לייב איז צוגעקומען צו אים, אָבער אַנשטאָט אַנצופאַלן אויף אים, האָט ער זיך גע־זעצט באַ זיינע פיס, ווי אַן אונטערטעניקער, געהאָרכזאַמער הונט. ר׳ אברהם האָט אים אָנגענומעןביים אויער און האָט אים גענומען פירן צום סולטאַנ׳ס פּאַלאַץ. אויפן וועג האָט ער באַגעגנט אויך דעם צווייטן לייב, וואָס האָט זיך געפּרואווט אַריינרייסן אין אַ פאַרמאַכטער טיר. ר׳ אברהם האָט אויך דעם לייב אָנגענומען ביים אויער מיט דער צווייטער האַנט, און אַזוי האָט ער זיי ווייטער געפירט, באַגלייט פון די פאַרוואונדעטע און אומגלויבלעכע בליקן פון די מענטשן וועלכע זיינען געשטאַנען אויף די דעכער און האָבן אָנגעקוקט דעם וואונדער.

אויך דער סולטאַן און זיינע באַדינער זיינען געשטאַנען אויפן דאַך פון זיין פּאַלאַץ און האָבן צוגעזען דעם וואונדער, ווי אַן אַלטער איד פירט די צוויי לייבן, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געווען שטילע שעפּסעלעך.

דער סולטאַן האָט פון דאַך אָנגעוויזן ר׳ אברהם׳ען, וואוהין צו פירן

די לייבן. ר׳ אברהם האָט זיי צוגעפירט צו זייערע שטייגן און האָט זיי דאָרט אַריינגעלאָזן און דערנאָך צוגעמאַכט די אייזערנע גראַטעס.

דאַן האָט דער סולטאַן געהייסן רופן צו זיך דעם מערקווירדיקן אַלטן. ער האָט אים געגעבן אַ שטול צווישן זיינע געהויבענע שרים, וועלכע האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט פאַר אים מיט גרויס כבוד. דאַן האָט אים דער סולטאַן געפרעגט ווער ער איז און פון וואַנעט ער קומט.

ר׳ אברהם גאַלאַנטי האָט דעם סולטאַן דערציילט, אַז ער איז אַ רב אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, און איז געשיקט געוואָרן צו שאַפן הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקע אין דער שטאָט צוליב דעם הונגער וואָס עס הערשט דאָרטן.

„ווי קומט צו דיר אַזאַ דרייסטקייט און גבורה, צו באַהערשן צוויי ווילדע לייבן, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן אַזאַ שרעק אין מיין שטאָט?" האָט אים דער סולטאַן געפרעגט. „און אפשר ביזטו גאָר אַ כישוף־מאַכער?"

„אדוני המלך, דו זעסט דאָך אַז איך בין אַן אַלטער און שוואַכער מאַן. און וואָס איז שייך כּישוף — חס ושלום! אידן איז פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט כּישוף. אָבער אונזערע חכמים זאָגן: ,דער איז אַ גיבור, וועלכער באַהערשט זיין נאַטור׳. איך האָב זיך שטענדיק באַמיט צו באַהערשן מיין נאַטור. איך האָב פאַר קיינעם ניט מורא, אויסער פאַר דעם אויבערשטן אַליין. און דער אויבערשטער, ווען ער האָט באַשאַפן אַלע חיות, האָט ער אין זיי אַריינגעגעבן אַן אינערלעכע נאַטירלעכע שרעק פאַר אַ מענטשן. דאָס איז אָבער נאָר ווען דער מענטש פירט זיך ווי עס באַדאַרף צו זיין און באַהערשט זיין אייגענע נאַטור. אויב אָבער אַ מענטש פירט זיך אויף ווי אַ בהמה אָדער אַ חי׳, דאַן פאַרלירט ער דעם ,צלם אלקים׳, די ג־טלעכע געשטאַלט, און יעדע ווילדע חי׳ זעט אין אים ניט מער ווי אַן אַנדער בהמה אָדער חי׳, און אַנשטאָט דעם וואָס די חי׳ זאָל זיך שרעקן פאַר דעם מענטשן, שרעקט זיך דער מענטש פאַר דער חי׳".

דער סולטאַן איז טיף גערירט געוואָרן פון ר׳ אברהם׳ס רייד. ער האָט געזען, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַן אויסערגעווינלעך הייליקן און

ג־ט־געבענטשטן מענטשן. ער האָט באַלד באַפוילן דעם אויפזועער איבער די קעניגלעכע אוצרות צו ברענגען אַ גרויסע סומע גאָלד און זילבער אַלס מתנה פאַר דעם רב, כדי ער זאָל מער ניט דאַרפן גיין קלייבן נדבות פאַר די נויטבאַדערפטיקע אין ירושלים. דאַן האָט ער פאַר אים באַשטעלט אַ בכבודיקן אָרט אויף אַ שיף, און ר׳ אברהם גאַלאַנטי איז מיט גרויס כבוד אַרויסבאַגלייט געוואָרן אויף זיין רייזע צוריק קיין ירושלים.

דער בעש״ט און די נשמה

א.

צום בעש״ט איז אַמאָל געקומען אַ אידישע פרוי, און האָט מיט טרערן אין די אויגן געבעטן אים ער זאָל איר בענטשן זי זאָל געבאָרן אַ זון.

— „פאָר אַהיים״ — האָט איר דער בעש״ט געזאָגט — „און דער אויבערשטער זאָל דיר בענטשן מיט אַ זון״.

אַ צופרידענע איז זי געקומען און דערציילט איר מאַן ר׳ יעקב, וועלכער איז געווען אַ צדיק נסתר, וועגן דער ברכה פון בעש״ט. און אַז דער בעש״ט זאָגט אַ וואָרט, איז דאָס הייליק און ווערט מקוים. איז טאַקע אין אַ יאָר אַרום געבאָרן געוואָרן אַ זון צו דעם פאָר־פאָלק, און ער איז געווען אַ שיינער און געראָטענער און די עלטערן האָבן געהאַט פיל נחת פון אים.

ווען דער זון איז אַלט געוואָרן צוויי יאָר, האָבן זיי אים אַוועק־געפירט צום בעש״ט ער זאָל אים בענטשן. דער בעש״ט האָט ס׳קינד גע־נומען אויף די הענט און האָט אים אַ קוש געגעבן און אָפּגעגעבן צוריק צו די עלטערן און געהייסן פאָרן אַהיים.

באַלד ווי די עלטערן זיינען געקומען אַהיים, איז דאָס קינד פּלוצ־לונג געשטאָרבן.

צובראָכענע און פאַרטרויערטע זיינען די אומגליקלעכע עלטערן געקומען צו פאָרן צום בעש״ט באַלד נאָך „שבעה״ און אויסגעגאָסן פאַר אים זייער האַרץ.

— „הערט וואָס איך וועל אייך דערציילן״ — האָט דער בעש״ט צו זיי געזאָגט:

ב.

„אַמאָל האָט געלעבט אַ מעכטיקער קעניג. עס האָט אים גאָר ניט געפעלט, נאָר אַ זון וועלכער זאָל איבערנעמען די מלוכה נאָך אים. האָט ער געפרעגט זיין בעל־יועץ (ראַט־געבער, אַדוויזער) אַן עצה. האָט אים דער בעל־יועץ געזאָגט: קיינער קען ניט העלפן דעם קעניג אויסער די אידן. זאָל דער קעניג אַרויסגעבן אַ באַפעל, אַז אויב ביז אַ יאָר צייט וועט דער קעניג ניט האָבן אַ זון, וועלן אַלע אידן פון זיין לאַנד אַרויס־געטריבן ווערן ווי זיי גייען און שטייען.

„האָט דער קעניג אַרויסגעגעבן די גזירה, און די אידן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די שולן, האָבן געפאַסט און געזאָגט תהלים, און געבעטן ג־ט רחמנות האָבן אויף זיי און געבן דעם קעניג אַ זון. זייער געוויין און געבעט האָבן אַלע הימלען געשפּאָלטן.

„איז אין גן עדן געווען אַ הייליקע נשמה, וואָס האָט ניט געקענט צוזען דעם צער פון די אידן און האָט זיך געשטעלט פאַר׳ן כסא הכבוד און געזאָגט: רבונו של עולם! שיק מיר אַראָפּ אויף דער ערדישער וועלט צו זיין דעם קעניג׳ס זון, און זאָלן די אידן חלילה ניט ליידן.

„און אַזוי איז טאַקע געווען. איידער דער יאָר האָט זיך געענדיקט האָט די קעניגין געבאָרן אַ זון. דער מלך איז געווען זייער גליקלעך און האָט באַלד מבטל געמאַכט די גזירה.

„דער קעניג האָט צוגענומען אַ גרויסן פּראָפעסאָר צו לערנען מיט׳ן בן־מלך. דער יונגער קרוין־פּרינץ האָט אַרויסגעוויזן זעלטענע פייאַי־קייטן אין אַלעס וואָס מ׳האָט מיט אים געלערנט, אָבער די לערע איז אים ניט געווען צום האַרצן.

„איינמאָל זאָגט דער קרוין־פּרינץ צו זיין פאָטער, אַז די לערע באַפרידיקט אים ניט, און דער קעניג האָט באַשלאָסן צו שיקן זיין יונגן זון צום פּויפּסט אַליין, ער זאָל מיט אים לערנען. דער פּויפּסט האָט צוגעשטימט צו לערנען מיט׳ן קעניג׳ס זון, אָבער ער האָט באַ אים אויס־געמומען איין תנאי (קאָנדישן), אַז אַזוי ווי צוויי שעה יעדן טאָג פאַר־שפּאַרט ער זיך באַ זיך אין צימער און גייט אַרויף אין הימל, און קיינער

טאָר אים דאַן ניט שטערן, זאָל אויך דעם קעניג׳ס זון אים ניט טאָרן שטערן אין יענער צייט. דער קעניג האָט אים צוגעזאָגט.

„פון דאַן אָן האָט דער פויפסט געלערנט מיט׳ן פרינץ אַלע טאָג, און דער פרינץ איז באַלד קלאָר געוואָרן אין אַלע קונסטן און חכמות און שפּראַכן און פילאָזאָפיע, וואָס דער פויפסט האָט מיט אים געלערנט. נאָר צוויי שעה אַלע טאָג פלעגט זיך דער פויפסט פאַרשליסן באַ זיך אין צימער, און דאַן האָט אים אַפילו דער פרינץ ניט געטאָרט שטערן.

„איינמאָל האָט זיך דער פרינץ ניט געקענט איינהאַלטן פון אַריינ־צוקוקן וואָס דער פויפסט טוט אין דער געהיימניספולער צייט. ער האָט נאָכגעמאַכט שליסלעך און האָט זיך פלוצלונג אַריינגעכאַפּט אין צימער. ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען ווי דער פויפסט זיצט איינגעהילט אין טלית און תפלין און לערנט תורה.

„דער פויפסט האָט זיך זייער דערשראָקן, וואָס זיין סוד, אַז ער איז אַ איד, איז אַנטדעקט געוואָרן. דער פרינץ האָט אים אָבער באַרואיקט און געזאָגט, אַז אים ציט שוין לאַנג צו ווערן אַ איד, און האָט געבעטן דעם „פויפסט״ ער זאָל אים צוגרייטן צו מגייר זיין זיך (ווערן אַ איד).

„שפּעטער איז דער פרינץ אַוועקגעפאָרן אַהיים צום פאָטער, אָבער ער האָט אים גאָרניט דערציילט. אַ קורצע ווילע שפּעטער איז ער אַרויסגעפאָרן רייטן, און איז ניט צוריקגעקומען. ער האָט זיך פאַר־קליידעט פאַר אַ פּראָסטן פויער און איז אַוועק אין אַן אַנדער מדינה, וואו ער האָט זיך מגייר געווען און געלעבט ווי אַ פרומער ערליכער איד, ביז ער איז געשטאָרבן.

„ווען די נשמה איז צוריק אַרויף אין הימל און איז געשטעלט גע־וואָרן פאַר׳ן משפט, האָט זיך קיינער ניט געוואַגט צו זאָגן עפּעס שלעכ־טעס וועגן אַזאַ הייליקער נשמה, וואָס האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר אידן. אָבער איין מקטרג האָט גע׳טענה׳ט, אַז צוויי יאָר האָט זיך די נשמה געהאָדעוועט אויף ניט־אידישע הענט, און דאָס מוז פאַרריכט ווערן. איז באַשלאָסן געוואָרן אין הימל, אַז די נשמה זאָל ווידער אַראָפּגיין אויף דער ערדישער וועלט און זאָל צוויי יאָר אויפגעהאָדעוועט ווערן אויף כשר׳ע אידישע הענט!״

דער בעש״ט האָט זיך אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט און דאַן צוגעגעבן:

— „אייער קינד איז דאָס געווען יענע הייליקע נשמה. אייך איז קיין קינדער ניט באַשערט געווען, אָבער וואָס אַרט אייך אַז איר האָט צוויי יאָר געהאָדעוועט אַ הייליקע נשמה אויף אייערע הענט?״

ג.

ווען די עלטערן האָבן אויסגעהערט פון בעש״ט די געשיכטע וועגן דער הייליקער נשמה, וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען צו ראַטעווען אידן פון שווערע גזירות, האָבן זיי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, וואָס זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ הייליקע נשמה זיי האָבן געהאַט באַ זיך, און זיי האָבן געבעטן אַ תיקון באַ דעם בעש״ט טאָמער האָבן זיי די דאָזיקע הייליקע נשמה ניט גענוג ערליך געהאַלטן.

דער בעש״ט האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט, און דערנאָך געזאָגט צום מאַן:

— „זאָלסט ווערן אַ שמש אין אַ שול, און זאָלסט גוט אַכטונג געבן אויף די קליינע קינדערלעך, וועלכע קומען אין שול און קאָנען ניט לייענען דעם סידור, דו זאָלסט זיי אַלעמען צונויפקלייבן אין איין אָרט, און בשעת דער מנין וועט דאַוונען זאָלסטו מיט די קינדערלעך זאָגן ,אמן׳, ,אמן יהא שמי׳ רבה מבורך׳, ,ברכו׳, ,קדושה׳, און ווען מען טראָגט די ספר תורה צום לייענען און אויף צוריק אין ארון קודש, זאָלסטו אויפהויבן די קינדערלעך זיי זאָלן אַ קוש טאָן די ספר־תורה״.

און דער פרוי האָט דער בעש״ט געהייסן אַז זי זאָל ווערן אַ מילדת — אַ הייב־אַם — און זאָל באַדינען אָרעמע קימפעטאָרינס. „ווען אינגעלעך וועלן געבאָרן ווערן״ — האָט איר דער בעש״ט אָנגעזאָגט — „זאָלסטו זייער אַכט געבן, אַז ביז דעם ברית זאָלן קינדער לייענען קריאת־שמע ביים וויגעלע און מ׳זאָל טיילן די קינדער זיסע זאַכן אַז אַלע זאָלן מאַכן ברכות; און פון ברית אָן זאָל מען די קינדערלעך אָנטאָן יאַרמולקעס און היטן צו וואַשן נעגל־וואַסער!״

דאַן האָט זיי דער בעש״ט געבענטשט, אַז השם־יתברך זאָל זיי אויפ־ריכטן זייערע צובראָכענע הערצער.

די פּאָר־פאָלק זיינען אַוועק צו זיך אַהיים. דער מאַן איז טאַקע באַלד געוואָרן אַ שמש אין אַ גרויסער אָרעמער שול אין דער שטאָט פּינסק, און די פרוי איז געוואָרן אַ הייב־אַם. ביידע האָבן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט אויסגעפילט אַלעס וואָס דער בעש״ט האָט זיי אָנגע־זאָגט: דער מאַן פלעגט צוזאַמענקלייבן די קליינע קינדערלעך אין שול אין דער צייט פון דאַוונען און זאָגן מיט זיי אמן, אמן יהא שמי׳ רבא מבורך, ברכו און קדושה, און ער פלעגט זיי אויפהויבן צו קושן די ספר תורה, און אַוועקגייענדיק פון שול צו קושן אויך די מזוזה.

צו דער זעלבער צייט האָט זיין פרוי געהיט צו באַדינען אָרעמע קימפּעטאָרינס, לייענען קריאת שמע מיט די קינדער, וועלכע קומען צום ניי־געבאָרענעם אינגעלע, מאַכן מיט זיי ברכות, און זען אַכט געבן אַז מ׳זאָל דעם ניי־געבאָרענעם אינגעלע אָנטאָן אַ יאַרמולקע אויך ווען ער שלאָפט, און אָפּגיסן נעגל־וואַסער ווען ער וואַכט אויף.

אַזוי זיינען פאַרביי צוויי יאָר, און צו ענדע פון דער צייט האָט זיי דער אויבערשטער באַגליקט מיט אַ קינד, אַ אינגעלע, וועמען זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן אהרן. דער אינגעלע איז שפּעטער אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן דער באַרימטער צדיק, ר׳ אהרן נ״ע (נשמתו עדן) קאַרלינער, און זיין פאָטער איז דאָס געווען דער צדיק נסתר ר׳ יעקב נ״ע פון פּינסק.

אַ כלי אויף ברכה

אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף האָט אַמאָל געלעבט אַן אָרעמער איד, אַ קרעטשמער. ער איז געווען אַזוי אָרעם, אַז ער האָט קוים געהאָט גענוג ברויט פאַר זיין ווייב און פיל קינדערלעך. און קיין וואונדער ניט. די אַרומיקע פויערים זיינען אויך געווען אָרעמע און פלעגן זעלטן אַריינקומען אין דער קרעטשמע צו טרינקען אַ גלעזל משקה. און טאָ־מער איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ פויער טרינקען, איז אָדער עס האָט דעם קרעטשמער אויסגעפעלט משקה, אָדער עס האָט דעם פויער אויסגעפעלט געלט, אָדער די משקה איז אים ניט געפעלן געוואָרן. אָבער ניט קוקנדיק אויף דער גרויסער נויט, איז דער איד שטענדיק געווען אַ פריילעכער און האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף זיין שווערער מערכה. מער ווי דאַוונען און זאָגן תהלים האָט ער ניט גע־קענט, פלעגט ער דאַוונען און זאָגן תהלים כמעט אַ גאַנצן טאָג, אָבער אָן אַ זיפץ און אָן אַ טרער.

וואָס עס האָט אים יאָ אַמאָל פאַרדראָסן איז דאָס וואָס זעלטן־ווען האָט ער געזען אַ אידן. אַפילו אידישע בעטלער פלעגן אויסמיידן קומען אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם דאָרף, שוין אָפגערעדט פון אַ חשוב׳ן גאַסט, אַ דורכפאָרער. פון דער אַנדער זייט, האָט ער געטראַכט, וואָס פאַר אַ הכנסת־אורחים וואָלט ער שוין געקענט פראַווען, מ׳שטיינס געזאָגט, ווען עס קומט יאָ אַן אורח?

קען מען זיך פאָרשטעלן זיין פרייד, ווען אין אַ געוויסן טאָג איז צו אים פאַרפאָרן ניט קיין אַנדערער ווי דער בעל־שם־טוב בכבודו ובעצמו, אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע תלמידים! עס האָט זיך אים פשוט ניט געגלויבט, אַז דאָס איז ניט קיין חלום.

ניט ווייניקער האָבן זיך געוואונדערט אויך די תלמידים, וואָס זייער רבי, דער בעל־שם־טוב, האָט זיך אויסגעקליבן אַזאַ אָרעמע אַכסני׳, אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם דאָרף, בא אַזאַ פשוט׳ן אידן. אָבער, ווי געוויינלעך,

האָבן זיי ניט געוואָגט אים צו פרעגן וועגן דעם. אויב זיי דאַרפן וויסן די סיבה דערפון, וועט דער בעל־שם־טוב זיי אַליין זאָגן.

די אָרעמקייט אין דעם קרעטשמער׳ס שטיבל האָט אַרויס־געשטאַרצט פון אַלע ווינקעלעך. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס ביסל ברויט און גרינס וואָס ער האָט געשטעלט צום טיש פאַר די אומדער־וואַרטע אורחים, איז געווען דאָס לעצטע ביסן פון מויל, וואָס ער האָט צוגענומען פון הונגעריקע קינדערלעך. און טאָמער איז דאָס ניט געווען גענוג, האָט דער בעל־שם־טוב, פאַרן אָפּפאָרן, געזאָגט דעם קרעטש־מער, אַז ער קלייבט געלט פאַר אַ וויכטיקן ענין פון צדקה, און אויב ער, דער קרעטשמער, וויל האָבן אַ חלק אין דעם, וועט ער באַ אים נעמען אַ נדבה.

דער קרעטשמער, וועלכער האָט שוין לאַנג קיין פרוטה ניט געזען, האָט אָבער זייער געוואָלט האָבן אַ חלק אין דער מצוה. האָט ער פאַר־משכּונ׳ט די מעשענע לייכטער און די לעצטע פאַר שטיוול, און האָט דאָס ביסל געלט אָפּגעגעבן דעם בעל־שם־טוב אויף צדקה. און דאַן איז דער בעל־שם־טוב אָפּגעפאָרן מיט זיינע תלמידים.

ווען דער קרעטשמער איז צוריק אַריין אין שטיבל, נאָכן אַרויס־באַגלייטן די חשוב׳ע אורחים, האָט ער געפונען דאָס ווייב אַ פאַר־וויינטע, און די קינדערלעך פאַרהונגערטע, און קיין ברויט איז ניט גע־ווען, און וואו צו לייען אויך ניט, און וואָס צו פאַרזעצן איז אויך ניט געווען. עס איז אים געוואָרן זייער, זייער ביטער.

דער קרעטשמער האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה, און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט אים באמת פאַרקלעמט דאָס האַרץ. און ווען ער האָט געזאָגט דעם פּסוק „פּותח את ידך" און האָט זיך דער־מאָנט, אַז דער אויבערשטער שפּייזט אַלע זיינע באַשעפענישן, האָט זיך אַ טיפער זיפץ אַרויסגעריסן פון זיין צעבראָכן האַרץ, און אַ הייסער טרער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אויף זיין לאַנגער באָרד.

יענע נאַכט זיינען זיי אַלע געגאַנגען שלאָפן הונגעריקע.

שוין גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, הערט ער אַ קלאַפּ אין טיר. ער איז

אַראָפּ פון בעט און האָט געעפנט די טיר. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ האַלב שיכּור׳ער פויער און האָט געזאָגט: „מאַשקע, איך וויל אַ טרונק״.

דער קרעטשמער האָט דעם פויער אַריינגעלאָזן אין שטוב. אָבער וואו נעמט מען משקה? דאָס לעצטע ביסל משקה האָט ער געשטעלט פאַר זיינע אורחים, און זיי האָבן געזאָגט „לחיים״. נאָר אפשר איז נאָך עפּעס געבליבן אין די גלעזעלעך?

דער קרעטשמער האָט צונויפגעגאָסן דאָס איבערגעבליבענע „שיריים״ פון די גלעזעלעך, האָט דערצו צוגעגאָסן אַביסל וואַסער, און האָט דערפון געגעבן דעם פויער אַ גלעזל משקה. דער גוי האָט אויסגע־טרונקען, און האָט אַ באַגייסטערטער אויסגערופן: „אַזעלכע גוטע משקה האָב איך נאָך אין מיין לעבן ניט געטרונקען״.

דער קרעטשמער האָט זיך דערפרייט. איצט וועט דער פויער מסתם איבערלאָזן אַ פּאָר גראָשן, און עס וועט ווערן פריילעכער אין שטוב. אָבער דער גוי האָט זיך אויפגעהויבן און האָט געזאָגט: „אַ דאַנק, מאַשקע, פאַר די משקה... אָט דאָס הייסט משקה! אָבער, זיי מיר מוחל, איך האָב באַ זיך ניט קיין גראָשן. אַ גוטע נאַכט!״ און האָט זיך אַרויס־געשאַרט פון שטוב. און פריילעכער איז ניט געוואָרן.

די קומענדיקע נאַכט זיינען זיי ווידער געגאַנגען שלאָפן הונגע־ריקע. ווידער אַ קלאַפּ אין טיר, ווידער דער זעלבער פויער. „מאַשקע, גיב מיר אַ גלעזל משקה, פון די נעכטיקע... דאָס איז שוין איינמאָל משקה!״

דער קרעטשמער האָט ווידער צוגעגאָסן אַביסל וואַסער צו די איבערגעבליבענע משקה פון נעכטן, און האָט דעם גוי דערלאַנגט אַ גלעזל. ווידער האָט זיך דער גוי באַלעקט, און ווידער איז ער אַוועק, ניט איבערלאָזנדיק אַ גראָשן.

אויף דער דריטער נאַכט האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט די מעשה, נאָר דעם מאָל האָט דער פויער פאַרן אַוועקגיין אַרויסגענומען אַ מטבע. „איך האָב דאָ אַן אַלטע מעשענע מטבע. ס׳איז אפשר ניט גענוג פאַר אַזעלכע טייערע משקה, און פאַרן באַמיען דיך אינמיטן דער נאַכט...״ אַזוי

זאָגנדיק האָט ער אַריינגעשטופּט די מטבע אין דעם קרעטשמער׳ס האַנט און איז אַוועק.

איצט איז דעם קרעטשמער פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט אַביסל אָפּגעשייערט די מטבע, און זי האָט אויפגעשיינט ווי גאָלד. עס איז טאַקע געווען פון גאָלד!

פון דאַן אָן איז דער פויער געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער אין דער קרעטשמע, האָט זיך געבעטן דערלאַנגען אַ גלעזל פון „יענע משקה" און פלעגט באַצאָלן מיט אַן אַלטער „מעשענער" מטבע, וואָס איז געווען פון לויטער גאָלד. ווען דער קרעטשמער האָט אים אַמאָל געפרעגט, וואו ער האָט גענומען די דאָזיקע מטבעות, האָט דער פויער געענטפערט, אַז ער האָט דאָס צופעליק אויסגעגראָבן אין וואַלד... אַ סך אַזעלכע מטבעות...

אין אַ געוויסן טאָג איז דער פויער געקומען אין קרעטשמע און האָט זיך באַשטעלט אַ גלעזל פון „יענע משקה". פאַרן אַוועקגיין האָט ער דעם קרעטשמער געזאָגט: „מער וועל איך שוין דיר ניט זען. מיינע קינדער נעמען זייער אַלטן טאַטן צו זיך. אַגב איז דאָס אויך די לעצטע מטבע וואָס איז באַ מיר געבליבן. איך וועל אָבער דיין משקה ניט פאַרגעסן ווי לאַנג איך לעב!" און ער איז שוין טאַקע מער ניט צוריקגעקומען.

פאַרשטייט זיך, אַז דער קרעטשמער איז געוואָרן אַ גרויסער עושר. ער האָט זיך אויפגעבויט אַ שיינע הויז, האָט געקויפט פעלדער און בהמות און האָט געפירט אַ בכבוד׳יקן לעבן.

ס׳איז געוואָרן פונקט אַ יאָר זינט דער בעל־שם־טוב איז געווען באַ אים מיט זיינע תלמידים, און איצט זיינען זיי ווידער געקומען, פונקט אַזוי אומדערוואַרטעט ווי פריער. דעם מאָל האָט שוין דער קרעטשמער זיי אויפגענומען כּיד המלך. ער האָט דעם בעל־שם־טוב דערציילט, ווי אַזוי זיין מזל האָט אויפגעשיינט זינט יענעם טאָג, ווען ער האָט געהאַט דעם זכות אויפצונעמען אַזעלכע חשוב׳ע געסט.

„איצט קען איך דיר דערציילן — האָט דער בעל־שם־טוב אים געזאָגט — אַז די גאַנצע עשירות וואָס דו האָסט, האָט שוין לאַנג גע־וואַרט אויף דיר. אָבער אין הימל האָט מען אָפּגעהאַלטן די ברכה, ווייל

דו האָסט ביז דאַן קיינמאָל ניט געדאַווענט מנחה מיט אַ צעבראָכן האַרץ; קיינמאָל קיין זיפץ ניט געגעבן און קיין טרער ניט פאַרגאָסן. אָבער יענעם טאָג, ווען דו האָסט געדאַווענט מנחה מיט אַ צעבראָכן האַרץ, ביז טרערן, האָסטו געעפנט דעם צינור און די כלי צו באַקומען דעם אויבערשטנ׳ס ברכה. זאָל דיר וואויל באַקומען״.

דער דאָקטאָר און דער חולה

אַ חשובער איד פון ווילנע, אַ גרויסער תלמיד־חכם און סוחר, איז אַמאָל דורכגעפאָרן דורך מעזריטש. אַזוי ווי דער מעזריטשער מגיד איז געווען באַרימט אַלס גרויסער גאון, האָט דער ווילנער איד באַשלאָסן אַריינצוגייען צו אים, כאָטש קיין חסיד איז ער ניט געווען. זיי האָבן גע־שמועסט אין לערנען און כאָטש דער אורח האָט זיך איבערצייגט, אַז דער מגיד איז אַן אויסערגעוויינלעכער גאון, האָט ער אָבער גאָר ניט געהאַלטן ביים ווערן אַ חסיד. פאַרן אַוועקגיין האָט צו אים דער מעז־ריטשער מגיד געזאָגט:

„זיי וויסן, אַז דער אויבערשטער שיקט אַמאָל אַ רפואה צו אַ חולה ניט דורך רפואות וואָס דאָקטוירים פאַרשרייבן, נאָר דורך דעם דאָק־טאָר אַליין, וואָרום מיט יעדן דאָקטאָר גייט מיט אַ מלאך, און מיט אַ גאָר גרויסן דאָקטאָר גייט דער מלאך רפאל אַליין".

דער איד איז געפאָרן צוריק אין ווילנע, און האָט אויפן וועג איבער־געטראַכט די רייד פון דעם מעזריטשער מגיד. עס האָט אים גע־וואונדערט דאָס וואָס דער מגיד האָט אים געזאָגט, וואָרום ער, דער ווילנער איד, האָט זיך געפילט פריש און מונטער און האָט ביים מגיד נישט געפרעגט קיין עצה וועגן דאָקטוירים.

עס האָט געדויערט עטלעכע חדשים ביז דער ווילנער איד איז פאַר־טיק געוואָרן מיט געשעפטן און איז געקומען אַהיים אין ווילנע. קורץ דערנאָך איז ער ערנסט קראַנק געוואָרן. מען האָט צו אים געבראַכט די בעסטע ווילנער דאָקטוירים. זיי האָבן ניט געקענט פעסטשטעלן וואָס זיין קראַנקהייט איז און פון וואַנעט זי איז געקומען. זיי האָבן גע־פּרוּווט פאַרשרייבן פאַר אים פאַרשידענע רעצעפּטן (רפואות), אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. דער חולה איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ביז די דאָקטוירים האָבן אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

גאַנץ שטאָט האָט געבעטן פאַר דעם חולה, ווייל ער איז געווען פון

די חשובסטע בעלי־בתים אין שטאָט. און ווען מען האָט געהערט, אַז עס איז שוין כמעט ניטאָ קיין האָפנונג פאַר אים, האָבן זיך פיל מענטשן פאַרזאַמלט באַ אים אין הויז און אַרום הויז, ווייל פיל האָבן ניט געקענט אַריינגיין, און מ׳האָט געזאָגט תהלים פאַר זיין געזונט.

פלוצלונג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער פרייסישער קעניג איז געקומען אין ווילנע. אַזוי ווי דער קעניג פאָרט שטענדיק אַרום מיט זיין לייב־דאָקטאָר, האָט מען געשיקט אַ דעלעגאַציע צום קעניג מיט דער בקשה, אַז ער זאָל דערלויבן זיין דאָקטאָר צו באַזוכן דעם חולה, אפשר וועט ער אים ראַטעווען פון טויט. דער קעניג האָט געגעבן די דערלויבעניש, און זיין דאָקטאָר — אַ איד, כאָטש אַן אָפגעפרעמדטער פון אידישקייט — איז געגאַנגען זען דעם חולה.

ווען דער דאָקטאָר איז אַריין צום חולה אין צימער און האָט אים געפונען כמעט אָן סימנים פון לעבן, איז ער בייז געוואָרן וואָס מ׳האָט אים געבראַכט צום גוסס. „בין איך ג־ט, וואָס איר האָט מיר געבראַכט אַהער לעבעדיק צו מאַכן אַ טויטן?״ האָט ער זיך געבייזערט. ער האָט באַלד געוואָלט צוריקגיין. ער האָט אָבער ניט געקענט זיך דורכשטופּן דורך דעם גרויסן עולם וואָס האָט אָנגעפילט די שטוב. מ׳האָט אים געפּרואווט בעטן צו פאַרשרייבן עפּעס אַ רפואה פאַר דעם חולה, אָבער דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז קיין רפואה קען אים שוין ניט העלפן. אינצווישן זיינען פאַרבייגעלאָפן אַ צען־פופצן מינוט. ווען דער דאָקטאָר האָט ווידער געוואָרפן אַ בליק אויפן חולה, האָט ער באַמערקט אין אים סימנים פון פאַרבעסערונג. דער דאָקטאָר האָט שנעל אויסגעשריבן אַ רעצעפּט, און מ׳האָט געשיקט אַ מענטשן לויפן צום אַפּטייקער צוצוגרייטן די רפואה. דער דאָקטאָר איז שוין געבליבן וואַרטן ביז מ׳וועט ברענגען די רפואה. אינצווישן האָט דער דאָקטאָר ווידער באַמערקט אַן אומדערוואַרטעטע פאַרבעסערונג אין דעם חולה׳ס צושטאַנד. די ערשטע רפואה וואָס ער האָט פאַרשריבן האָט שוין מער ניט געטויגט, און ער האָט פאַרשריבן אַן אַנדער רפואה, און מ׳האָט געשיקט אַ צווייטן מענטשן לויפן צום אַפּטייקער.

דער דאָקטאָר האָט שוין ניט אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן פון חולה, און אַזוי וואַרטנדיק אויף דער צווייטער רפואה, האָט ער צו זיין גרויס דער־

שטוינונג באַמערקט, אַז דער חולה האָט זיך נאָך מער פאַרבעסערט, אַזוי אַז אויך די צווייטע רפואה וואָלט שוין געוועזן צו שטאַרק פאַר דעם חולה.

אַ געפּלעפּטער איז דער דאָקטאָר געשטאַנען, וואונדערנדיק זיך וואָס דאָ טוט זיך. אַזאַ פאַל האָט נאָך מיט אים ניט פּאַסירט.

אין מיטן דערינען, האָט זיך דער חולה פּלוצלונג אַ הויב געטאָן און האָט זיך אַוועקגעזעצט אין בעט. ער האָט זיך געווענדט צום דאָקטאָר:

„איך בעט אייך, גייט ניט אַוועק; בלייבט נאָך אַ ווײַלע, וועט מיר ווערן נאָך בעסער. דער רבי, דער מעזריטשער מגיד האָט מיר געזאָגט, אַז מיט גאָר אַ גרויסן דאָקטאָר גייט דער מלאך רפאל, און מ׳קען געזונט ווערן גאָר אָן רפאות!"

דאַן האָט ער דערציילט, אַז ווען ער האָט געהערט די רייד פון מעזריטשער מגיד, האָט ער גאָר ניט פאַרשטאַנען וואָס פאַראַ שייכות דאָס האָט צו אים. איצט אָבער זעט ער, אַז דעם רבי׳נס רייד זיינען מקויים געוואָרן.

מיט דער צייט זיינען ביידע, דער געוועזענער חולה און דער דאָקטאָר, געפאָרן צום מעזריטשער מגיד. דער ווילנער מתנגד איז געוואָרן אַ חסיד, און דער דאָקטאָר איז געוואָרן אַ בעל־תשובה.

אַן אומדערוואַרטעטע באַגעגעניש

א.

ר׳ משה, דער זון פון ר׳ פנחס קאָריצער, איז געווען אַן איבער־געגעבענער חסיד פון אַלטן רבי׳ן. ווען ר׳ משה האָט געוואָלט עפענען אַ דרוקעריי אין סלאַוויטע, איז ער געקומען צום רבי׳ן בעטן זיין הסכמה.

צו עפענען אַ אידישע דרוקעריי אין יענע צייטן, האָט מען גע־דאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון דעם בילדונגס־מיניס־טער, וועלכער איז געווען אַ שונא־ישראל און אַן אוהב־בצע (אַ געלט־גייציקער מענטש). אין בעסטן פאַל, וואָלט די דערלויבעניש געדאַרפט קאָסטן גאָר אַ גרויסע סומע געלט. ר׳ משה האָט געוואוסט, אַז בדרך־הטבע איז דער ענין געווען פאַרבונדן מיט גאָר גרויסע שוועריקייטן. דעריבער האָט ער געדאַרפט האָבן ניט נאָר דעם רבינ׳ס הסכמה, נאָר אויך זיין עצה און ברכה.

דער רבי האָט ר׳ משה׳ן גע׳עצה׳ט צו פאָרן אין דער שטאָט מאָהילעוו, אויפן טייך דניעפּער, וואו עס לעבט אַ מלמד, ר׳ ישראל, און בעטן אים ער זאָל מיטפאָרן מיט אים, ר׳ משה׳ן, אין ווילנע, און מיט דעם אויבערשטנ׳ס הילף וועט ער מצליח זיין.

ר׳ משה׳ן איז דעם רבינ׳ס עצה געווען אינגאַנצן אומפאַרשטענד־לעך. ניט ער האָט ווען געהערט פון ר׳ ישראל דעם מלמד, ניט ער האָט געוואוסט ווי אַזוי דער מלמד קען אים אַרויסהעלפן אין דער זאַך, און ניט ער האָט געקענט באַגרייפן פאַרוואָס זיי זאָלן פאָרן אין ווילנע, בשעת די דערלויבעניש דאַרף מען באַקומען אין דער מלוכה־שטאָט פעטערבורג. אָבער אַז דער רבי האָט קלאָר געזאָגט וואָס ער, משה, האָט צו טאָן, איז דאָך ניט שייך איבערצופרעגן. איז ר׳ משה באַלד געפאָרן אין מאָהילעוו.

אָנקומענדיק אין שטאָט, האָט ר׳ משה זיך נאָכגעפרעגט אויף ר׳ ישראל דעם מלמד און איז געקומען צו אים אין שטוב, וואו ער האָט אים

געפונען לערנענדיק מיט קליינע קינדערלעך. אַפּוואַרטנדיק ביז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע חדר־אינגלעך, האָט אים ר׳ משה דערציילט נאָך וואָס ער איז געקומען.

דער מלמד איז דערשטוינט געוואָרן. „וואָס פאַראַ שייכות קען איך האָבן מיט דער רוסישער רעגירונג? שוין צענדליקער יאָרן ווי איך לערן מיט קליינע קינדערלעך, און האָב קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט שתדלנות. קוים וואָס איך קען זיך צוזאַמענריידן אויף רוסיש. און דאָ מיט אַמאָל — פאָרן אין ווילנע און פטר׳ן צייט אומזיסט! און ווי קען איך איבערלאָזן מיינע קינדערלעך אָן אַ מלמד?״ האָט ר׳ ישראל גע׳טענה׳ט.

ר׳ משה איז אָבער שטאַרק צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל אים ניט אָפּזאָגן אין אַזאַ וויכטיקן ענין. „דאָ האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן פרנסה פאַר מיר און פאַר מערערע אידישע משפחות, וועלכע וועלן זיין באַשעפטיקט אין דער דרוקעריי, נאָר דער גאַנצער ענין פון עפענען אַ אידישע דרוקעריי צו דרוקן ספרי־קודש, סידורים, חומשים, תהלים׳ס, אד״ג, איז דאָך ניט אָפּצושאַצן!״ האָט ר׳ משה געענטפערט. דערביי האָט ער דעם מלמד אויך פאַרזיכערט, אַז וויבאַלד אַז דער רבי האָט אַזוי גע׳עצה׳ט, דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף אים אָן קיינע ספיקות. און וואָס ס׳איז שייך די קינדערלעך, וועט ער, משה, באַזאָרגן פאַר זיי אַ מלמד אויף זיינע הוצאות, ביז ר׳ ישראל וועט זיך צוריקקערן פון ווילנע.

ענדלעך האָט ר׳ ישראל מסכים געווען מיטצופאָרן מיט ר׳ משה׳ן אין ווילנע.

ב.

קומענדיק אין ווילנע, זיינען ר׳ משה און ר׳ ישראל פאַרפאָרן צו ר׳ מאיר רפאל׳ס, דער ראש־הקהל און גרויסער גביר. ר׳ משה האָט אים דערציילט וועגן וואָס זיי זיינען געקומען אין ווילנע, און האָט געהאָפט, אַז ער, ר׳ מאיר רפאל׳ס, וועט אים אָנווייזן וואָס ער האָט צו טאָן.

ר׳ מאיר רפאל׳ס האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס דער רבי האָט ר׳ משה׳ן געהייסן פאָרן אין ווילנע, בשעת אַלע ווייסן, אַז דער בילדונגס־מיניסטער זיצט אין פעטערבורג און דאָרטן דאַרף מען זיך

וועגן וועגן דער דערלויבעניש. ר׳ מאיר רפאל׳ס איז אָבער שוין דאַן געווען אַ חסיד פון אַלטן רבי׳ן און האָט פון פּערזענלעכע דערפאַרונ־גען* געוואוסט, אַז דעם רבינ׳ס אַ וואָרט איז הייליק און זיין עצה און ברכה וועלן זיכער מקויים ווערן, כאָטש אין דעם מאָמענט איז דער ענין אינגאַנצן אומבאַגרייפלעך. במילא האָט ער צו זיי געזאָגט, אַז כאָטש ער הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי די ישועה וועט קומען, זאָלן זיי דערווייליקע זיין באַ אים, און מ׳וועט זען וואָס די צייט וועט ברענגען.

אַ פּאָר טעג זיינען ר׳ משה און ר׳ ישראל געזעסן ביים גביר אין הויז. אויפן דריטן טאָג האָט ר׳ מאיר רפאל׳ס געזאָגט צו זיינע אורחים: „זיצן אין שטוב איז ניט קיין ענין; לאָמיר אַרויסגיין אין גאַס״.

זיי זיינען אַרויס אויף אַ שפּאַציר און ר׳ מאיר רפאל׳ס האָט זיי גע־פירט צום שטאָטישן גאָרטן, וואו זיי האָבן זיך געזעצט אויף אַ באַנק. אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, האָט ר׳ מאיר רפאל׳ס געבעטן ר׳ משה׳ן איבערזאָגן אַ תורה פון דעם רבי׳ן, און באַלד האָבן זיי זיך פאַרטיפט אין אַ חסידישן שמועס.

אַ קורצע ווײַלע שפּעטער האָט ר׳ מאיר רפאל׳ס באַמערקט ווי אַן עלעגאַנטע פּערזאָן גייט זיי פאַרביי, קוקט זיי אָן, קערט זיך אום און זעצט זיך אויף אַ באַנק קעגנאיבער. דער אומבאַקאַנטער — ווייזט אויס אַ הויכער באַאַמטער — האָט כסדר געקוקט אויף דעם מלמד, ווי ער וואָלט אים געקענט, אָדער געוואָלט דערקענען.

דער ראש־הקהל, וועלכער האָט זיך געפירט מיט אַ ברייטקייט אין זיינע באַציאונגען מיט הויכגעשטעלטע מענטשן, האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום אומבאַקאַנטן.

„אַנטשולדיקט, מיין הער״, האָט אים ר׳ מאיר רפאל׳ס העפלעך באַ־גריסט, „איך האָב באַמערקט, אַז איר זייט ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין מיין פריינט, דאָרט. אויב איר ווילט מיט אים ריידן, וועל איך אים גערן פאָרשטעלן פאַר אייך״.

„יאָ, איך וואָלט וועלן מיט אים ריידן״, האָט זיך דער מאַן אָפּגע־רופן, „אָבער ניט דאָ. אָט האָט איר מיין וויזיטן־קאַרטע, און זאָל ער קומען צו מיר אין מיין האָטעל — מאָרגן פרי, צען אַזייגער. איך וועל

אויף אים וואַרטן". דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק־געגאַנגען.

ר' מאיר רפאל'ס האָט זיך צוריקגעקערט צו זיינע אורחים. ער האָט ר' ישראל'ן געגעבן די וויזיטן־קאַרטע און האָט אים געפרעגט, צי ער קען דעם אומבאַקאַנטן, אָדער אויב זיין נאָמען איז אים באַקאַנט. דער מלמד האָט געהויבן מיט די פּלייצעס. „ווי קום איך צו אַזעלכע מענטשן?" האָט ער געזאָגט.

„דאָס איז עפּעס ניט אַזוי גלאַט", האָט ר' מאיר רפאל'ס באַמערקט, „אָבער ס'איז אַ גוטער סימן, אַז די השגחה עליונה טוט איר זאַך. מילא, מאָרגן אם־ירצה־השם, וועט אַלץ קלאָר ווערן".

ג.

אויף מאָרגן, צו דער באַשטימטער צייט, איז ר' ישראל מלמד גע־קומען אין האָטעל, וואו דער באַאַמטער האָט אויף אים שוין געוואַרט. ער האָט ר' ישראל'ן פריינטלעך דערלאַנגט די האַנט און האָט אים גע־פרעגט, פון וועלכער שטאָט ער קומט.

„איך קום פון מאַהילעוו", האָט דער מלמד געענטפערט.

„ניין, איר זייט אַ שקלאָווער", האָט דער באַאַמטער געזאָגט.

„אמת, איך בין געבאָרן געוואָרן אין שקלאָוו און האָב דאָרט גע־לעבט ביז מיין חתונה. עס איז שוין אָבער מער ווי 20 יאָר זינט איך האָב זיך באַזעצט אין מאַהילעוו", האָט דער מלמד אויפגעקלערט, און ער האָט זיך געוואונדערט, פון וואַנעט דער באַאַמטער ווייס וועגן אים.

„איך זע, אַז איר דערקענט מיך ניט", האָט דער באַאַמטער געזאָגט.

„ניין, איך דערקען אייך ניט. האָבן מיר זיך אַמאָל געקענט?"

„איך וועל אייך עפּעס דערציילן", האָט דער באַאַמטער פאָרגע־זעצט. „ס'איז געווען מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק. אַ אידישער בחור אין שקלאָוו איז אַראָפּ פון וועג און האָט זיך ניט אויפגעפירט ווי עס באַ־דאַרף צו זיין. ווען קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן אַז ער זאָל ענדערן זיין אויפפירונג, האָט מען אים — ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער

צייט — פאַרשפאַרט אין אַ קונע (אַ מין שטייג, אָדער שאַנדקלאָץ) ביים אַריינגאַנג אין בית־מדרש. פאַרבייגייער האָבן אים אָנגעקוקט מיט פאַר־אַכטונג; אַנדערע האָבן אים געזידלט; קינדער האָבן אים געשפּיגן אין פּנים, אָדער געזונגען „פּזר" דרייענדיק אים די אויערן... און בשעת דער בחור האָט געמיינט, אַז ער וועט שוין מער ניט אויסהאַלטן, האָט אויף אים אימיצער רחמנות געהאַט, און בשעת קיינער איז ניט געווען דערביי, האָט ער אים באַפרייט פון דער קונע. דער בחור איז אַנטלאָפן פון שטאָט און האָט זיך דערשלאָגן צו פּעטערבורג. דאָרט איז ער אַוועק צו אַ גלח, האָט זיך געלאָזט אָפּ'שמד'ן און איז אַריין אין אַ שקאָלע. מיט דער צייט האָט ער זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט, ביז ער איז געוואָרן דער בילדונגס־מיניסטער. דער בחור — דאָס בין איך. איצט דערקענט איך מיך?"

„איך דערמאָן זיך די מעשה מיט דער קונע. ניט אָפט האָט פּאַסירט, אַז מ'זאָל אימיצן דאַרפן באַשטראָפן מיט דער קונע... אָבער איך וואָלט אייך בשום אופן ניט דערקענט", האָט דער מלמד צוגעגעבן.

„און איצט, מיין פריינט", האָט דער מיניסטער געזאָגט, „איך זע, אַז דער גורל האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט דאָ אין ווילנע, וואו איך בין ערשט נעכטן צופעליק געקומען צוליב אַ געוויסן ענין. איך וויל אייך איצט אָפּדאַנקען און באַלוינען פאַר דער טובה וואָס איר האָט מיט מיר דאַן געטאָן. זאָגט מיר, מיט וואָס קען איך אייך אָפּדינען?"

ר' ישראל דער מלמד האָט אים דאַן דערציילט די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי ער איז געקומען אין ווילנע אויף דער בקשה פון אַ איד פון סלאַוויטע, וועלכער וויל דאָרט עפענען אַ דרוקעריי, און דער רבי פון די חסידים, וועלכער וואוינט אין ליאָזנע, האָט אים געשיקט צו אים אין מאָהילעוו, זיי זאָלןביידע פאָרן אין ווילנע...

„די גרעסטע באַלוינונג פאַר מיר וועט זיין, ווען איר, ה' מיניסטער, וועט אים געבן די דערלויבעניש צו עפענען אַ דרוקעריי אין סלאַוויטע", האָט ר' ישראל געזאָגט.

געפּלעפט פון דער געשיכטע, וואָס ר' ישראל האָט אים דערציילט, האָט דער מיניסטער אויסגערופן מיט גרויס התפּעלות: „איך זע, אַז

אייער רבי איז אַ ג־טלעכער מאַן, אַ נביא, אַ בעל־מופת! און דער גרעס־טער מופת איז אפשר דאָס וואָס איך האָב איצט פלוצלונג דערפילט, אַז איך האָב זיך באַפרייט פון דער שנאה וואָס איך האָב געטראָגן אין האַרצן צו אַלע אידן צוליב דער מעשה מיט דער קונע, כאָטש איך האָב די שטראָף כשר פאַרדינט...

„איר מעגט זיין זיכער, מיין טייערער פריינט", האָט דער מיניס־טער געזאָגט, „אַז איך וועל אייער בקשה דערפילן מיט פאַרגעניגן, און באַלד ווי איך וועל זיך אומקערן אין פעטערבורג, וועל איך אַרויסשיקן די אָפיציעלע דערלויבעניש".

דער מלמד האָט דעם מיניסטער וואַרעם באַדאַנקט פאַר דער טובה, און האָט געוואָלט לויפן אָנזאָגן די בשורה, אָבער דער מיניסטער האָט אים נאָך ניט אָפגעלאָזן.

„די דערלויבעניש פאַר דער דרוקעריי — דאָס איז דאָך פאַר אייער פריינט. איך וויל אָבער אייך פערזענלעך אָפדינען מיט עפּעס".

ער האָט פאַרגעלייגט דעם מלמד צו באַזעצן זיך אין פעטערבורג, וואו ער וועט אים באַזאָרגן מיט וואוינרעכט און שאַפן אַ גוטע פרנסה אַלס אַ פאַדריאַטשיק (קבלן, „קאָנטראַקטאָר") פאַר דער רעגירונג.

ר' ישראל מלמד האָט אים האַרציק באַדאַנקט, אָבער ער האָט זיך אַנטזאָגט דערפון. „איך האָב ברוך־השם פרנסה אין מיין שטאָט, און איך האָב גרויס פאַרגעניגן צו לערנען מיט מיינע קינדערלעך. פעטערבורג איז ניט פאַר מיר..."

„איך בין אָבער ניט אינגאַנצן פטור", האָט דער מיניסטער געזאָגט. ער האָט אַרויסגענומען אַ ביכל פון קעשענע און האָט אויסגעשריבן אַן איבערווייזונג אויף צוויי טויזנט רובל. „איך בין אַ רייכער מאַן און די דאָזיקע סומע איז באַ מיר ניט קיין גרויסע. איך בעט אייך, זאָגט מיר ניט אָפּ. דאָס געלט איז אייערס און טוט דערמיט וואָס איר ווילט. יאָרן לאַנג ווי איך טראָג זיך אַרום מיט דעם וואונש צו באַגעגענען זיך מיט מיין בעל־טובה, און איצט, אַ דאַנק אייער הייליקן רבי'ן איז מיין וואונש דער־פילט געוואָרן!"

טיף גערירט און מלא־שמחה האָט ר׳ ישראל מלמד געבראַכט די גוטע בשורה צו ר׳ משה׳ן און דעם ראש־הקהל פון ווילנע, וועלכע האָבן אויף אים געוואַרט מיט אומגעדולד. ער האָט זיי דערציילט אַלע איינצל־הייטן וועגן זיין באַגעגעניש מיט דעם מיניסטער, און זיי האָבן זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פון דער ג־טלעכער השגחה־פּרטית, וואָס האָט אַזוי וואונדערלעך דורכגעפירט דעם רבינ׳ס עצה און ברכה.

דער שפּיאָן האָט זיך ניט פאַרלאָרן

ר׳ משה מייזלש, איינער פון די אָנגעזעענסטע אידן אין ווילנע, איז צוערשט געווען אַ תלמיד פון ווילנער גאון. שפּעטער איז ער געוואָרן אַן איבערגעגעבענער חסיד פון אַלטן רבי׳ן, און איז שטענדיק געווען גרייט דורכצופירן יעדע שליחות וואָס דער רבי האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. די לעצטע שליחות וואָס ער האָט באַקומען פון אַלטן רבי׳ן איז אויך געווען די שווערסטע און געפערלעכסטע.

דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט נאַפּאָלעאָן׳ס אינוואַזיע אין רוס־לאַנד (1812).

נאַפּאָלעאָן׳ס אַרמייען האָבן זיגרייך מאַרשירט דורך אייראָפּע און האָבן אומעטום אָפּגעהאַלטן גרויסע נצחונות, און אַזוי האָבן זיי דער־גרייכט ביז צו די גרענעצן פון רוסלאַנד.

אין יענער צייט האָט ר׳ משה באַקומען אַ געהיימען בריוו פון דעם אַלטן רבי׳ן. אין דעם בריוו האָט אים דער רבי דערציילט, אַז דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, אין דער צייט פון תפלת־מוסף, איז אים אַנט־פּלעקט געוואָרן, אַז אויב נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט וועט געווינען די מלחמה קעגן דעם רוסישן קיסר אַלעקסאַנדער, וועט דער מאַטערי־עלער מצב פון די אידן פאַרבעסערט ווערן, אָבער זייער גייסטיקער מצב וועט שטאַרק ליידן דערפון. אויב דער קיסר אַלעקסאַנדער וועט גע־ווינען די מלחמה, וועלן אידן ווייטער ליידן מאַטעריעלע שוועריקייטן און פאַרפאָלגונגען, אָבער זייער צוגעבונדנקייט צום אויבערשטן, און צו תורה און מצוות, וועט זיין שטאַרקער ווי פריער.

דעריבער האָט דער אַלטער רבי געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף טאָן אַלץ וואָס עס איז מעגלעך צו העלפן דעם קיסר קעגן דעם פראַנצויזישן אַריינדרינגער. דער אַלטער רבי האָט בכלל באַטראַכט דעם פראַנ־צויזישן זיגער אַלס אַ רשע און בלוטפאַרגיסער, וואָס פאַרלייקנט ג־ט און זוכט בלויז צו פאַרגרעסערן זיין אייגענע מאַכט און כבוד.

אויסערדעם האָט דאָ דער אַלטער רבי געזען אַ געלעגנהייט אָפּצו־צאָלן דעם רוסישן קיסר אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט אים פּערזענלעך באַפרייט פון אַלע באַשולדיקונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מסירה און בילבול קעגן אים, צו וועלכע ער איז צוויי מאָל אַרעסטירט געוואָרן, אין 1798 און אין 1800.

פאָרויסזעענדיק, אַז נאַפּאָלעאָן וועט אויך ווייטער אָפּהאַלטן נצחו־נות, איידער ער וועט האָבן זיין גרויסע מפּלה, און אַז ווילנע וועט אַריינפאַלן אין זיינע הענט, האָט דער אַלטער רבי געבעטן זיין טרייען חסיד, אַז ער זאָל דורכפירן אַ געהיימע דינסט פאַר דעם רוסישן מילי־טער, דורך דעם וואָס ער וועט זיך אָנבאָטן אַלס דאָלמעטשער פאַר די פראַנצויזישע מיליטערישע כּוחות, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַריינצו־דרינגען אין רוסלאַנד.

ר׳ משה מייזלש, אין צוגאָב צו זיין טיפער לומדות אין תלמוד און חסידות, איז געווען אַ גרויסער שפּראַכן־קענער און געלערנטער אין וועלטלעכע חכמות. ער האָט געקענט פליסיק ריידן אין פראַנצויזיש, דייטש, פּויליש און רוסיש. ווען נאַפּאָלעאָן׳ס אַרמיי האָט דערגרייכט די טויערן פון ווילנע, איז ר׳ משה מייזלש „אַריינגעפאַלן״ אין דער אָקו־פּירטער זאָנע. ער האָט זיך באַקענט מיט פראַנצויזישע אָפיצערן און האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף זיי מיט זיין פילשפּראַכיקייט און אַלגעמיינער בילדונג. ער האָט געוואונען זייער צוטרוי, און עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז ער איז געוואָרן דער איבערזעצער פאַר דעם פראַנ־צויזישן גענעראַל־שטאַב. ווען מ׳האָט געדאַרפט האָבן אַן איבערזעצער ביים אויספאָרשן געפאַנגענע סאָלדאַטן אָדער אָפיצערן, אָדער פאַר־האַנדלען מיט פאָרשטייער פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, אָדער אַרויסגעבן ספּעציעלע דעקרעטן, אד״ג, איז ר׳ משה געווען גוט ווי געוואונטשן דורכצופירן די פאַרשידענע אָנגעלעגנהייטן אויפן בעסטן אופן.

אַזוי אַרום איז ר׳ משה מייזלש געוואָרן ווי אַ בן־בית אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. ער האָט זיך דאָרט דערוואוסט פיל וויכטיקע מיליטערישע סודות און פּלענער, און דורך זיינע פאַרבינדונגען מיט אַנדערע חסידים פון דעם אַלטן רבי׳ן, האָט ער

איבערגעגעבן די ידיעות צו די רוסישע גענעראַלן אויפן פראַנט. אויף דעם אופן איז אים אויך געלונגען צו ראַטעווען דעם רוסישן מיליטערישן אַרסענאַל לעבן ווילנע. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז פראַנצויזישע אַגענטן מאַכן פּלענער אויפצורייסן דעם אַרסענאַל, און ער האָט די ידיעה איבערגעגעבן וואו מ'דאַרף. די רוסן האָבן פאַרשטאַרקט זייער וואַכזאַמקייט אַרום דעם אַרסענאַל און די אַגענטן זיינען געכאַפּט געוואָרן איידער זיי האָבן באַוויזן דורכצופירן זייער אַרבעט.

(דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי, קוטוזאָוו, און די אַנדערע גענעראַלן אויפן פראַנט, האָבן שטאַרק אָפּגעשאַצט די הילף וואָס זיי האָבן באַקומען דורך דעם אַלטן רבי'ן. בשעת דער פראַנט האָט זיך דערנענטערט צו ליאַדי, און דער אַלטער רבי האָט געמוזט עוואַקואירן, ניט ווענדיק באַגעגענען זיך מיט נאַפּאָלעאָנען, האָבן די רוסישע גענעראַלן אים צוגעשטעלט צענדליקער וועגענער און פערד און דרינגענד געהאָלפן עוואַקואירן דעם רבי'ן מיט זיין גאַנץ הויזגעזינט. נאָך נאַפּאָלעאָן'ס מפּלה אין רוסלאַנד, האָט אויך דער צאַר אַלעקסאַנדער אויסגעדריקט זיין אָנערקענונג צום אַלטן רבי'נס זון און נאָכפאָלגער, דער „מיטעלער" רבי (רבי דוב בער שניאורי) און האָט אים באַערט מיט אַ ספּעציעלער אויסצייכענונג אַלס „געערטער בירגער", אַ טיטול וואָס איז אַריבער בירושה.)

ב

איינמאָל, ווען ר' משה מייזלש האָט זיך געפונען אין דעם פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב, האָבן די גענעראַלן געמאַכט פּלענער וועגן זייער ווייטערדיקן אָנגריף. גרויסע מאַפּעס זיינען געווען אויסגעשפּרייט אויפן טיש, און די גענעראַלן האָבן היציק דעבאַטירט די פאַרשידענע מעגלעכקייטן ווי צו פאַרטיילן זייערע מיליטערישע קרעפטן אויפן פראַנט, מיטן ציל צו דערלאַנגען דעם רוסישן מיליטער אַן אומדערוואַרטעטן קלאַפּ.

ר' משה מייזלש האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און ניט זעענדיק, און האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון אינטערעס אין די פאַרהאַנדלונגען. די גענעראַלן האָבן אים ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט. ווי געזאָגט, האָבן זיי בכלל געהאַט דעם פולן צוטרוי צו אים, בפרט אַז

זיי האָבן געוואוסט, אַז אין די געבילדעטע און השכלה־קרייזן פון די אידן האָט מען שטאַרק געהאַלטן פון נאַפּאָלעאָנען און מ׳האָט אים באַטראַכט אַלס „אויסלייזער״ פון צאַרישן דעספּאָטיזם. זיי, די פראַנצויזישע גענעראַלן, זיינען געווען זיכער, אַז ר׳ משה מייזלש געהערט אויך צו די דאָזיקע קרייזן.

פלוצלונג האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט און נאַפּאָלעאָן איז אַריינגעקומען מיט אַ שטורעם, ווי זיין שטייגער איז געווען. די גענעראַלן זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער. מיט איין שאַרפן בליק האָט נאַפּאָלעאָן באַנומען וואָס דאָ קומט פאָר, און ער האָט שטרענג אויסגערופן: „וואָס טוט דאָ דער פרעמדער?!״ ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער איז ער מיט האַסטיקע טריט צוגעגאַנגען צו ר׳ משה׳ן און האָט צו אים שאַרף אַ זאָג געטאָן: „דו ביסט אַ שפּיאָן!״ דערביי האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף ר׳ משה׳ס האַרצן, צו זען ווי זיין האַרץ קלאַפּט פון שרעק, וואָס ער איז דעמאַסקירט געוואָרן.

ר׳ משה מייזלש האָט זיך אָבער גאַרניט פאַרלאָרן אין דער אומדערוואַרטעטער לאַגע. זיין האַרץ האָט ניט געקלאַפּט שטאַרקער ווי געוויינלעך און דער קאָליר פון זיין פּנים האָט זיך ניט געענדערט. מיט אַן אומשולדיקער מינע האָט ער רואיק און געלאַסן געענטפערט דעם קיסר אין אַ פּערפעקטן פראַנצויזיש: „מאַיעסטעט! דיינע גענעראַלן האָבן מיך גענומען פאַר זייער איבערזעצער. איך שטיי צו זייער דינסט״.

ר׳ משה׳ס אינערלעכע און אויסערלעכע רואיקייט און קאַלטבלוטיקייט און זיין געלאַסענע אָבער פעסטע שטימע, האָבן אויף נאַפּאָלעאָנען געמאַכט דעם געהעריקן איינדרוק, און יעדער פאַרדאַכט וואָס איז דורכגעלאָפן אין זיין געדאַנק איז באַלד פאַרשוואונדן. אַזוי אַרום איז ר׳ משה מייזלש געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

ג

ווען ר׳ משה מייזלש האָט שפּעטער, שוין נאָך דער מלחמה, דערציילט וועגן יענער איבערלעבונג אין פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב צו דעם באַוואוסטן חסיד און גאון ר׳ אייזיק הלוי פון האָמליע, איינער פון דעם אַלטן רבי׳נס חשוב׳סטע חסידים, האָט ער דערקלערט, אַז „דער



אַלף פון חסידות״ האָט אים אין יענעם מאָמענט געראַטעוועט פון טויט.
ער האָט דאָס אויפגעקלערט אַזוי:

דער רבי האָט אונז געלערנט, אַז דער אַלף פון חסידות איז אויסצו־ניצן די נאַטירלעכע כּוחות, וואָס אַ מענטש האָט, אין דינסט פון דעם אויבערשטן. איינער פון די נאַטירלעכע כּוחות, ווי דער רבי רעדט אויך אַרום אין זיין הייליקן ספר תניא, איז אַז מוח שליט על הלב — דער מוח (שכל) הערשט איבער דאָס האַרץ. לויט דער נאַטור וואָס דער אויבער־שטער האָט באַשאַפן אין מענטשן, איז שכל פשוט שטאַרקער פון געפיל. מ׳דאַרף אָבער ניט נאָר וויסן, אַז דאָס איז אַזוי, נאָר מ׳דאַרף דאָס אויך כסדר ווען דורכפירן אין טאָג־טעגלעכן לעבן בפועל־ממש, ביז דאָס ווערט אַ נאַטירלעכע געוואוינהייט. דאָס מיינט, פשוט גערעדט, אַז יעדן מאָל ווען עס פאַרווילט זיך זייער שטאַרק עפּעס אַ געשמאַקע זאַך, דאַרף מען זאָגן צו זיך: זאָל זיך דיר איבערוועלן; און מ׳דאַרף זיך ניט נאָכ־געבן. דאָ מיינט מען אַפילו זאַכן וואָס מ׳מעג על פּי תּורה, וואָרום ניט אַלץ וואָס מ׳מעג, דאַרף מען וועלן. דאָס איז דער אַלף פון חסידות וואָס דער רבי האָט אונז געלערנט, און אַז מ׳האָט דעם אַלף גייט מען ווייטער.

און אַזוי האָב איך זיך שטענדיק איינגעוואוינט צו באַהערשן, אַזוי אַז אין אַלץ וואָס איך טראַכט, רייד און טו, זאָל דער שכל, און ניט דאָס האַרץ, זיין דער הערשער, און דאָרט וואו עס פאָדערט זיך האַרץ, זאָל דאָס אויך זיין געמאָסטן און אויסגעהאַלטן על פּי שכל. אַזוי האָב איך זיך אויסגעלערנט, און האָב זיך איינגעוואוינט, צו קאָנטראָלירן מיינע געפילן, ניט אויפרעגן זיך אונטער קיינע אומשטענדן און ניט נתפּעל צו ווערן פאַר קיינעם און פאַר קיין זאַך. און אָט דער אַלף פון חסידות האָט מיך געראַטעוועט.

צוליב אַן אָקס און אַ שעפּס

אַמאָל איז געווען אַ שלעכטער מלך, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז אַלע מענטשן וועלכע לעבן אין זיין לאַנד מוזן אָננעמען זיין גלויבן, אָדער פאַרטריבן ווערן פונם לאַנד, איבערלאָזנדיק זייער האָב און גוטס.

די אידן אין לאַנד זיינען געווען שטאַרק פאַרצווייפלט פון דער גזירה. זיי האָבן אָנגעווענדעט פאַרשידענע מיטלען, כדי אָפּצושרייען די גזירה. ווען אַלע באַמיאונגען האָבן ניט געהאָלפן, האָבן די אידן גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און טלית־און־תּפילין אונטערן אָרעם, און האָבן אויסגעוואַנדערט.

עס זיינען אָבער געווען עטלעכע רייכע אידן, וועלכע האָבן ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון. עס איז זיי שווער געווען צו שיידן זיך פון זייערע הייזער און גיטער און גיין וואַנדערן אויף ג־ט׳ס באַראָט. זיינען זיי געוואָרן „אַנוסים״ („געצוואונגענע״) — דאָס הייסט, זיי זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרשטעלן זיך פאַר „ניט־אידן״, אָבער באַהאַלטענערהייט האָבן זיי אָפּגעהיט די תּורה און מצוות וויפל זיי האָבן געקענט. צווישן זיי איז געווען איינער וואָס האָט פאַרנומען אַ הויכן אַמט אין קעניגלעכן הויף.

באַלד נאָכדעם ווי דער מלך האָט אַרויסגעטריבן די אידן פון זיין לאַנד, איז ער געשטאָרבן, און זיין זון איז געוואָרן דער מלך.

דער נייער מלך האָט גענומען פירן די מלוכה מיט אַ שטאַרקער האַנט. ער האָט געזוכט וואָס מער כבוד און רייכטום, און האָט פאַרפירט מלחמות מיט זיינע שכנים. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן חכם אין דער וועלט, און האָט זיך ניט גערעכנט מיט דער מיינונג פון זיינע מלוכה־מענטשן. האָבן די קעניגלעכע באַאַמטע באַשלאָסן צו מאַכן אַ פאַרשווערונג און טויטן דעם קעניג מיט זיין גאַנצער משפּחה.

דער „פֿאַרשטעלטער״ איד צווישן די מלוכה־באַאַמטע האָט זיך דערוואוסט וועגן דער פֿאַרשווערונג. ער האָט זיך מיישב געווען, אַז כאָטש דער מלך איז אַ רשע, אָבער אַז אַ מלך וועט זיין נאָך ערגער, און ער וועט מעגלעך פֿאַרלירן זיין גאַנצן פֿאַרמעגן, וואָס צוליב דעם איז ער דאָך געוואָרן אַז „אנוס״. איז ער אַוועק און דערציילט דעם מלך, אַז זיין לעבן איז אין געפֿאַר. דער מלך האָט פֿאַרשטאַרקט זיין וואַך, און ביינאַכט, ווען עס איז געמאַכט געוואָרן דער פֿאַרזוך צו טויטן דעם קעניג, זיינען די מורדים געכאַפּט געוואָרן. דער מלך האָט באַשטראָפֿט די אַלע באַאַמטע וועלכע זיינען געווען פֿאַרמישט אין דער פֿאַר־שווערונג, און דאַן האָט ער גערופֿן דעם טרייען באַאַמטן וואָס האָט געראַטעוועט זיין לעבן.

„דו האָסט מיך און די גאַנצע קעניגלעכע משפּחה געראַטעוועט פֿון אַ זיכערן טויט. מיט וואָס זאָל איך דיר באַלוינען?״ האָט אים דער קעניג געפֿרעגט. „איך שווער דיר בײַ מיין קרוין, אַז וואָס דו וועסט בײַ מיר בעטן, ביז אַ האַלבע מלוכה, וועל איך דיר געבן״.

„אדוני המלך!״ האָט דער פֿאַרשטעלטער איד געענטפֿערט, „אויב דער קעניג וויל מיך באמת אַ טובה טאָן, איז מיין בקשה, ניט קיין רייכ־טום און ניט קיין כבוד. נאָר אַזוי ווי איך בין אַ איד, און צוליב דער גזירה פֿון דיין פֿאָטער, האָב איך געמוזט אויסבאַהאַלטן מיין אידישקייט, דערי־בער בעט איך דיר, דו זאָלסט מיר דערלויבן אָנצוטאָן מיין טלית און תפֿילין אָפֿענערהייט, און איך זאָל מער ניט דאַרפֿן באַהאַלטן מיין אידישקייט״.

ווען דער קעניג האָט דאָס דערהערט, האָט אים פֿאַרדראָסן, פֿאַר־וואָס ער האָט געשוואָרן בײַ זיין קרוין צו דערפֿילן יעדן פֿאַרלאַנג. ער איז געווען אַזאַ רשע ווי זיין פֿאָטער, און האָט ניט געוואָלט האָבן אידן אין זיין מלוכה. אָבער איצט איז געווען פֿאַרפֿאַלן. ער האָט געמוזט האַלטן זיין שבועה, נאָר ער האָט געוואַרט אויף אַן אויסרייד צוריק־צוציען זיין צוזאָג.

באַלד דערנאָך איז אויך דער קעניג אַוועק פֿון דער וועלט און זיין זון איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

דער יונגער קעניג האָט זיך באַטראַכט, אַז עפּעס איז ניט מיט

אַלעמען וואָס זיין פּאָטער און זיידע זיינען פּריצייטיק אַוועק פון דער וועלט. ער האָט זיך געוואָלט פאַרזיכערן, אַז ער וועט לאַנג זיצן אויף זיין מלוכה־שטול. האָט ער צוזאַמענגערופן זיינע חכמים און עצה־געבער און האָט זיי געפרעגט, ווי אַזוי ער קען זיך פאַרזיכערן אין זיין מלוכה.

האָבן דעם קעניג׳ס עצה־געבער אים גע׳עצה׳ט, אַז קודם־כל מוז ער באַנייען די גזירה פון זיין זיידן, אַז קיין איד טאָר ניט וואוינען אין לאַנד!

האָט דער מלך גערופן דעם אידישן מלוכה־באַאַמטן און האָט צו אים געזאָגט: „איך בין ניט געבונדן מיט דער שבועה פון מיין פאָטער. ווילסטו בלייבן לעבן אין לאַנד און בלייבן אויף דיין אַמט, מוזטו אויפ־געבן דיין גלויבן און אָננעמען אונזער גלויבן!״

עס האָבן ניט געהאָלפן קיין טענות. בלית־ברירה, ניט קענענדיק ביישטיין דעם נסיון צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט, איז ער ווידער געוואָרן אַן „אנוס״.

יענע נאַכט האָט דער מלך געהאַט אַ חלום. עס האָט זיך אים גע׳־חלום׳ט, אַז ער קוקט אַרויף צום הימל אין מיטן נאַכט, און קוקט אויף די צוועלף מזלות. פּלוצלונג האָבן צוויי פון די מזלות, דער מזל־שור (אָקס) און מזל־טלה (שעפּס) גענומען לאַכן פון אים!

דער מלך האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט באַלד געשיקט רופן זיינע שטערנזעער און האָט זיי דערציילט זיין מאָדנעם חלום, און געפרעגט די באַדייטונג דערפון.

די שטערנזעער האָבן געענטפערט: „עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז מ׳האָט דעם מלך געוויזן, אַז צוליב אַן אָקס און אַ שעפּעס וועט ער פאַר־שניטן ווערן פון דער וועלט״.

דער מלך האָט אויפגעציטערט. „און וואָס איז די עצה אויסצוהיטן זיך דערפון?״ האָט ער געפאָדערט.

„ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער עצה ווי אַרויסגעבן אַ באַפעל צו שעכטן אַלע אָקסן און שעפּסן אין לאַנד״, האָבן די שטערנזעער געענטפערט.

דער קיסר האָט באַלד אַרויסגעגעבן דעם באַפעל, אַז אין פאַרלויף

פון דריי טעג טאָר קיין איין לעבעדיקער אָקס און קיין איין לעבעדיקער שעפּס ניט געפינען זיך אין לאַנד!

איצט האָט זיך דער מלך געפילט רואיק און זיכער. ער האָט גע־נומען פירן מלחמות און גיין אין די דרכים פון זיין פאָטער און זיידן. צוערשט האָט ער אָפּגעהאַלטן גלענצנדע נצחונות. ער איז געוואָרן אַזוי דרייסט ביי זיך, אַז אין איינער פון די מלחמות האָט ער מיטגענומען זיין גאַנצע קעניגלעכע משפחה צוצוזען זיין העלדישקייט. ער האָט אָבער געליטן אַ מיאוסע מפּלה, און ער און זיין גאַנצע משפחה זיינען גע־טויטעט געוואָרן.

מ׳האָט אויסגעקליבן אַ נייעם מלך, וועלכער האָט באַלד צוזאַמענ־גערופן אַלע שטערנזעער און חכמים און האָט געפאָדערט אַן אויפ־קלערונג, פאַרוואָס דער פריערדיקער מלך און זיין גאַנצע משפחה זיינען פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט, ניט קוקנדיק וואָס דער מלך האָט געטאָן אַלץ וואָס די שטערנזעער האָבן געזאָגט?

פאַרשטומט זיינען געווען די חכמים און עצה־געבער, ניט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן דעם מלך.

דאַן איז אויפגעשטאַנען דער פאַרשטעלטער איד און האָט געזאָגט: „אדוני המלך, די שטערנזעער האָבן געמאַכט אַ ביטערן טעות, און האָבן פאַלש אויסגעטייטשט דעם חלום פון דעם פריערדיקן קעניג. מיט פיל, פיל יאָרן צוריק האָבן מיר אידן געהאַט אַ גרויסן קעניג, און זיין גרויס־קייט איז געווען ניט אין דעם וואָס ער האָט געטויטעט אַ ריז, און ניט אין די זיגרייכע מלחמות וואָס ער האָט געמוזט פירן צו באַשיצן זיין פאָלק, נאָר אין אַ הייליקן ספר וואָס ער האָט פאַרפאַסט אין גייסט פון ג־ט־לעכער נבואה. דער נאָמען פון אונזער גרויסן קעניג איז געווען דוד המלך, און דער נאָמען פון דעם הייליקן ספר איז ‚תהילים׳. און אָט אין דעם ספר האָט שוין דוד המלך אָנגעדייטעט די אמת׳ע אויסטייטשונג פון דעם חלום, וואָס דער פריערדיקער מלך האָט גע׳חלומ׳ט!״

„אַזוי גאָר? איז וואָס איז די באַדייטונג פון דעם חלום?״ האָט דער קעניג נייגעריק געפרעגט.

„מיר אידן האָבן צוויי גרויסע מצוות, צווישן אַלע אַנדערע מצוות״,

האָט דער איד געגומען אויפקלערן דעם ענין, „די מצוה פון תפילין און די מצוה פון ציצית. פון דעם פעל פון אַן אָקס מאַכן מיר תפילין און רצועות, און פון וואָל פון אַ שעפּס מאַכן מיר ציצית. ניט אַ געוויינ־לעכער אָקס און אַ פּשוט׳ער שעפּס האָבן געלאַכט פון דעם פריערדיקן מלך, נאָר די מצוות פון תפילין און ציצית, וואָס דער פריערדיקער מלך האָט געזוכט צו מבטל זיין. און אויף דעם האָט אָנגעדייטעט דוד המלך אין זיין ספר תהילים: שלעכטע הערשער זאָגן נְנתקה את מוסרותימו — ,לאָמיר צערייסן זיינע רצועות (תפילין)׳, ונשליכה ממנו עבותימו — ,און לאָמיר אַראָפּוואַרפן פון אים זיינע געפלאָכטענע פעדים (ציצית), אָבער יושב בשמים ישחק — ,דער אויבערשטער אין הימל לאַכט זיך אויס פון זיי׳. די יעניקע שלעכטע און נאַרישע הערשער, וועלכע ווילן אַראָפּ־רייסן פון אידן זייערע תפילין און ציצית, פאַראורטיילן זיך אַליין. ווען די הערשער פון דער וועלט וואָלטן געוואוסט, ווי גוט עס איז פאַר זיי און זייער לאַנד, ווען אידן היטן די מצוות פון תפילין און ציצית און אַלע אַנ־דערע מצוות, וואָלטן זיי זיך געבעטן בּאַ די אידן: ,אידן, היט אייער תורה און מצוות, וועט זיין גוט פאַר אייך און אויך פאַר אונז!׳״.

דער קעניג איז שטאַרק נתפעל געוואָרן פון די ווערטער פון זיין אידישן בעל־יועץ. ער האָט תיכף מבטל געמאַכט אַלע גזירות קעגן אידן און אידישן דת, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די אידן, צו קומען באַזעצן זיך אין זיין לאַנד און געניסן פון פולער פרייהייט צו לעבן לויט זייער תורה און מצוות.

דריי דין־תורה׳ס

אין בערדיטשעוו, וואו דער באַרימטער צדיק ר׳ לוי־יצחק איז געווען רב, איז נפטר געוואָרן אַ גביר. ביים לעבן האָט מען דעם גביר געהאַלטן פאַר אַ „פאַרשלאָסענע האַנט״, אַ גביר אַ קמצן, וואָס האָט גע־געבן צדקה ניט לויט זיינע מעגלעכקייטן; ניט ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן פון אַזאַ גביר. די חברה־קדישא פון שטאָט האָט איצט גע־פונען די מעגלעכקייט אַרויפצוצווינגען אויף די יורשים אַ גרויסע סומע געלט פאַר אַ קרקע און קבורה־געלט פאַר דעם גביר. די יורשים האָבן ניט געוואָלט באַצאָלן אַזאַ גרויסע סומע געלט. האָבן די חברה־קדישא און די יורשים באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו דעם צדיק ר׳ לוי־יצחק צו מאַכן אַ פשרה, און האָבן זיך מתחייב געווען צו טאָן אַזוי ווי דער בערדיטשעווער רב וועט פסק׳ענען.

ווען ר׳ לוי־יצחק האָט זיך דערוואוסט פון דער פּטירה פון דעם גביר, האָט ער זיך שטאַרק מצער געווען. ער האָט אָנגעזאָגט די חברה־קדישא ניט צו פאָדערן קיין געלט פאַר דער קבורה פון דעם נפטר און נעמען בלויז אַזוי פיל וויפל די יורשים וועלן פרייוויליק געבן. ער האָט אויך אָנגעזאָגט די חברה־קדישא, אַז זיי זאָלן אים מודיע זיין די צייט פון דער לוי׳, ווייל ער וויל באַגלייטן דעם נפטר צו זיין אייביקער רו.

בליץ־שנעל האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז ר׳ לוי־יצחק אַליין וועט גיין צו דער לוי׳ פון דעם נפטר. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער איז שוין ניט געבליבן זיצן אינדערהיים. אידן האָבן צוגעמאַכט זייערע געוועל־בער, אָפּגעשטעלט זייער אַרבעט, און זיינען געגאַנגען צו דער לוי׳ פון דעם גביר, כאָטש זיי האָבן ניט געוואוסט פאַרוואָס עס קומט אים אַזאַ כבוד.

נאָך דער לוי׳ האָט מען דעם בערדיטשעווער רב געפרעגט, פאַר־וואָס ער האָט געגעבן אַזויפיל כבוד צו דעם גביר, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ פּראָסטער מענטש און אַ קמצן דערצו.

„דאָס איז געווען אַ באַהאַלטענער איד; קיינער האָט אים ניט גע־קענט, און איך וואָלט אים אויך ניט געקענט, ווען ניט די דריי דין־תורה׳ס וועלכע דער איד האָט געהאַט באַ מיר״. און דער בערדי־טשעווער האָט זיי דערציילט וועגן די דריי דין־תורה׳ס.

די ערשטע דין־תורה

ס׳איז געווען אַמאָל אַ סוחר וועלכער פלעגט דינען אַלס אַ מעקלער פאַר די סוחרים פונעם שטעטל. די שטעטלשע סוחרים פלעגן אים איינ־צאָלן פאַרשידענע סומעס געלט אויף איינצוקויפן סחורות, יעדן לויט זיינע באַדערפנישן, און דער מעקלער פלעגט אַרויספאָרן איינקויפן די סחורות און ברענגען אין שטעטל און באַקומען דערפאַר מעקלעריי. פאַ־סירט אַמאָל, אַז דער מעקלער, קומענדיק אין דער גרויסער שטאָט וואו ער האָט געדאַרפט איינקויפן די סחורות, האָט זיך פלוצלונג געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרלאָרן דאָס גאַנצע געלט. ס׳איז אים געוואָרן פינסטער אין די אויגן, און ער האָט באַלד אַוועקגעחלש׳ט. ס׳איז געוואָרן אַ טומל; מען האָט גערופן אַ דאָקטאָר. ער האָט דעם אידן אָפּגעמינטערט. אָבער ווי דער איד איז געקומען צו זיך און האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס געלט איז פאַרלאָרן געוואָרן, האָט ער באַלד ווידער גע׳חלש׳ט. און ווידער האָט מען אים אָפּגעמינטערט, און ווידער האָט דער איד געקלאָגט און גע־וויינט און געפאַלן אין חלשות. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז קיין רפו־אות וועלן דאָ ניט העלפן, סיידן עס וועט קומען דער וואָס האָט דאָס געלט געפונען און אומקערן די אבידה צום אומגליקלעכן.

פלוצלונג האָט זיך באַוויזן אַ איד וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער האָט געפונען דאָס געלט און וויל מקיים זיין די מצוה פון השבת־אבידה. ס׳איז געוואָרן אַ שמחה. דער פאַר׳חלש׳טער איז געקומען צו זיך, האָט באַקומען דאָס געלט און האָט ממש אויפגעלעבט.

מיט אַ געוויסער צייט שפּעטער, דערציילט ווייטער דער צדיק ר׳ לוי־יצחק, זיינען געקומען צוויי אידן צו מיר מיט אַ דין־תורה. איינער פון זיי איז געווען דער נפטר; דער צווייטער איז געווען אַן אומבאַ־קאַנטער איד פון יענער שטאָט, וואו דער מעקלער האָט פאַרלאָרן דאָס געלט. דער פרעמדער איד האָט גע׳טענה׳ט, אַז באמת איז ער געווען

דער וואָס האָט געפונען דאָס געלט, און ער האָט בעת־מעשה ניט גע־קענטביישטיין דעם נסיון און האָט געוואָלט צונעמען דאָס געלט פאַר זיך. ווען ער האָט אָבער דערזען ווי אַ צווייטער איד האָט אָפּגעגעבן אַזאַ סומע געלט צום אומגליקלעכן אידן פון דער אייגענער קעשענע, כדי אים צו ראַטעווען דאָס לעבן, זאָגנדיק, כלומרשט, אַז ער האָט געפונען דאָס געלט, האָט דאָס אַרויסגערופן אַ געפיל פון חרטה און תשובה באַ אים, דעם אמת׳ן געפינער פון דאָס געלט. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיין געוויסן און ענדלעך האָט ער באַשלאָסן אומצוקערן דאָס געלט צום אידן וואָס האָט דאָס געלט געגעבן יענעם מעקלער, כדי לכל־הפחות איצט מקיים זיין די מצוה פון השבת־אבידה. אָבער דער איד אַנטזאָגט זיך צו נעמען דאָס געלט! פון דער אַנדער זייט האָט דער גביר, דער נפטר, גע׳טענה׳ט, אַז ער האָט זוכה געווען צו האָבן אַ מצוה פון הצלת־נפשות און ס׳איז אים ווערט דאָס געלט, און ער וויל די מצוה ניט פאַרקויפן!

איך האָב גע׳פסק׳נט — האָט ר׳ לוי־יצחק פאַרענדיקט זיין דער־ציילונג וועגן דער דין־תורה — אַז דער נפטר איז ניט מחוייב צו נעמען דאָס געלט אויב ער וויל ניט. דער בעל־תשובה דאַרף זיך זוכן וועגן ווי מתקן צו זיין זיין עבירה און מקיים צו זיין אַן אמת׳ע תשובה, אָבער צווינגען דעם אַנדערן צו נעמען דאָס געלט, דאָס האָט ער קיין רעכט ניט.

די צווייטע דין־תורה

עס איז געווען אַ איד אין בערדיטשעוו, וועלכער האָט ניט מצליח געווען אין מסחר און האָט ניט געקענט מפרנס זיין זיין פרוי און קינ־דער. האָט ער באַשלאָסן אַרויסצולאָזן זיך אין דער פרעמד צו פרוואוון זוכן זיין מזל. האָט אים אָבער זיין ווייב ניט געלאָזט פאַרלאָזן דאָס הויז און איבערלאָזן איר מיט די קינדער אויף הפקר. האָט זיך דער איד מיישב געווען און איז געקומען צו זיין ווייב און האָט איר געזאָגט, אַז דער גביר האָט אים אָנגעשטעלט אין זיין געשעפט און שיקט אים אין אַ געוויסער שטאָט דורכצופירן אַ געשעפט. יעדן דאָנערשטיק זאָל דאָס ווייב קומען אין געשעפט, וועט דער קאַסירער איר אויסצאָלן אַ גע־

וויסע סומע אויפן חשבון פון זיין שכירות. דאָס ווייב האָט מסכים געווען, און דער איד איז אַוועקגעפאָרן.

ווען דאָס ווייב איז דאַנערשטיק געקומען אָפּנעמען די שכירות, האָט איר דער קאַסירער אָנגעקוקט ווי אַ משוגענע. דאָס ווייב האָט גענומען מאָנען די שכירות, און דער קאַסירער האָט געענטפערט, אַז ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן! ס׳איז געוואָרן אַ טומל, ביז ס׳איז דערגאַנגען צום בעל־הבית. דערהערנדיק וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט זיך דער בעל־הבית אָפּגערופן: „די פרוי איז גערעכט! צאָל איר אַרויס די שכירות איצט, און אַלע דאַנערשטיק! איך האָב איר מאַן אָנגעשטעלט, אָבער פאַרגעסן דיר צו זאָגן וועגן דעם".

ס׳איז דורך אַ היבשע צייט און דער מאַן איז צוריקגעקומען אַהיים. ער האָט גראָדע מצליח געווען און האָט אָפּגעשפּאָרט אַ באַדייטנדע סומע געלט. די שמחה אין שטוב איז געווען גרויס. דאָס ווייב האָט דערציילט איר מאַן, אַז זי און די קינדער האָבן חלילה ניט געליטן הונגער; דער גביר האָט איר אַלע וואָך אויסגעצאָלט די וועכנטלעכע שכירות. איר מאַן האָט גאָר ניט געזאָגט. ער איז אַוועק צום גביר, האָט אים באַדאַנקט פאַר זיין גוט־האַרציקייט, און האָט אים געוואָלט אויסצאָלן דאָס געלט וואָס ער האָט יעדע וואָך געגעבן זיין ווייב. דער גביר האָט אים אָבער געענטפערט, אַז ער קען ניט דעם אידן און האָט מיט דעם אידן גאָרניט געהאַט צו טאָן. הכלל, דער גביר האָט זיך אַנטזאָגט צו נעמען דאָס געלט. האָט אים דער איד גערופן צו אַ דין־תורה פאַר מיר. איך האָב גע׳פּסק׳נט, אַז דער איד קען ניט צווינגען דעם גביר צוריקצונעמען דאָס געלט וואָס ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געגעבן אַלס צדקה.

די דריטע דין־תורה

אַ געוויסער בערדיטשעווער בעל־הבית איז געוואָרן אַ יורד און האָט פאַרלאָרן זיין געלט און איז געוואָרן אַן אָרעמאַן. ער איז געקומען צום גביר, דעם איצטיקן נפטר, און האָט באַ אים געבעטן אַ גמילות־חסד אויף אַ געוויסער צייט, כדי ער זאָל קענען צוריקשטעלן זיך אויף די פיס. האָט אים דער גביר געפרעגט, „ווער וועט זיין אַן ערב פאַר דיר און

גאַראַנטירן אומצוקערן מיר דעם חוב אין פֿאַל ווען דו וועסט דאָס ניט קענען טאָן?״ האָט אים דער בעל־הבית געענטפֿערט: „דער אויבער־שטער וועט זיין מיין ערב״. זאָגט צו אים דער גביר: „קיין בעסערן ערב דאַרף איך ניט; דער אויבערשטער איז באַ מיר אַ בעל־בטוח״. און ער האָט דעם בעל־הבית אַנטליען דאָס געלט.

ווען ס'איז געקומען די צייט צו באַצאָלן דעם חוב, האָט דער בעל־הבית נאָך ניט געהאַט דאָס געלט, אָבער אַ געוויסע צייט שפּעטער איז ער געקומען און האָט געבראַכט דעם חוב. דער גביר האָט זיך אָבער אַנטזאָגט צו נעמען. „דער ערב האָט מיר שוין דעם חוב אָפּגעצאָלט״, האָט דער גביר געזאָגט.

זיינען זיי געקומען צו מיר מיט אַ דין־תורה. דער בעל־הבית האָט גע'טענה'ט, אַז ער האָט מצליח געווען און האָט זיך צוריק געשטעלט אויף די פיס, מיט סוחרים צוגלייך, און וויל אָפּצאָלן דעם חוב, אָבער דער גביר וויל ניט נעמען.

און ווידער האָב איך גע'פּסק'נט, אַז דער גביר איז גערעכט און דער בעל־הבית קען צו אים קיין טענות ניט האָבן!

* * *

„איצט זעט איר״, האָט דער צדיק ר' לוי־יצחק פאַרענדיקט, „אַז דער נפטר איז שוין גאָר ניט געווען קיין פּשוט'ער איד, און אַ קמצן אַודאי ניט. ער איז אין דער אמת'ן געווען אַ גרויסער בעל־צדקה, נאָר ער האָט געהאַלטן פון מתן־בסתר, געבן צדקה באַהאַלטענערהייט — די העכסטע מדריגה פון צדקה. זאָל זיין נשמה האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן״.

דער בעטלער־פּריץ

אין דער געגנט פון ליזענסק האָבן געוואוינט אידישע אַרענדאַרן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין אַרענדע קרעטשמעס, מילן און וועלדער, וואָס זיי האָבן געדונגען פון דעם פּריץ פון יענער געגנט. דער פּריץ איז געווען אַ שטרענגער: די אַרענדע־געלט הויכע, און די אידישע אַרענדאַרן האָבן קוים־קוים געהאַט צום לעבן. דערצו פלעגט זיי דער פּריץ דערגיין די יאָרן, דערמיט וואָס יעדעס יאָר האָט ער געוואָלט העכערן די אַרענדע־געלט. אַז עס איז געקומען דער טאָג ווען די אַרענדאַרן האָבן אים געדאַרפט ברענגען די אַרענדע, פלעגט ער יעדן איינעם שטרענג זאָגן, אַז די אַרענדע איז געהעכערט אויף אַזויפיל און אַזויפיל: אויב דער אַרענדאַר וויל ניט צאָלן די געהעכערטע סומע, וואַרפט ער אים אַרויס מיט דער גאַנצער משפחה!

פאַרשטייט זיך, אַז די אַרענדאַרן האָבן באַלד גענומען בעטן דעם „הויכגעשעצטן" און „ליבנסווירדיקן" פּאַן, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף זייערע ווייבער און קינדער: די פרנסה איז בדוחק, און מ'שפּאָרט אָפּ פון ביסן פון מויל צו באַצאָלן די אַלטע אַרענדע.

און מערקווירדיק! דער פּריץ פלעגט פּלוצלונג ווייך ווערן, און עס פלעגט אים דערנעמען אַ געפיל פון מיטלייד פאַר די אידישע אַרענדאַרן. ער פלעגט זיי דערלויבן צו בלייבן לויטן אַלטן אָפּמאַך, און ניט זעלטן פלעגט ער אַפילו אַראָפּלאָזן פון דער אַרענדע, אָדער פאַרלענגערן די צייט פון אָפּצאָל.

ווען דער פּריץ פלעגט בלייבן אַליין און אַריינטראַכטן זיך אין זיין האַנדלונג, פלעגט ער ווערט שטאַרק ברוגז אויף זיך. ווי קומט צו אים אַזאַ ווייכהאַרציקייט און פריינטלעכקייט צו די „זשידעס"?! היין און צוריק האָט ער אַרומגעשפּרייזט באַ זיך אין צימער און געברומט פון כעס: „מער ניט! דעם קומענדיקן יאָר וועלן זיי ביי מיר צאָלן מער, אָדער איך וועל זיי אַרויסוואַרפן פון מיינע גיטער!"

אָבער ווען עס איז דורך נאָך אַ יאָר און די אידישע אַרענדאַרן פלעגן ברענגען די אַרענדע־געלט און דערביי באַקלאָגן זיך ווי שווער עס איז זיי אָנגעקומען, פלעגט זיין כּעס צערינען ווי אַ וואַסער, און אַליין ניט וויסנדיק ווי אַזוי און פאַרוואָס, פלעגט ער זיי מוחל זיין די העכערונג. דערנאָך פלעגט דער פריץ ווערן אויסער זיך פאַר כּעס, צוליב זיין שוואַכקייט אין באַהאַנדלען די אידישע אַרענדאַרן, כאָטש ער איז שטענדיק און אין אַלע אומשטענדן געווען אַ שטרענגער און אַ בייזער און האָט פאַר קיינעם ניט געהאַט קיין וואַרעמע געפילן, אויסער צו זיין הונט...

ענדלעך האָט דער פריץ באַשלאָסן, אַז ווען ער וועט זיך „מתוודה זיין" פאַר זיין גלח און בעטן מחילה פאַר זיינע עבירות, וועט ער אים דערציילן אויך וועגן זיין „דורכפאַל" מיט זיינע אידישע אַרענדאַרן, און פרעגן אַן עצה.

אויסהערנדיק זיין געשיכטע, האָט אים דער גלח געענטפערט: ווייסטו דען ניט, אַז אין ליזענסק געפינט זיך זייערער אַ רבי און צדיק, רבי אלימלך? איך האָב געהערט, אַז די אַרענדאַרן, איידער זיי קומען צו דיר, גייען זיי פריער צו זייער רבי'ן און בעטן אַ ברכה; און דער רבי גיט זיי אַ ברכה, אַז זייערע רייד זאָלן ווייך מאַכן דיין שטיינערנע האַרץ, און דו זאָלסט דערפילן זייער בקשה. מיין עצה איז, אַז דו זאָלסט אַרויס־געבן אַ באַפעל, אַז דער רבי ר' אלימלך זאָל אין פאַרלויף פון דריי חדשים פאַרלאָזן ליזענסק און זאָל זיך ניט באַזעצן אין קיין שטאָט אָדער דאָרף וועלכע געהערן צו דיר. און ווען ער וועט פאַרשיקט ווערן ווייט־ווייט, וועלן שוין די אַרענדאַרן ניט קענען קומען צו אים נאָך אַ ברכה, און דו וועסט קענען באַהאַנדלען די אידישע אַרענדאַרן ווי דו פאַרשטייסט".

די עצה איז דעם פריץ געפעלן געוואָרן, און ער האָט באַלד אַרויס־געגעבן דעם באַפעל.

קורץ דערנאָך, האָט זיך דער פריץ אַרויסגעלאָזט אויף אַ לאַנגער רייזע, אין דער באַגלייטונג פון אַ באַדינער. אויפן וועג, דורכפאָרנדיק אַ געדיכטן וואַלד, האָט דער פריץ געזאָגט צו זיין באַדינער, אַז ער וויל זיך גיין באָדן אין דעם טייך, וואָס איז דורכגעפלאָסן דורך דעם וואַלד. דער פריץ האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיינע בגדים און איז אַריינגעשפרונ־

גען אין וואַסער. אַ גוטער שווימער איז ער געווען, האָט ער זיך געלאָזט שווימען צום אַנדערן ברעג. דאָרט האָט ער זיך אַביסל אויסגערוט און דערנאָך איז ער געשוואומען צוריק. אָבער אַרויסקומענדיק פון וואַסער האָט ער זיינע קליידער ניט געפונען. אויך זיין באַדינער איז פאַר־שוואונדן געוואָרן צוזאַמען מיט די פערד.

אַ היבשע צייט האָט דער פּריץ געבלאָנדזשעט אין וואַלד. פון בלע־טער און צווייגן האָט ער זיך ווי־ניט־איז געמאַכט קליידונג צו באַדעקן זיין נאַקעטקייט.

די זון איז שוין פאַרגאַנגען, ווען ער האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צו אַ דאָרף. דאָ האָבן אים די הינט באַפאַלן מיט אַ בילעריי און עטלעכע פויערים זיינען אַרויסגעלאָפן פון זייערע כאַטעס און האָבן דערזען פאַר זיך אַ ווילדן מענטשן. פאַרגעסנדיק זיין לאַגע, האָט דער פּריץ גענומען שרייען אויף די פויערים, ווי זיין שטייגער איז געווען: „וואָס שטייט איר ווי ליימענע גולם׳ס?! אַזוי איז מען עס מקבל־פּנים אַ גרויסן פּריץ? איך וועל אייך די הויט אָפּשינדן!"

די פויערים האָבן זיך צעלאַכט אויפן קול. „עפּעס אַ משוגענער איז פון וואַלד אַרויסגעקומען; קוקט אים נאָר אָן, דעם נאַקעטן פּריץ!"

די יונגע שגץ׳לעך האָבן גענומען וואַרפן שטיינדלעך אויף אים, אָבער די עלטערע פויערים האָבן אויף אים רחמנות געהאַט. מען האָט פאַר אים צוזאַמענגענומען פויערשע שמאַטעס צו באַדעקן זיין נאַקעטן לייב און מ׳האָט אים געגעבן ברויט און וואַסער.

דער פּריץ האָט געפּרואווט דערציילן, אַז ער איז אַ גרויסער פּריץ, און דער אייגנטימער פון פיל שטעט און דערפער. ער האָט די פויערים צוגעזאָגט מאַיאָנטקעס מיט גאָלד, אויב זיי וועלן אים געבן אַ פערד, און העלפן דערגרייכן צו זיין פּריצישן פּאַלאַץ. די פויערים האָבן זיך אָבער אויסגעלאַכט פון אים און האָבן אים געשיקט אין שטאַל איבערצושלאָפן די נאַכט.

גאַנץ פרי האָט זיך דער פּריץ אַרויסגעשאַרט פון דאָרף, און האָט גענומען וואַנדערן צוריק אַהיים. קומענדיק אין אַ צווייטן דאָרף האָט ער שוין ניט דערציילט ווער ער איז, וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז מען

וועט אים האַלטן פאַר אַ משוגענעם. ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ באַנדע בעטלער, וועלכע האָבן אים אַריינגענומען אין זייער געזעלשאַפט. צוזאַמען מיט זיי האָט ער געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָט צו שטאָט, ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין ליזענסק. דאָ האָט ער זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן פריץ, און ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער פריץ איז געווען אַוועקגעפאָרן און האָט זיך אומגעקערט אַהיים, און איז דער זעלבער שטרענגער און בייזער פריץ ווי געוועז.

זונטיק פרי איז דער בעטלער־פריץ געגאַנגען מיט די אַנדערע בעטלער און זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה לעבן קירך. ווען דער „פריץ" איז אַרויסגעקומען פון דער קירך, האָט ער יעדן בעטלער צוגעוואָרפן אַ מטבע. דער בעטלער־פריץ האָט איצט געהאַט אַ געלעגנהייט אָנצוקוקן דעם „פריץ", וואָס האָט פאַרנומען זיין אָרט, און האָט אין אים דערקענט זיין פאַלשן באַדינער. ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ניט צו וואַרפן זיך אויף דעם פאַלשן פריץ מיט אַ ווילדער רציחה, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ זייער נאַרישע זאַך.

„פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף?" האָט דער בעטלער־פריץ געטראַכט מיט אַ צעבראָכענעם געמיט. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז פאַר זיין אַרויספאָר האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרטרייבן דעם צדיק ר' אלימלך פון זיינע גיטער; אָנשטאָט דעם איז גאָר ער, דער פריץ אַליין, פאַרטריבן געוואָרן פון זיינע גיטער און פון זיין היים!

„איך וועל גיין איבערבעטן דעם צדיק, און אפשר וועט ער מיר אויך העלפן", האָט דער פריץ געטראַכט.

אַריינקומענדיק צום רבי'ן רבי אלימלך, האָט זיך דער פריץ געוואָרפן צו זיינע פיס און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן בײַ אים מחילה. ער האָט אים אויך דערציילט אַלץ וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, און האָט געבעטן הילף אומצוקערן זיך אַהיים צו זיין פריערדיקן מצב. דערביי האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיין גוט צו די אידן, און וועט אייביק געדענקען דעם חסד.

רבי אלימלך האָט אים געגעבן געלט איינצושאַפן זיך די זעלבע פריצישע בגדים, פון קאָפּ ביז די פיס, ווי דער פאַרשטעלטער „פריץ"

טראַגט. דעם קומענדיקן זונטיק, ווען דער פאַרשטעלטער „פריץ״ וועט גיין אין קירך, זאָל ער, דער אמת׳ער פריץ, אָפּוואַרטן אַ ביסל צייט, און דאַן, עטלעכע מינוט איידער דער פריץ דאַרף קומען אַהיים, זאָל ער זיך אַריינשפּאַצירן צו זיך אַהיים, פּונקט ווי אַמאָל. דאָס איבעריקע וועט ער שוין אַליין וויסן וואָס צו טאָן.

כך הוה. דער פריץ איז צוריק געוואָרן פריץ, אָבער ער איז שוין געווען גאָר אַנדערש ווי אַמאָל. איצט האָט ער שוין געוואוסט, וואָס עס מיינט צו זיין אַ בעטלער, און צו ליידן נויט און הונגער, און ער האָט זיך באַצויגן מיט פריינטלעכקייט צו אַלע וועלכע האָבן געדאַרפט אָנקומען צו אים נאָך הילף. אָבער באַזונדערס פריינטלעך איז ער געווען צו זיינע אידישע אונטערטאַנען, וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז אין זייער זכות איז ער געהאָלפן געוואָרן.

אַ מעשה מיט אַ שטרויענעם לייב

ר׳ משה לייב איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע רבנים אין בראָד, גאַליציע, אין דער צייט פון דעם רבי׳ן רבי אלימלך פון ליזענסק.

ר׳ משה לייב האָט געהאַט אַ גרויסן בית־מדרש און האָט אָנגעפירט זיין רבנות מיט אַ ברייטער האַנט. געהאַט האָט ער פיל חשובע בעלי־בתים, און דער גבאי פון בית־מדרש — אַ גביר און בעל־צדקה — איז געווען איינער פון די הויפט־זיילן פון זיין קהילה.

פאַסירט, אַז דעם גבאי׳ס יונגע טאָכטער איז (ניט־פאַר־קיינעם־געדאַכט) שטאַרק קראַנק געוואָרן אויפן מאָגן. זי האָט קיין שפּייז ניט געקענט פאַרדייען, און וואָס זי האָט אַראָפּגעשלונגען האָט זי צוריק־געגעבן. דער גביר האָט גענומען די טאָכטער צו די גרעסטע דאָק־טוירים, אָבער אַלע זייערע רפואות און מיטלען האָבן ניט געהאָלפן. די עלטערן זיינען ממש פאַרצווייפלט געוואָרן פון דעם אומגליק.

מאַכט זיך, אַז איינער פון רבי אלימלך׳ס חסידים איז געקומען אין בראָד, און ווען ער האָט געהערט וועגן דעם גביר׳ס צער, האָט ער אים גע׳עצה׳ט צו פאָרן מיט דער טאָכטער צום רבי׳ן אין ליזענסק. דער חסיד האָט אים דערציילט, אַז דער רבי איז אַ גרויסער צדיק און בעל־מופת, און האָט שוין פיל אידן געהאָלפן מיט זיין עצה און ברכה.

קיין חסיד איז דער גביר ניט געווען, און ער האָט ווייניק וואָס גע־וואוסט וועגן רביים און חסידים. אָבער וואָס טוט ניט אַ טאַטע פאַר אַן אייגן קינד? האָט ער גענומען די טאָכטער און זיי זיינען געפאָרן אין ליזענסק.

אַריינקומענדיק צום רבי׳ן, האָט דער גביר פאַר אים אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ, און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן ראַטעווען זיין קינד. האָט דער רבי געבעטן דער רביצין אָפּצוקאָכן אַביסל גרויפּענע קאַשע און געבן דער חולה אַ לעפל אָדער צוויי. דאָס מיידל האָט אַראָפּ־

געשלונגען אַ לעפל קאַשע און — הפלא ופלא! זי האָט עס ניט אויסגע־בראָכן, און האָט געבעטן נאָך אַ לעפל, זי האָט זיך תיכף געפילט בעסער, און האָט זיך פּשוט מחי׳ געווען. דאַן האָט דער רבי געזאָגט דעם פאָ־טער, אַז ער קען נעמען די טאָכטער אַהיים, און מ׳זאָל איר די ערשטע פּאָר טעג געבן לייכטע שפּייז. ער האָט דעם פאָטער פאַרזיכערט, אַז מיט דער הילף פון דעם „רופא כל בשר ומפליא לעשות״ וועט זי פול־שטענדיק געהיילט ווערן.

דער גליקלעכער פאָטער האָט געבראַכט די טאָכטער אַהיים און זי איז טאַקע באַלד פולשטענדיק געזונט געוואָרן. ער האָט ניט אויפגע־הערט צו ריידן און דערציילן אַלע זיינע פריינט און באַקאַנטע וועגן דעם וואונדערלעכן מופת פון דעם רבי׳ן, רבי אלימלך. ווען ער האָט וועגן דעם דערציילט דעם רב, האָט ער אים דערביי געגומען צורייִדן, אַז ער זאָל צופאָרן אין ליזענסק באַקענען זיך מיט דעם צדיק.

ר׳ משה לייב׳ן איז אָבער ניט אָנגעשטאַנען צו מאַכן אַזאַ נסיעה. עס האָט זיך אים ניט געלייגט אויפן שכל, אַז ער, דער בראָדער רב, וואָס האָט אַן אייגענע חשובע קהילה, וואו מ׳האַלט אים פאַר אַ גדול בישראל, זאָל פאָרן צו אַ רבי׳ן. ס׳איז אים אויך געווען אַ שאָדן די צייט.

דער גביר האָט ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער רב קווייקלט זיך. ער איז נאָך מער צוגעשטאַנען, אַז דער רב זאָל אים טאָן אַ טובה און באַקענען זיך מיטן רבי׳ן. ענדלעך, ניט צו פאַרלירן דעם גביר׳ס פריינטשאַפט און שטיצע, האָט ר׳ משה לייב מסכים געווען צו פאָרן אין ליזענסק אויף שבת.

ב.

ר׳ משה לייב איז אָנגעקומען אין ליזענסק ערב שבת, אַרום האַלבן טאָג. ער איז פאַרפאָרן אין אַן אכסני׳ און האָט זיך איבערגעטאָן אין זיינע שבת׳דיקע מלבושים. דאַן איז ער געגאַנגען געבן „שלום״ דעם רבי׳ן.

געמיינט האָט ער, אַז דער רבי פירט אַ גרויסן הויף, ווי אַ מלכות, ערשט ער לעבט גאָר אין אַ באַשיידענע דירה, וואָס קומט ניט אין פאַר־גלייך אפילו מיט זיין אייגענע דירה. מילא, אָרעמקייט איז ניט קיין פּחיתת־הכבוד. דערפאַר האָט ער אָבער דערוואַרט אַ גרויסע עשירות

אין תורה און חכמה. קומט ער אַריין און גיט שלום דעם רבי׳ן און שטעלט זיך פאַר, זאָגנדיק דערביי, אַז ער וואָלט ניט געקומען צונעמען דעם רבינ׳ס צייט, נאָר ער האָט געוואָלט צוליב טאָן זיין חשוב׳ן בעל־הבית. דער רבי האָט אים געענטפערט, אַז, אדרבה, ער איז צופרידן צו באַקענען זיך מיטן בראָדער רב, און אַז ער וועט זיין באַ אים אַן אָנגעלייגטער גאַסט. זיצט ר׳ משה לייב און וואַרט צו הערן אַ דבר־תורה, אָדער אַזוי עפּעס אַ טיפן וואָרט. ערשט דער רבי הייבט אָן אַזוי צו זאָגן:

„ר׳ משה לייב, איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה. אַמאָל איז געווען אַ גרויסער גיבור, וועלכער האָט געטויטעט אַ לייב. כדי אַז מענטשן זאָלן וויסן וואָס פאַראַ גרויסער גיבור ער איז, האָט ער אָפּגעשונדן די פעל פון דעם לייב און האָט עס אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי, און האָט דעם שטרויענעם לייב אַוועקגעזעצט ביים טויער פון זיין הויז.

„זיינען געקומען די חיות פון וואַלד געבן כבוד זייער מלך. איינע נאָך די אַנדערע זיינען זיי צוגעקומען און האָבן זיך געקניט און געבוקט צו דעם קעניג פון וואַלד. איז געווען צווישן זיי אויך דער פוקס, און ווען ער האָט זיך פאַרנויגט פאַר דעם קעניג מיט גרויס יראת־הכבוד, האָט ער באַמערקט, אַז עפּעס איז ניט אין אָרדענונג מיט דעם לייב; ער ווייזט ניט אַרויס קיינע סימנים פון לעבן. איז ער פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען נעענטער און האָט געגעבן אַ צי דעם לייב׳ס עק. זעענדיק, אַז דער לייב ענטפערט ניט, גיט אים דער פוקס אַ דראַפּ מיט אַ לאַפּע, און ווידער בלייבט דער לייב אומבאַוועגלעך. רופט דער פוקס אויס: ,זעט, חברה! דאָס איז דאָך אַ טויטער לייב! פאַר אַ טויטן לייב דאַרפן מיר זיך ניט בוקן!׳ דאַן האָט ער גענומען רייסן דעם לייב׳ס פעל און ס׳איז פון אים געבליבן אַ באַרג שטרוי..."

ר׳ משה לייב איז געבליבן אַ געפּלעפּטער. מער האָט אים דער רבי ניט געהאַט וואָס צו זאָגן, ווי דערציילן אַ מעשה? האָט ער זיך אויפגעהויבן און געוואָלט גיין. רופט זיך אָפּ דער רבי אלימלך צו אים און זאָגט:

„ר׳ משה לייב, איך האָב פאַר אייך נאָך אַ מעשה: אַמאָל איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, וואָס האָט קיינמאָל אין זיין לעבן קיין נייעם מלבוש ניט אָנגעטאָן. גיט זיך דאָס רעדל אַ דריי און ער איז נתעשר געוואָרן. שיקט ער רופן אַ שניידער צו נייען פאַר אים אַ נייעם מלבוש, ווי עס

פאַסט זיך פאַר אַ גביר. דער שניידער איז געקומען און האָט אַראָפּ־גענומען זיין מאָס, און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער געבראַכט דעם האַלב פאַרטיקן מלבוש אָנצומעסטן. דער אויפגעקומענער גביר האָט אָנגעטאָן דעם מלבוש, און דער שניידער נעמט צופּאַסן דעם מלבוש — ער גיט אַ צי אַ פּאָלע, גיט אַ גלעט אַ פּלייצע, עס זאָל אַלץ זיין צוגעפּאַסט צו דער מאָס. דער אויפגעקומענער גביר, וואָס האָט קיינמאָל קיין מלבוש ניט געניייט פאַר זיך, האָט געמיינט, אַז דער שניי־דער מאַכט פון אים חוזק. ווערט ער אין כעס אויף דעם שניידער פאַר זיין „חוצפּה״, און וויל אים אַרויסטרייבן פון שטוב. פאַרענטפערט זיך דער שניידער, אַז ער מיינט חלילה ניט צו באַליידיקן אים, נאָר וויל זיין זיכער, אַז דער מלבוש וועט זיין גוט צוגעפּאַסט פאַר אים...״

ר׳ משה לייב פילט זיך שטאַרק געטראָפן, וואָס דער רבי האַלט אים עפּעס פאַר אַ קינד און דערציילט אים מעשה׳לעך. הייבט זיך ר׳ משה לייב אויף, זאָגט „אַ גוטן טאָג״, און גייט אַרויס.

עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער האָט געפּטר׳ט צייט צו קומען צום רבי׳ן הערן מעשה׳לעך. ווען עס וואָלט ניט געווען ערב־שבת, וואָלט ער באַלד צוריקגעפאָרן אַהיים. בלית ברירה, וועט ער שוין מוזן בלייבן איבער שבת.

ג.

ר׳ משה לייב האָט געפּרואווט אַרויסשלאָגן זיך די מעשה׳לעך פון קאָפּ, אָבער דאָס איז אים ניט געלונגען. האָט ער גענומען טראַכטן וואָס דער רבי האָט געמיינט מיט די מעשה׳לעך, פאַרוואָס האָט ער זיי אים דערציילט, און וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי צו אים? וואָס מער ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין זיי, אַלץ מער האָט ער איינגעזען, אַז זיי האָבן אַ וויכטיקע באַדייטונג. האָבן דאָך די חכמים ז״ל אָפט דערציילט משלים מיט טיפע אָפּלערונגען. ער האָט זיך אויך געכאַפּט, אַז אין דער גמרא און מדרש געפינט מען אָפט, אַז תלמידי־חכמים ווערן אָנגערופן „לייבן״ (ארי שבחבורה) און מלכים (מאן מלכי — רבנן). ווייזט אויס, אַז דער רבי אלימלך האָט געמיינט צו זאָגן, אַז איינער קען זיין אַ גרויסער למדן, אַ „לייב״, אָבער אויב עס פעלט אים אמתע לעבעדיקייט, איז ער מער ניט ווי אַ „שטרויענער לייב״... פאַרשטייט זיך, אַז די לעבעדיקייט דאַרף

זיך אויסדריקן ניט נאָר אין לערנען תורה, נאָר אויך, און בעיקר, אין דעם אופן ווי אַ איד דאַוונט, איז מקיים אַלע מצוות, און אין דער גאַנ־צער הנהגה, וואָס אַלץ דאַרף געטאָן ווערן מיט אַ לעבעדיקייט און וואַרעמקייט, און אויב דאָס פעלט, קומט אויס, אַז אויבערפלעכלעך איז מען אַ „לייב" און אינערלעך איז מען אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי.

און מענין לענין באותו ענין, האָט זיך ר׳ משה לייב דערמאָנט, אַז אין דער תורה שבכתב און שבעל־פה ווערן די מצוות און מעשים־טובים, און מדות־טובות באַצייכנט אַלס די „לבושים" פון דער נשמה, און אַ מלבוש דאַרף דאָך זיין צוגעפּאַסט לויט דער מאָס פון דעם מענטש: ניט צו לאַנג און ניט צו קורץ, ניט צו ברייט און ניט צו ענג, ניט איין אַרבל קירצער און אַ צווייטער לענגער. און דאָס איז דאָך, בעצם, די באַדיי־טונג פון וואָרט „מדות" — „מאָסן". אַלץ דאַרף זיין אין דער ריכטיקער מאָס...

אָבער וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט מיר? פרעגט ר׳ משה לייב זיך אַליין. האָט דער רבי מיר דערציילט די צוויי מעשה׳לעך ווייל זיי האָבן אַ ספּעציעלע שייכות צו מיר? און פּלוצלונג איז ר׳ משה לייב אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם געדאַנק, אַז ער, טאַקע ער אַליין משה לייב, דער אָנגעזעענער בראָדער רב, איז דער „שטרויענער לייב", און דער „אויפגעקומענער גביר", וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען ווי צו לאָזן זיך נייען אַ נייעם מלבוש!

איצט האָט ר׳ משה לייב פאַרשטאַנען, אַז דער רבי האָט זיכער ניט געמיינט אים צו מבטל זיין, חס ושלום, נאָר האָט זיך באַמיט אים „אויפצונייען אַ נייעם מלבוש", וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו זיין מאָס, צו זיין מדריגה; און האָט עס געטאָן אין אַ קלוגן און האַרציקן אופן.

און ווען ר׳ משה לייב האָט דאָס קלאָר איינגעזען, איז זיין נאַרי־שער „ברוגז" באַלד פאַרשוואונדן, און ער האָט דערפילט אַ טיפע דאַנק־באַרקייט צום רבי׳ן, וואָס האָט אים געעפנט די אויגן.

ער האָט זיך אומגעקערט צום רבי׳נס מנין מיט גרויס דערוואַרטונג און שפּאַנונג. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דאַן געזען ווי אַ רבי דאַוונט, פּראַוועט אַ טיש, און קלערט אויף די טיפע געדאַנקען און

באַגריפן פון חסידות, וואָס ער האָט געלערנט פון זיין רבי׳ן, דעם מעזריטשער מגיד, אין נאָמען פון זיין רבי׳ן דעם בעל־שם־טוב הקדוש. דער רבי אלימלך האָט פאַר אים געעפנט אַ נייע וועלט, פול מיט ליכטי־קייט און לעבעדיקייט, וואָס האָט אים באַשטראַלט און דערנומען ביז דער סאַמע טיפעניש פון זיין נשמה.

פון דאַן אָן איז ר׳ משה לייב געוואָרן אַ טרייער תלמיד פון דעם רבי׳ן רבי אלימלך, און האָט דורשטיק געטרונקען פון זיין שפּרודלדיקן קוואַל פון תורה און חסידות. מיט דער צייט האָט ער זיך באַזעצט אין סאַסאָוו, און האָט גענומען פאַרשפּרייטן די תורה פון זיין רבי׳ן. רבי משה לייב סאַסאָווער האָט צוגעצויגן פיל תלמידים און חסידים און איז געוואָרן באַרימט אַלס אַ גרויסער חסידישער רבי.

דער קיסר און דער קבלן

איינער פון די חסידים פון דעם רבי׳ן דעם „צמח צדק״ האָט גע־לעבט אין דווינסק (אָדער דינאַבורג, אויפן נאָמען פון דעם טייך דווינאַ וואָס האָט דורכגעשניטן די שטאָט). מען האָט אים גערופן ר׳ לייב בטלן. ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער גאון, און מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז קלאָר אין גאַנצן ש״ס. ער איז געווען אינגאַנצן אָפּגע־טאָן פון דער אַרומיקער וועלט. ער פלעגט זיצן אין בית־מדרש אַ גאַנצן טאָג און לערנען, און דאָרט איז ער אויך געשלאָפן. אַהיים פלעגט ער קומען נאָר אויף שבת.

דער ר׳ לייב בטלן האָט געהאַט אַ זון, אַ גרויסער געשעפטסמאַן און גביר. ער איז געווען אַ קבלן, אַ פּאָדריאַטשיק, וואָס פלעגט דורכפירן פאַרשידענע אונטערנעמונגען פאַר דער רוסישער רעגירונג. ווען עס האָט זיך געבויט די קרעפּאָסט (מיליטערישע פעסטונג) לעבן דווינסק, האָט ער באַקומען פון דער רעגירונג דעם קאָנטראַקט צו בויען דאָרט די קאַזאַרמעס פאַר די סאָלדאַטן. ער האָט פּינקטלעך און גוט דורכגעפירט די אַרבעט, און ווען די אונטערנעמונג איז פאַרטיק געוואָרן, זיינען גע־קומען הויכע רעגירונגס־באַאַמטע און מיליטערישע עקספּערטן צו באַ־קוקן די פאַרענדיקטע בנינים און איינריכטונגען. האָט זיך געמאַכט, אַז דער קיסר ניקאָלאַי דער ערשטער איז דורכגעפאָרן ניט ווייט פון דווינסק, און ער האָט באַשלאָסן צו באַזוכן די מיליטערישע איינריכ־טונגען און נייע בנינים. דער קיסר איז געווען באַגלייט פון זיין קייזער־לעכער סוויטע, און מען האָט פאַר אים, פאַרשטייט זיך, געמאַכט אַ גרויסן פּאַראַד און אויפגענומען מיט דעם געהעריקן כבוד. מען האָט פאַר אים אויך פאַרגעשטעלט דעם אידישן קבלן.

ניקאָלאַי איז געווען אַ שונא־ישראל, און ער האָט זיך טרויעריק באַרימט געמאַכט מיט דער גזירה פון די „קאַנטאָניסטן״, אָדער „ניקאָלאַ־יעווסקע סאָלדאַטן״. דאָס וואָס מען האָט געדאַרפט אָנקומען צו אַ אידן

דורכצופירן די מיליטערישע איינריכטונגען אין דער דווינסקער קרעפּאָסט, איז דעם קיסר ניט געווען צום האַרצן. ער האָט אָבער איינגעזען, אַז די אַרבעט איז געווען גוט. פונדעסטוועגן האָט זיך אים פאַרוואָלט אַ שפּיל טאָן מיט דעם אידישן קבלן. פאַרבייגייענדיק איינעם פון די בנינים, האָט זיך דער קיסר אָפּגעשטעלט, און האָט מיט אַן ערנסטער מינע געזאָגט, אַז איינע פון די ווענט איז ניט גלייך!

„ניין, ניט מעגלעך!" האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער קבלן מיט די אומפאַרזיכטיקע ווערטער, זייענדיק אינגאַנצן איבעראַשט פון דעם קיסר'ס אומדערוואַרטעטער באַמערקונג. ס'איז שוין אָבער געווען אוממעגלעך צוריקציען די ווערטער. דער קיסר איז געוואָרן בייז, וואָס דער איד האָט געוואַגט אים קעגן־צו־ריידן, און ער האָט געהייסן מען זאָל דעם אידן תיכּף אַריינזעצן אין תפיסה, דאַן איז ער אָפּגעפאָרן מיט זיין גאַנצער סוויטע.

די נייעס וועגן דעם אַרעסט פון דעם אידישן קבלן האָט זיך בליץ שנעל פאַרשפּרייט אין שטאָט, און איז אויך דערגאַנגען צו ר' לייב'ס הויז. ר' לייב'ס ווייב איז תיכּף געלאָפן אין בית־מדרש און האָט דערציילט איר מאַן וועגן גרויסן אומגליק: דער קיסר ניקאָלאַי האָט געהייסן אַרעסטירן זייער זון! „וואָס טוט מען? מען דאַרף עפּעס טאָן!" האָט זי געזאָגט מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

ר' לייב איז אָבער גאָרניט נתפּעל געוואָרן. „זאָרג ניט, מען וועט אים באַלד באַפרייען", האָט ער איר געזאָגט, און האָט זיך ווידער גענומען צום לערנען.

אינצווישן איז דער קיסר שוין געווען אָפּגעפאָרן אַ היבשע וועג פון שטאָט. פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און האָט געהייסן איינעם פון זיינע באַגלייטער תיכּף צו שיקן אַ רייטער צוריק אין שטאָט אַריין מיט דעם קייזערלעכן באַפעל צו באַפרייען דעם אידישן קבלן פון טורמע.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און דער אידישער קבלן איז באַפרייט געוואָרן, און דער רייטער איז צוריקגעקומען אָנזאָגן, אַז דעם קיסר'ס באַפעל איז דורכגעפירט געוואָרן.

דעם קיסר׳ס באַגלייטער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס דער קיסר האָט זיך גענומען אַזויפיל מי צו באַפרייען דעם אידן. קיין גרויסער אידן־פריינט איז ער דאָך ניט געווען, איז פאַרוואָס האָט דער קיסר ניט געוואַרט ביז ער וועט קומען אַהיים און פון דאָרט שיקן אַ בריוו מיט אַ באַגנעדיקונג פאַר דעם אידן? ווען וואָלט געאַרט, אַז דער איד וואָלט דערווייל געזעסן אין טורמע אַ פּאָר וואָכן און גע־טרייסלט זיך פון שרעק?

איינער פון דעם קיסר׳ס נאָענטע פריינט האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט געפרעגט דעם קיסר, פאַרוואָס ער האָט טאַקע באַהאַנדלט דעם דאָזיקן אידן מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכן קייזערלעכן חסד. האָט דער קיסר דערציילט:

„מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך געמאַכט אַן אינספּעקציע פון די מיליטערישע קרעפטן אין דער מיליטערישער באַזע לעבן פּעטערבורג. עס איז געווען אַ גרויסער פּאַראַד פון אַלע גענעראַלן מיט זייערע דוויזיעס סאָלדאַטן. די אויסגעשולטע און אויסגעמושטירטע סאָלדאַטן האָבן מאַרשיקט מיט גלענצנדער פּרעציזקייט. אָבער איין אָפּטיילונג האָט ניט דערגרייכט די דערוואַרטעטע הויך. איך האָב דעם קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג שטרענג אויסגערעדט און האָב געהייסן אַריינזעצן אים אין תּפיסה. איך האָב זיך אומגעקערט אין פּאַלאַץ און האָב אינ־גאַנצן פאַרגעסן וועגן דעם אַרעסטירטן גענעראַל.

„מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער האָב איך געמאַכט אַן אינספּעקציע פון דער תּפיסה אין דער פּעטראָפּאַוועלסקער פעסטונג אין דער מלוכה־שטאָט. איך האָב באַזוכט עטלעכע קאַמערן, וואו עס זיינען געזעסן פאַר־שידענע אַרעסטאַנטן, און האָב זיך פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן זייערע פאַרברעכנס און ווי לאַנג זיי זיצן. אין איינעם פון די צעלן האָב איך געזען דעם דערמאָנטן גענעראַל און האָב אים געפרעגט, ווי קומט עס וואָס ער זיצט אין תּפיסה? דער גענעראַל האָט געענטפערט, אַז מען האָט אים אַריינגעזעצט אויף מיין באַפעל, אַלס אַ שטראָף פאַר דעם דורכפאַל פון זיינע סאָלדאַטן בשעת דעם גרויסן פּאַראַד! האָב איך גע־הייסן מ׳זאָל אים תּיכף באַפרייען.

„זעסטו — האָט דער קיסר ווייטער דערציילט — דער גענעראַל

איז געזעסן פאַר אַ קלייניקייט איבער צוויי יאָר, און די גאַנצע צייט איז מיר אַפילו ניט איינגעפאַלן אין געדאַנק אים צו באַפרייען. איך האָב אים פשוט פאַרגעסן. אָבער ווען איך האָב געהייסן אַריינזעצן דעם אידישן קבלן אין תפיסה, האָט ניט אויפגעהערט צו שוועבן פאַר מיינע אויגן די בלייכע, דערשטוינטע געשטאַלט פון דעם קבלן. די גאַנצע וועג זינט איך האָב פאַרלאָזן די דווינסקער קרעפּאָסט האָב איך זיך ניט געקענט באַ־פרייען פון דעם געדאַנק וועגן דעם דאָזיקן אידן! האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז מען דאַרף אים באַלד באַפרייען״.

דער קיסר האָט זיך פאַרטראַכט און דאַן ווייטער געזאָגט:

„דער אידישער קבלן האָט עפּעס אַ ספּעציעלן זכות, און אפשר איז דאָס דער זכות פון זיין פאָטער. איך האָב געהערט, אַז זיין פאָטער איז אַ גרויסער רב און הייליקער מענטש. וועל איך דיר דערציילן נאָך אַן עפּיזאָד, וועסטו זען וואָס אַ אידישער רב איז:

„איך בין אַמאָל געפאָרן אין וועג, און ס׳איז אויסגעקומען צו נעכ־טיקן אין אַ קליין שטעטל. אין מיטן דער נאַכט האָב איך געהערט מערק־ווירדיקע, אומפאַרשטענדלעכע שטימען. האָב איך געהייסן רופן דעם גלח. ווען דער גלח איז געקומען, האָב איך צו אים געזאָגט: ,פרעג זיי וואָס ווילן זיי?׳ דער גלח האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט קיינעם ניט געזען, און קיינעם ניט געהערט, און האָט אַ צעטומלטער געענטפערט: ,וועמען זאָל איך פרעגן?׳ האָב איך צו אים געזאָגט: ,טי דוראַק׳ (דו ביסט אַ שוטה) און האָב אים אַוועקגעשיקט פון זיך. דאַן האָב איך געהייסן ברענ־גען דעם רב, און האָב אים געפרעגט די זעלבע פראַגע: ,וואָס ווילן זיי?׳ האָט דער רב געענטפערט: ,זיי ווילן מען זאָל זיי לאָזן רוען׳. האָב איך אים געפרעגט: ,און ווער שטערט זיי?׳ האָט דער רב געענטפערט: ,מען האַלט ביים בויען דאָ אַן אייזנבאַן־ליניע, און לויט דעם פּלאַן, דאַרף די ליניע גיין דורך דעם בית־עלמין. וועט מען זיין געצוואונגען אַריבערצו־פירן זייערע ביינער אין אַן אַנדער אָרט. דעריבער זיינען די מתים גע־קומען בעטן דעם קיסר ער זאָל אָפּשאַפן די גזירה און מען זאָל זיי לאָזן צורו׳. איך האָב באַלד אַרויסגעגעבן אַן אוקאַז, אַז מען זאָל די אייזנבאַן־ליניע פאַרקירעווען אַן אַ זייט, כדי ניט צו צעשטערן דעם אידישן בית־עלמין.

„איצט זעסטו — האָט דער קיסר פאַרענדיקט — אַז אידן זיינען עפּעס גאָר אַנדערע מענטשן, גייסטיקע מענטשן, אַ מערקווירדיק פאָלק . . .״

פאַרטיפט אין געדאַנקען, האָט דער קיסר מיט זיין סוויטע פאָרגע־זעצט זיין וועג.

געלט דאַרף זאַלץ

אַ מאַן און ווייב זיינען געקומען צו אַ רבי'ן. אויף זייער פּנים איז געווען קענטיק אַז זיי זיינען שטאַרק באַזאָרגט און פאַרצווייפלט.

„הייליקער רבי!" האָט דער מאַן אויסגערופן, „אַן אומגליק איז אונז געשען. גנבים האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין אונזער הויז אינמיטן דער נאַכט און האָבן גע'גנב'עט אונזער גאַנץ אָפּגעשפּאָרט געלט, צוזאַמען מיט מיין ווייב'ס צירונגען, וואָס מיר האָבן געהאַלטן אין אַ קעסטל אין שטוב. העלפט אונז, רבי!"

דער רבי האָט זיי אָנגעקוקט מיט אַ טיפן דורכדרינגלעכן בליק. דאַן האָט ער זיך ערנסט אָפּגערופן: „איז וואָס זייט איר עפּעס געקומען צו מיר? איך האָב דאָך אייער אוצר ניט גע'גנב'עט? אַלע ווייסן, אַז איך גיי ניט אַרויס באַנאַכט באַרויבן אידישע הייזער. איך האָב אַפילו עדות, אַז אין דער נאַכט פון דער גנבה בין איך געזעסן און אַריינגעקוקט אין אַ ספר . . ."

„חס ושלום, רבי, וואָס רעדט איר; מיר זיינען אייך חלילה ניט חושד, אָבער מיר האָבן געהערט, אַז איר זייט אַ בעל־מופת . . . נאָר איר אַליין קענט אונז העלפן . . ."

„איך ווייס גאָרניט וועגן אייער גנבה, און איך האָב מיט דער חברה גנבים גאָרניט צו טאָן. דאָס איז אַן ענין פאַר דער פּאָליציי . . ."

„מיר האָבן שוין געמאָלדן די פּאָליציי, אָבער זיי קענען אונז ניט העלפן. בלויז איר קענט אונז העלפן, רבי". אַזוי זאָגנדיק, האָט דער מאַן אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ שיינע מטבע פאַר אַ „פּדיון".

דער רבי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער מטבע און האָט אַ זאָג געטאָן: „דאָס איז גאָר, וואָס איר קענט געבן פאַר אַזאַ גרויסע אבדה?"

דער מאַן האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און האָט

אַרויסגעשלעפּט נאָך אַ מטבע, טראַכטנדיק, „אין צווייען איז שטאַרקער...״

דער רבי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „עס פעלט נאָך צום חשבון...״

דער מאַן האָט צוגעלייגט נאָך אַ מטבע, אָבער דער רבי איז נאָך אַלץ ניט געווען צופרידן. „עס איז נאָך אַלץ ניט גענוג...״

איצט האָט שוין די פרוי זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן. זי האָט זיך אויפגעהויבן און צוזאַמענגענומען די מטבעות און האָט זיך אָפּגערופן צו איר מאַן: „קום, מיין מאַן, לאָמיר גיין אַהיים. דער אויבערשטער וועט אונז העלפן אָן דעם רבי׳ן!״

אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף דעם רבי׳נס ליכטיקער געזיכט. „אָט אויף דעם האָב איך טאַקע געוואַרט. איצט שטימט שוין דער חשבון״. דאַן האָט דער רבי דערקלערט:

„ווען אַ מענטש פאַרלאָזט זיך אויף אַ מענטשן, און פאַרגעסט, אַז די הילף קומט פון דעם אויבערשטן, דאַן איז ניט נאָר וואָס עס פעלט צום חשבון, נאָר ער מאַכט אין גאַנצן אַ טעות אין חשבון. כּל־זמן איר האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף מיר און האָט ניט אַרויסגעוויזן בטחון אין דעם אויבערשטן, האָב איך אייך ניט געקענט העלפן. איצט אָבער, אַז איר האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיך אויף דעם אויבערשטן, וועט אייך דער אויבערשטער זיכער העלפן און ממלא זיין אייער חסרון״.

עטלעכע טעג שפּעטער איז דער מאַן ווידער געקומען צום רבי׳ן. דעם מאָל האָט זיין פּנים געלויכטן פון פרייד.

„רבי!״ האָט ער אויסגערופן, „אייער ברכה איז מקויים געוואָרן. באַלד ווי מיר זיינען געקומען אַהיים, איז געקומען די פּאָליציי און האָט אונז געזאָגט, אַז זיי האָבן געכאַפּט דעם גנב מיט דער גאַנצער גנבה. זיי האָבן אונז געבראַכט דאָס קעסטל מיט דאָס גאַנצע געלט און אַלע צירונגען; קיין זאַך האָט ניט געפעלט!״

דער מאַן האָט אַרויסגענומען אַ היבשע סומע געלט און האָט עס

אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש. „דאָס איז פֿאַר צדקה, ווי דער רבי וועט פֿאַרטיילן".

דער רבי האָט אים אָבער געענטפֿערט, אַז ער וועט נעמען בלויז איין מטבע, וואָס דער מאַן האָט אָנגעבאָטן צום ערשטן מאָל. דאָס איבע־ריקע — אויב ער וויל געבן אויף צדקה — זאָל ער דאָס אַליין פֿאַרטיילן.

דאַן האָט דער רבי צו אים געזאָגט: „איך וויל אייך געבן אַן עצה טובה. אַ איד דאַרף ניט וואַרטן ביז עס מאַכט זיך עפּעס אַ ניט גוטע זאַך און דאַן געבן צדקה, כדי צו באַקומען דעם אויבערשטנ'ס הילף. אונזערע חכמים, זכרונם לברכה, זאָגן: 'מלח ממון חסר' — 'געלט דאַרף זאַלץ'. דאָס מיינט, אַז כדי דאָס אָנגעהאָרעוועטע געלט זאָל זיך האַלטן און ניט קאַליע ווערן, ווי שפּייז אָן זאַלץ וואָס ווערט קאַליע און גייט אין ניוועץ, דאַרף מען דאָס געלט תיכּף 'איינזאַלצן' מיט צדקה. דאַן העלפֿט דער אויבערשטער אַז מ'זאָל קענען הנאה האָבן פֿון דעם געלט — אויף גוטע זאַכן, געזונטע זאַכן און פֿריילעכע זאַכן".

דער איד איז אַוועק אַהיים און האָט אויפֿן וועג פֿיל מאָל איבער־גע'חזר'ט די ווערטער מלח ממון חסר, ביז זיי האָבן זיך טיף איינגע־קריצט באַ אים אין האַרצן. ער האָט געפֿילט, אַז ער איז איצט געוואָרן פֿיל רייכער און קליגער.

תשובה און מעשים טובים

פעדערן אין ווינט

א.

אַמאָל איז געווען אַ איד, וועלכער איז נעבעך אַראָפּ פון וועג און איז געוואָרן אַ משומד, רחמנא ליצלן. ווי ווערט אַ איד אַ משומד? וואָס האָט אים געטריבן צו פאַרלאָזן זיין פאָלק, זיין ג־ט און זיין תורה? האָבן אונזערע חכמים, זכרונם לברכה, שוין געזאָגט, אַז דריי זאַכן מאַכן אַ מענטשן פאַרלירן זיין וועלט: קנאה, תאוה און כבוד. יעדער איינע פון די דריי איז גענוג אומגליקלעך צו מאַכן אַ מענטשן; אָבער דער איד פון אונזער געשיכטע האָט נעבעך געהאַט אַלע דריי. ער האָט מקנא געווען אַלע זיינע שכנים; ער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע תאוה צו געלט; און ער האָט ליב געהאַט כבוד. זיינע אידישע שכנים האָבן זיך פון אים דער־ווייטערט, האָט ער זיך באַפריינדעט מיט ניט־אידישע שכנים, בא וועמען די דאָזיקע דריי חסרונות זיינען קיין חסרונות ניט. און אַז מ׳פאַלט באַרג אַראָפּ, רחמנא ליצלן, איז זיך שווער אָפּצושטעלן און מען קייקלט זיך ביז אונטן... קורץ, דער איד איז נעבעך געפאַלן און געזונקען אַלץ נידע־ריקער און טיפער, ביז ער איז געוואָרן אַ מסור און אַ משומד, דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין.

אָבער אַ אידישע נשמה איז דאָך פאָרט אַ ג־טלעכע נשמה, איז גע־קומען אַ צייט ווען דער משומד האָט זיך געכאַפּט, אַז אַזוי קען דאָס ווייטער ניט זיין. אַ געפיל פון חרטה האָט זיך אין אים דערוועקט און האָט אים ניט געלאָזן רוען. וואָרום פונקט ווי אַ לופט־באַלאָן, ווען מען שניידט אָפּ די שטריק וועלכע האַלט דעם באַלאָן צוגעבונדן צו דער ערד, רייסט ער זיך אין דער הויך, אַלץ העכער און העכער, אַזוי איז די ג־טלעכע נשמה, ווען מען צעברעכט די קייטן וועלכע האַלטן זי צוגע־שמידט צו ערדישע תאוות, רייסט זי זיך אַלץ העכער און העכער אין הימל אַריין. און דער משומד האָט באַשלאָסן די דאָזיקע ערדישע קייטן איבערצורייסן.

וואָס טוט מען איצט? ווי פֿאַרריכט מען די אַלע שווערע חטאים וואָס ער האָט אָפּגעטאָן?

דער משומד האָט זיך געמאַטערט מיט זיך עטלעכע טעג און דאַן באַשליסן צו גיין צום רב. וואָס טוט אַ איד ווען ער האָט אַ שאלה? ער גייט פֿרעגן דעם רב.

מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט טרערן אין די אויגן איז דער משומד געקומען צום רב פֿרעגן אַן עצה און בעטן הילף. „רבי, העלפֿט מיר ווערן אַ בעל־תשובה!" האָט ער זיך געבעטן. „איך וועל טאָן אַלץ וואָס איר וועט מיר הייסן!"

האָט דער רב מפסיק געווען פֿון לערנען, האָט אַראָפּגענומען די ברילן און אַוועקגעלייגט זיי אויפֿן טיש. ער האָט אַ לאַנגע צייט אָנגע־קוקט דעם משומד, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערגרונטעווען וואָס עס טוט זיך אין דער טיפֿעניש פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרשוין. ענדלעך האָט ער צו אים געזאָגט:

„דער וואָס וויל ווערן אַ בעל־תשובה, דאַרף קודם־כל טאָן דריי זאַכן: ער דאַרף זיך מודה און מתודה זיין אויף זיינע חטאים; ער דאַרף חרטה האָבן, טיף חרטה האָבן אין האַרצן, אויף די שלעכטע זאַכן וואָס ער האָט אָפּגעטאָן; און ער דאַרף נעמען אַ פֿעסטן באַשלוס, אַז ער וועט די שלעכטע זאַכן מער ניט טאָן. זיי זיך מודה!"

דער משומד האָט גענומען אויסרעכענען די שלעכטע זאַכן וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, די עבירות וואָס ער איז באַגאַנגען, ניט איבערלאָזנדיק קיין איין עבירה פֿון שולחן־ערוך, אויסער די עבירה פֿון זעלבסטמאָרד: די פֿאַלשקייטן, מסירות און בילבולים וואָס ער האָט אין זיין לעבן אָפּגע־טאָן; וויפֿל אידן ער האָט אומגליקלעך געמאַכט, און דאָס אַלץ ווייל עס האָט אין אים געברענט די קנאה, די תאווה און כבוד־זוכעניש...

אויסהערנדיק די אַלע שרעקלעכע זאַכן, האָבן זיך דעם רב גע־שטעלט די האָר קאַפּויער. „גענוג, גענוג!" האָט ער אויסגעשריען אַן אויפֿגערעגטער, „איך קען מער ניט הערן!"

דער משומד איז געבליבן שטיין, די אויגן רויט פֿון טרערן, דאָס האַרץ צעבראָכן. ער האָט געוואַרט אויף דעם רב׳ס אורטייל.

„גיי ברענג אַ קישן!״ האָט דער רב צו אים געזאָגט.

דער משומד איז אַוועקגעלאָפן אַהיים און איז געקומען צוריק מיט אַ קישן.

„נעם אַ מעסער, גיי אַרויס אין גאַס, שנייד אויף די קישן און לאָז אַרויס די פעדערן. קיין איין פעדער לאָז ניט איבער אין קישן, דאַן קום אַריין צוריק״.

דער משומד איז אַרויס אין דרויסן און האָט געטאָן ווי דער רב האָט אים געהייסן. אַ שטאַרקער ווינט האָט די פעדערן אויפגעכאַפּט און צע־בלאָזן אויף אַלע זייטן.

מיטן ליידיקן קישן־ציכל איז דער איד צוריק אַריינגעקומען צום רב.

„זאָלסט וויסן זיין״, האָט צו אים דער רב געזאָגט, „אַז די מסירות, רכילות און לשון־הרע וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן, שוין ניט רעכנענדיק די אַנדערע עבירות, רחמנא ליצלן, זיינען ווי די פעדערן אין ווינט. קענסטו צוריק צוזאַמענקלייבן אַלע פדערן אין קישן אַריין? גיי זוך די פעדערן; דער אויבערשטער זאָל דיר העלפן; איך קען דיר ניט העלפן!״

דער איד האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. „אוי ווי, אוי וויי!״ האָט ער געכליפּעט, און קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, האָט ער זיך אַרויס־געשאַרט פון רב׳ס הויז.

ב.

יענע נאַכט האָט שוין דער רב ניט געקענט שלאָפן. די שרעקלעכע זאַכן וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון דעם משומד וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ בעל־תשובה, האָבן אים צעטרייסלט. און דאָך האָט ער געהאַט גרויס מיטגעפיל מיט דעם געשטראָפטן אידן און עס האָט אים גע־פייניקט דער געדאַנק, אפשר האָט ער ניט ריכטיק געטאָן וואָס ער האָט אים אַוועקגעשיקט מיט ליידיקן: אפשר האָט דער איד טאַקע געמיינט מיט אַן אמת׳ן צו טאָן תשובה? אפשר האָט ער פאָרט געדאַרפט געפינען אַ וועג ווי צו געבן דעם אידן אַ תשובה; עס שטייט דאָך אין די הייליקע ספרים, אַז קיין זאַך קען ניט שטערן אַן אמת׳ע תשובה.

דער רב האָט זיך געוואָרפן אויף זיין געלעגער אַ גאַנצע נאַכט, און ערשט פאַרטאָג איז ער אַריינגעפאַלן אין אַן אומרואיקן שלאָף...

און עס חלומ׳ט זיך דעם רב...

ער זיצט פאַרטיפט איבער דער גמרא און עס פליען אַריין צוויי מלאכים און גיבן אים אַ הייב פון אָרט.

„וואוהין פירט איר מיך?״ האָט דער רב געפרעגט אַ פאַר־ציטערטער.

„צום בית־דין־של־מעלה, צו אַ דין־תורה!״

עס געדויערט ניט קיין אויגנבליק און דער רב געפינט זיך אין הימל און שטייט פאַר דעם בית־דין של מעלה. צו זיין גרויס פאַרוואונדערונג טרעפט ער דאָרט דעם אידן, וואָס איז געקומען צו אים ער זאָל אים געבן אַ „תיקון״ ווי צו ווערן אַ בעל־תשובה. אַ גרויסע ליכטיקייט האָט פון אים געשטראַלט.

אויף אַ גרויסע וואָגשאָל איז געלעגן אַ אָנגעשטאָפּטע קישן מיט פעדערן; אויף דער אַנדער וואָגשאָל — אַ שווערער שוואַרצער קאַסטן. דער רב האָט זיך געוואונדערט ווי אַזוי די קישן מיט די פעדערן האָבן געוועגן באַלד אַזויפיל ווי דער שווערער קאַסטן. ער האָט זיך אויך גע־וואונדערט צוליב וואָס מען האָט אים גערופן. באַלד איז אָבער אַלץ אויפגעקלערט געוואָרן.

דער משפט איז באמת געווען איבער דעם בעל־תשובה. באַלד, באַלד וואָלט ער שוין אַרויסגעגאַנגען אַ גערעכטער, אָבער עס האָבן גע־פעלט דריי פעדערן אין קישן! מיט די דריי פעדערן וואָלט די קישן זיכער אַריבערגעוועגט דעם קאַסטן מיט די עבירות. דער בעל־תשובה האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער איז גאָר ניט שולדיק: שולדיק איז דער רב וואָס האָט אים געהייסן אַרויסלאָזן די פעדערן פון קישן ניט איבערגעציילט. ער, דער בעל־תשובה, האָט קיין כוחות ניט געשפּאָרט און האָט צוזאַמענגעקליבן די פעדערן וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. פון וואַנעט זאָל ער וויסן, אַז עס זיינען נאָך געבליבן דריי פעדערן ערגעץ וואו אויפן ווינט?

האָט דער בית־דין־של־מעלה באַשלאָסן אַרויסצורופֿן דעם רב, ער זאָל ענטפֿערן אויף דעם בעל־תּשובֿה׳ס טענה.

„דערקענסטו דעם בעל־תּשובֿה?" האָט מען געפֿרעגט דעם רב.

צוליב דער גרויסער ליכטיקייט וואָס האָט געשטראַמט פֿון בעל־תּשובֿה, האָט דער רב קוים אים געקענט קוקן אין די אויגן. אָבער עס איז באַ אים קיין ספֿק ניט געווען, אַז דאָס איז טאַקע דער איד וואָס איז געקומען צו אים און ער האָט אים געשיקט אויפֿקלייבן די פֿעדערן. איצט האָט דער רב איינגעזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות; אַז דער איד האָט טאַקע געמיינט מיט אַן אמת.

דער רב האָט צוגעגעבן, אַז דאָס איז טאַקע דער בעל־תּשובֿה און אַז זיין טענה איז אַ גערעכטע: ער האָט אים טאַקע געהייסן אַרויסלאָזן די פֿעדערן איידער ער האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט די פֿעדערן פֿריער איבערצוציילן.

דער בית־דין־של־מעלה האָט אַרויסגעגעבן דעם פּסק־דין: ביידע, דער בעל־תּשובֿה און דער רב, זאָלן גיין אויפֿזוכן די איבעריקע דריי פֿעדערן און ברענגען צום בית־דין...

אין דעם מאָמענט האָט דער רב דערהערט אַ קלאַפּ אין פֿענסטער: דער שמש איז געגאַנגען איבערן שטעטל און געוועקט אידן אויפֿצושטיין און גיין אין בית־המדרש אַריין דאַוונען.

דער רב האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון חלום מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש.

אַ חלום, אַ חלום איז דאָס געווען, אָבער ניט קיין פּוסטער חלום! האָט דער רב געטראַכט בשעת ער האָט גענומען אָפּגיסן נעגל־וואַסער.

באַלד נאָכן דאַוונען האָט דער רב געשיקט דעם שמש רופֿן צו אים דעם בעל־תּשובֿה.

דער בעל־תּשובֿה איז אַריינגעקומען, אַ פֿאַרוויינטער און אַ צעבראָכענער ווי נעכטן. דער רב האָט אים וועגן זיין חלום גאָר ניט דערציילט. ער האָט אים אָבער געזאָגט:

„איך זע, אַז פון הימל וויל מען, אַז דו זאָלסט תשובה טאָן, און אַז די טויערן פון תשובה שטייען פאַר דיר אָפן. דו מוזט עפּעס האָבן אַ גרויסן זכות. דו האָסט מיר נעכטן דערציילט בלויז וועגן דיינע עבירות, אָבער וועגן דיינע מצוות האָסטו מיר גאָר ניט דערציילט. דערצייל, וואָס פאַראַ גוטע זאַכן האָסטו אין דיין לעבן געטאָן".

אַ שטראַל פון האָפנונג און פרייד האָט זיך באַוויזן אין דעם בעל־תשובה'ס אויגן. אַביסל שעמעוודיק האָט ער געענטפערט:

„רבי, איך געדיינק בלויז איין גוטע זאַך וואָס איך האָב געטאָן אין מיין לעבן, און ס'איז באַ מיר אַ ספק אויב אַפילו די זאַך איז געווען גאָר אינגאַנצן אַ גוטע, אָן אייגענע פניות..."

„דערצייל".

„דאָס איז געווען מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען איך בין נאָך געווען פאַרזונקען אין טומאה", האָט דער בעל־תשובה גענומען דערציילן, און אַ טיפער קרעכץ האָט זיך ניט־ווילנדיק אַרויסגעריסן באַ אים פון האַרצן. „איך בין געווען באַפריינדעט מיט דעם גלח און מיט דעם שטאָט־הויפּט, מיט דעם הויפּט פון דער פּאָליציי און די אַנדערע הויכע ,קנעפּלעך'. מיר האָבן צוזאַמען געשיכור'ט... וואָס באַ אַ ניכטערן אויף דער לונג איז באַ אַ שיכור אויף דער צונג. דער גלח האָט מיר אָנפאַרטרויט, אַז אידן קלייבן זיך צו פּורים, און באַלד וועט קומען פּסח, און ס'איז די העכסטע צייט צו מאַכן אויף זיי אַ בלוט־בילבול און אַ פּאָגראָם. מען האָט שוין געמאַכט דעם פּלאַן. מען וועט אין קעלער פון רב'ס הויז אונטערוואַרפן אַ טויטן קערפּערל און מען וועט דעם רב באַשולדיקן אין אַ בלוט־בילבול. דאַן וועט מען אַרעסטירן דעם רב מיט די הויפּט בעלי־בתים; מען וועט זיי פאַראורטיילן צום טויט, צונעמען זייער פאַרמעגן, און דער המון וועט זיך לאָזן וואויל גיין צו מאָרדן און רויבן, און די איבעריקע אידן וועט מען אַרויסטרייבן!

ווען איך האָב דאָס דערהערט, און ווען איך האָב געזען ווי דער גלח און זיין קליקע רייבן זיך שוין די הענט מיט אַ פריילעכן שמייכל, האָט מיר אַ טשוכע געטאָן אין האַרצן. וואָס טו איך דאָ צווישן די רויבער? האָב איך געטראַכט. איך בין טאַקע ווייט פאַרקראָכן, אָבער אַ רוצח בין

איך ניט, און העלפן מאָרדן אייגענע ברידער, דאָס בשום אופן ניט! און אפשר האָב איך דערביי געטראַכט, אַז אויב מען וועט די אידן אַרויס־טרייבן, וועל איך בלייבן אָן אַ שטאָך אַרבעט? איך געדיינק שוין ניט אַקוראַט, וואָרום איך האָב שוין אויך געהאַט אויסגעטרונקען אַן איבע־ריקע כוסה. בקיצור, איך האָב זיי גענומען אָפּריידן דערפון. איך האָב זיי געוויזן, אַז עס לוינט זיך ניט די גאַנצע זאַך; אַז פון לעבעדיקע אידן קען מען מער הנאה האָבן ווי פון טויטע. איך האָב זיך מיט זיי אַזוי לאַנג גע־דונגען, ביז איך האָב זיי איבערגערעדט און זיי האָבן דעם פּלאַן אויפ־געגעבן. פון דעם מאָמענט איז געקומען אַן איבערקערעניש אין מיין לעבן. צום ערשטן מאָל נאָך די אַלע יאָרן, האָב איך דערפילט, אַז איך בין אַ איד; וואָס איך בין און ווי איך בין, אָבער אַ איד בין איך און וויל מיט גזלנים און רוצחים מער ניט האָבן צו טאָן. און דאַן בין איך געקומען צו אייך . . .״

טרערן האָבן זיך געשטעלט אין דעם רב׳ס אויגן. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז דער איד האָט זיין לעבן איינגעשטעלט צו ראַטעווען אַ גאַנצע עדה אידן, און אויך אים, דעם רב. די רוצחים האָבן דאָך לייכט געקענט אָפּראַמען דעם אידן פון וועג און דורכפירן זייער פּלאַן. דער איד האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר אידן, און ער, דער רב, האָט אים געוואָלט אַוועקשיקן זוכן פעדערן . . . געליובט דער אויבערשטער, וואָס מען האָט אים פון הימל אָנגעוויזן צו ראַטעווען אַ אידישע נשמה.

מיט גרויס ליבשאַפט האָט דער רב דעם אידן אַרומגענומען און אַ קוש געגעבן אין שטערן. ער האָט אים דאַן געגעבן אַ סדר, וואָס ער האָט צו טאָן צו ווערן אַן אמת׳ער בעל־תשובה, און ער האָט זיך געוואונטשן, אַז נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָל ער, דער רב, האָבן דעם זכות צו זיין אין דער זעלבער מחיצה אין גן־עדן צוזאַמען מיט דעם בעל־תשובה.

דער שפּיגל

אין אַ קליין שטעטל האָט אַמאָל געוואוינט אַ איד, אַ גרויסער מכניס אורח. זיין נאָמען איז געווען ר׳ אברהם. קיין גרויסער גביר איז ר׳ אברהם ניט געווען, אָבער ער פלעגט זיך ממש טיילן מיט׳ן לעצטן ביסן ווען עס פלעגט קומען צו עם אַן אורח: צי דאָס איז געווען אַ משולח פון אַ ישיבה, צי אַ בעטלער אָדער סתם אַ פאַרבייפאָרער. אַלע האָבן גע־וואוסט, אַז ר׳ אברהם׳ס הויז איז שטענדיק אָפן און מ׳קען דאָרט שטענ־דיק באַקומען אַ מאָלצייט, אַ נאַכטלעגער און אפילו אַ שיינע נדבה.

איינמאָל איז צו ר׳ אברהם׳ען פאַרפאָרן גאָר אַ חשוב׳ער אורח. ס׳איז געווען זיין אייגענער רבי, ר׳ ישעי׳לע, וועלכער האָט גע׳שם׳ט אַלס גרויסער צדיק.

ר׳ אברהם׳ס אויפפירונג, זיין איבערגעגעבענע און אויפריכטיקע הכנסת אורחים, איז דעם צדיק זייער געפעלן. ער האָט אָבער באַלד געזען, אַז ר׳ אברהם גיט אַוועק דאָס לעצטע וואָס ער פאַרמאָגט; אַז ער און זיין פאַמיליע קומען אָפּ מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט צו קענען מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים מיט אַ ברייטער האַנט.

פאַר׳ן אַוועקפאָרן האָט אים דער צדיק געבענטשט, אַז דער אויבער־שטער זאָל אים מצליח זיין אין זיינע געשעפטן ער זאָל קענען אָנפירן זיין גוטע אַרבעט מתוך הרחבה.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און ר׳ אברהם האָט געזען, אַז דעם צדיק׳ס ברכה ווערט ערפילט. זיין באַשיידענע קרעמל האָט זיך גע־נומען פונאַנדערוואַקסן גאָר אויף אַן אומנאַטירלעכן אופן. באַלד האָט ר׳ אברהם גענומען אָנפירן גאָר גרויסע געשעפטן און האָט שטאַרק מצליח געווען. מיט איין וואָרט — ר׳ אברהם איז געוואָרן גאָר אַ גרויסער גביר.

רייכטום איז אַ נסיון, אָבער ר׳ אברהם האָט עס ניט גלייך איינ־געזען. צוביסלעך — ער האָט אַליין ניט באַמערקט ווי אַזוי — האָט ער געפונען אַלץ ווייניגער צייט צום לערנען און דאַוונען ווי פריער. ער

האָט שוין קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיט אָרימעלייט, פאַרבייפאָרער אָדער משולחים. ער האָט דאָס איבערגעלאָזט צו זיינע באַדינער. צו ר׳ אברהם׳ען אַליין איז גאָר געווען שווער אָנצוקומען. ער איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין זיין רייכן אָפּיס און איז געווען זייער „ביזי״, אַרומגערינגלט מיט סוחרים און גבירים און פיל אָנגעשטעלטע.

מ׳האָט נאָך געקענט באַקומען אַ גאַנץ שיינע נדבה פון דעם ניי־אויפגעקומענעם גביר דורך זיין סעקרעטאַר, אָבער די אַמאָליקע גאַסט־פריינדליכקייט האָט געפעלט. ווער רעדט נאָך צו באַקומען אַ מאָלצייט אין זיין הויז, אָדער גאָר איבערצונעכטיקן, דאָס איז געוואָרן אויס־געשלאָסן.

מענטשן האָבן גענומען ריידן, אַז דער גוטער ר׳ אברהם איז קאַליע געוואָרן. דאָס רייכטום האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ, פאַרהאַרטעוועט זיין האַרץ. אַ שאָד, אַזאַ פיינער איד געווען, אַזאַ גרויסער מכניס אורח . . .

ב.

עס האָט זיך געמאַכט אַ וויכטיקער ענין פון פדיון שבויים, און דער צדיק האָט אַרויסגעשיקט אַ משולח צו זאַמלען געלט פאַר דער גרוי־סער מצוה. ער האָט אים באַזונדערס אָנגעזאָגט צו פאַרפאָרן צו ר׳ אברהם׳ן און צו באַקומען באַ אים אַ גרעסערע סומע געלט פאַר דעם וויכטיקן צוועק, און בכלל צו זען ווי עס גייט עם און ווי ער פירט זיך אויף.

דער באַריכט וואָס דער צדיק האָט געקראָגן האָט אים שטאַרק מצער געווען. „וואָס, פון מיין ברכה זאָל אַרויסקומען אַ תקלה חס ושלום?״ האָט דער צדיק געטראַכט. „איך מוז גיין מתקן זיין!״ האָט ער באַשלאָסן. ער האָט זיך גלייך געלאָזט אין וועג, און האָט זיך ניט אָפּגע־שטעלט ביז ער איז אָנגעקומען אין שטעטל, וואו ר׳ אברהם האָט געוואוינט.

צופאָרנדיק צו דער גרויסער און שיינער הויז וואו ר׳ אברהם האָט געוואוינט, האָט דער צדיק געשיקט זיין משרת אָנזאָגן דעם גביר וועגן זיין רבי׳נס באַזוך.

ס'איז דעם משרת ניט לייכט אָנגעקומען איבערצוגעבן זיין „מע־סעדזש". עס זיינען אים געקומען אַנטקעגן פאַרשידענע משרתים, איינער העכער פאַר דעם אַנדערן, יעדער איינער מיט אַן אַנדער תירוץ: איינער האָט געזאָגט, אַז ר' אברהם איז ניטאָ אין הויז, אַן אַנדערער האָט געזאָגט אַז ר' אברהם איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען פון שלאָף, אַ דריטער האָט געזאָגט אַז ר' אברהם טרינקט קאַווע, און אַ פערטער האָט געזאָגט אַז ר' אברהם נעמט ערשט אויף נאָך מיטאָג.

ניט קענענדיק אַליין צוקומען צום גביר, האָט דער משרת געבעטן אים איבערגעבן, אַז דער רבי ר' ישעי'לע איז געקומען און וויל אים תיכף זען.

ווי ר' אברהם האָט דערהערט ווער דער אורח איז, איז ער באַלד אַרויסגעלאָפן אין הויף, וואו זיין רבי איז געזעסן אין וואָגן און געוואַרט אויף אים.

מיט גרויס יראת הכבוד האָט ער באַגריסט זיין רבי'ן און געבעטן ער זאָל אים פאַרשאַפן דעם גרויסן כבוד און זכות צו זיין זיין גאַסט.

ג.

דער צדיק האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און איז אַריין צום גביר אין הויז. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי שיין און רייך ר' אברהם לעבט זיך, אָבער ער האָט אומזיסט געזוכט אַן אורח, אַ פאַרבייפאָרער, וועלכע האָבן אַמאָל שטענדיק אָנגעפילט זיין הויז.

אויפ'ן רבי'נס געזיכט איז געווען אויסגעגאָסן אַ טיפע ערנסטקייט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

צורופנדיק דעם גביר צום פענצטער האָט דער צדיק אים גע־פרעגט: „ווער גייט דאָרטן?"

„דאָס איז יאַנקל דער שניידער, ער גייט פון בית־מדרש. אַ וואוילער איד, אָבער אַ גרויסער אָרעמאַן נעבאָך..."

„און ווער גייט דאָרט?"

„דאָס איז אַן אָרימע אלמנה: גייט אין מאַרק עפּעס האַנדלען. אַ שטוב מיט יתומים'לעך... אַ גרויסער רחמנות..."

„און ווער גייט דאָרט?" פרעגט דער צדיקווידער.

„דאָס איז בענצע דער וואַסער־טרעגער" ענטפערט דער גביר, און וואונדערט זיך שטאַרק וואָס דער רבי האָט זיך אַזוי טיף פאַראינטערעסירט אין די פאַרבייגייער.

דער רבי האָט זיך אָפּגעקערט פון פענצטער און האָט גענומען גיין אַהין און צוריק אין דעם גרויסן גאַסט־צימער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסן געשליפענעם שפּיגל וואָס איז געהאַנגען אויפ׳ן וואַנט. דאַן, שטעלנדיק זיך אַן אַ זייט, האָט ער צוגערופן דעם גביר און האָט אים געפרעגט:

„ווען זעסטו אין שפּיגל?"

„דאָ זע איך זיך אַליין", האָט ר׳ אברהם געענטפערט, און איז נאָך מער פאַרוואונדערט געוואָרן.

„זאָגט מיר, ר׳ אברהם, פון וואָס איז אַ שפּיגל געמאַכט?"

„פון גלאָז", ענטפערט ר׳ אברהם.

„און ס׳פענצטער?"

„אויך פון גלאָז".

„כ׳פאַרשטיי ניט", זאָגט דער רבי מיט אַ געמאַכטער תמימות, „דאָס איז גלאָז, און דאָס איז גלאָז, איז פאַרוואָס דורכ׳ן גלאָז פון שויב זעסטו אַלעמען, אָבער אין שפּיגל זעסטו נאָר זיך אַליין?"

„דאָס איז גאַנץ איינפאַך", ענטפערט ר׳ אברהם. „די גלאָז פון פענצטער איז קלאָר און ריין, דעריבער איז דאס דורכזיכטיק. אָבער די גלאָז פון שפּיגל איז פון דער אַנדער זייט פאַרזילבערט, דעריבער זעט מען נאָר זיך אַליין".

„אַזוי, אַזוי! יעצט פאַרשטיי איך שוין. אַז ס׳איז ניט באַזילבערט זעט מען אַלעמען, אָבער אַז ס׳איז יאָ באַזילבערט — זעט מען נאָר זיך אַליין. יאָ, יאָ, אַ מאָדנע זאַך! און דעם זילבער קען מען דאָך אַראָפּקראַצן, ניט אַזוי, מיין פריינט?"

„יאָ, אודאי...״

ר׳ אברהם האָט ניט פאַרענדיקט. ער האָט זיך געכאַפּט וואָס זיין רבי מיינט דערמיט, און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איידער ער איז „באַזילבערט״ געוואָרן, איידער ער איז רייך געוואָרן, איז ער געווען ווי אַ ריינע גלאָז, און האָט געקענט זען אַלעמען, און יעצט — זעט ער נאָר זיך אַליין. יאָ, ער האָט שטאַרק פאַר־בלאָנדזשעט. ער איז ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון...

אַ טיפער געפיל פון תשובה האָט אים אַרומגענומען, און מיט אַ גע־בראָכענער שטימע האָט ער זיך געווענדעט צום אורח:

„רבי, קען תשובה מיר נאָך העלפן?״

„יאָ, וועגן דעם בין איך עס טאָקע געקומען. איך האָב ניט געוועלט גלויבן אַז דו האָסט זיך אַזוי געביטן, ביז איך וועל זען מיט מיינע אויגן, און איך האָב געהאָפט אַז דיין האַרץ איז נאָך ניט פאַרשטיינערט גע־וואָרן, און עס וועט ניט נויטיק זיין צוצונעמען פון דיר דיין עשירות — אָפּקראַצן דעם זילבער״.

ר׳ אברהם האָט פייערלעך צוגעזאָגט אויסצופירן די תשובה וואָס דער רבי האָט אים אָרויפגעלייגט. פונקט ווי אַמאָל, וועט ער אַליין זיך אָפּגעבן מיט צדקה און הכנסת אורחים, און זיין הויז וועט ווידער זיין שטענדיק אָפן פאַר יעדן איינעם וואָס נויטיקט זיך אין זיין הילף.

נאָך יענעם טאָג האָט דער גביר געפּראַוועט אַ גרויסע סעודת־מצוה, פאַרבעטנדיק אַלע זיינע אַלטע פריינט, די אָרעמעלייט פון שטאָט. ער האָט זיי דערציילט, ווי ער איז געוואָרן אַ בעל־תשובה, און האָט גע־בעטן באַ זיי מחילה.

אין אַ ווינקל פון שפּיגל האָט ר׳ אברהם אָפּגעקראַצט דאָס זילבער, כדי עס זאָל שטענדיק דערמאָנען וואָס דער רבי האָט אים געלערנט, קוקנדיק אין שפּיגל, האָט שוין ר׳ אברהם ניט געזען נאָר זיך אַליין... און ווער עס האָט אים געפרעגט די באַדייטונג פון דעם פלעק אויפ׳ן שפּיגל, פלעגט ר׳ אברהם מיט גרויס אויפריכטיקייט דערציילן, ווי דער שפּיגל האָט אים געהאָלפן ווערן אַ בעל־תשובה.

דער ערלעכער גנב

א.

עס האָט אַמאָל געלעבט אַן ערלעכער איד, אַ גרויסער אָרעמאַן. ער האָט געהאַט אַ פולע שטוב מיט קינדערלעך, וועלכע זיינען אַלעמאָל געווען הונגעריק. ער אַליין, און זיין ווייב, זיינען אויך געווען הונגעריק, ווייל אין שטוב איז נישט געווען אַ ביסן ברויט. דער אָרעמאַן האָט נישט געקענט קריגן אַ שטאָך אַרבעט, און צו וואָס ער האָט זיך גענומען, איז געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. דער איד האָט נעבעך קיין מזל נישט געהאַט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער אָרעמאַן דערהערט אַז אין שטאָט איז געקומען אַ גרויסער צדיק, וועגן וועמען מען האָט דערציילט גרויסע וואונדער. דער אָרעמאַן האָט באַשלאָסן צו גיין זען דעם חשוב'ן אורח און פרעגן ביי אים אַן עצה. ווען ער האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צום צדיק און האָט פאַר אים אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ, האָט אים דער ג־טלעכער מאַן ערנסט אָנגעקוקט, און דאַן האָט ער אים געזאָגט:

„איך זע, אַז אין איין אַרבעט קענט איר מצליח זיין, אָבער וואָס דאָס איז, קען איך אייך לײַדער נישט זאָגן".

וויפל דער אָרעמאַן האָט זיך נישט געבעטן אַז דער צדיק זאָל אים אויסזאָגן דעם סוד, וואו ער קען געפינען זיין מזל, האָט ניט געהאָלפן, און דער אָרעמאַן איז נעבעך אַוועק אַהיים מיט ליידיקע הענט.

דער הונגער און נויט אין שטוב זיינען געשטיגן, אַז עס איז פשוט געוואָרן אַ סכנה, אַז די קינדערלעך וועלן חלילה נישט אויסהאַלטן. דער פאַרצווייפלטער טאַטע האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ענדלעך האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין גאַס, אפשר וועט דער אויבערשטער מיט אים טאָן אַ נס, און צושיקן אַ גראָשן.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך דער אָרעמאַן אַרומגעדרייט איבער'ן מאַרק

און איבער די גאַסן פון שטאָט, און האָט נישט פאַרדינט אַ פּרוטה. ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין בית־המדרש צו מנחה און געבליבן דאָרט ביז נאָך מעריב און איז ווידער אַרויס אין גאַס. „ווי קען איך קומען אַהיים אָן אַ גראָשן אין קעשענע?" האָט ער געטראַכט, און האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַן אומוועג. נישטאָ וואָס צו איילן זיך.

ס'איז געווען אַ פינסטערע נאַכט; אַרום און אַרום איז נישט געווען אַ מענטש. דער אָרעמאַן האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט לעבן אַ קראָם, און האָט דערזען, אַז דער שלאָס איז נישט גוט צוגעמאַכט. דער קרע־מער האָט זיך מן הסתם אַביסל געאיילט.

אַ שרעקלעכער געדאַנק איז אים איינגעפאַלן: ס'איז אַזוי לייכט אַריינצוכאַפּן זיך אין קראָם און... אָבער באַלד דערהערט ער אַן אינערליכע שטימע: „לא תגנוב!" און ווידער קומט צו אים אַ געדאַנק: די קינדערלעך שטאַרבן פון הונגער, פּקוח נפש... זיי זיינען קיין שוטה, דער אויבערשטער וועט העלפן, וועסטו אָפּגעבן...

לאַנג איז דער אָרעמאַן געשטאַנען לעבן דער אָפענער קראָם און האָט זיך געראַנגלט מיט זיינע געדאַנקען. ענדלעך האָט ער דעם נסיון נישט געקענט ביישטיין, און איז אַריין אין קראָם.

ס'איז געווען אַן אייזן־קראָם, און וואָס צו עסן איז נישט געווען; כאָטש נעם טראָג אַהיים טשוועקעס צו קייען. אָבער דאָ גיט אַ פינקל אין די אויגן די קאַסע. ער גייט צו און זעט אַז די קאַסע איז נישט צוגע־שלאָסן. ער עפנט אויף אַ שופלאָד, און ס'האַרץ גיט אים אַ צאַפּל. די קאַסע איז פול געפּאַקט מיט געלט!

דער אָרעמאַן האָט גענומען נישטערן צווישן די מטבעות און האָט זיך אָפּגעקליבן גאַנצע צען גראָשן און האָט אַריינגעשטעקט אין קע־שענע, און זיך צוריק אַרויסגעשאַרט... אַרויסגייענדיק האָט ער גוט באַטראַכט די קראָם — ס'איז געווען וועלוול דעם אייזנקרעמער'ס — און האָט זיך אַ פאַרשעמטער געלאָזט גיין אַהיים מיט שנעלע טריט.

קומענדיק אַהיים, האָט ער אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און האָט פאַרשריבן, אַז די־און־די נאַכט האָט ער געבאָרגט צען גראָשן פון וועלוול דעם אייזנקרעמער. דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט און ער

האָט זיך ביטער צוויינט, וואָס אויף דער עלטער איז ער נעבעך אַזוי גע־שטרויכלט געוואָרן...

ב.

אין שטוב איז געוואָרן פריילעכער: ענדלעך האָט דער טאַטע גע־בראַכט אויף אַ לעבל ברויט פאַר די הונגעריקע קינדערלעך. אָבער ווען ס'איז געקומען די וועטשערע איז שוין ווידער נישט געווען אַ ברעקל ברויט אין שטוב. אַ גאַנצן טאָג האָט דער אָרעמאַן אַרומגעוואַנדערט איבערן שטאָט זוכן פּרנסה, און ווידער האָט ער זיך געפונען אין דער פינסטערער נאַכט, גייענדיק אַהיים פון מעריב מיט ליידיקע הענט.

די פיס האָבן אים ניט־ווילנדיק געטראָגן צו דער געוועלב־גאַס, און אָט שטייט ער לעבן אַ קראָם, און לעבט איבער די גאַנצע אינערליכע מלחמה וועלכע ער האָט איבערגעלעבט די פריערדיקע נאַכט. ער רירט זיך צו צום שלאָס, און עס עפנט זיך; ער גייט אַריין אינעווייניק, און דערזעט אַ קופּע געלט, וואָס דער קרעמער האָט מן הסתם פאַרגעסן צו פאַרשליסן אין קאַסע. ווידער ציילט ער זיך אָפּ צען גראָשן, גייט אַוועק אַהיים, און מיט טרערן אין די אויגן און אַ געבראָכן האַרץ פאַרשרייבט ער, אַז ער האָט גענומען פון געצל דעם שניט־קרעמער צען גראָשן.

אויף מאָרגן, אין בית מדרש, האָט זיך געקאָכט ווי אין אַ קעסל. געצל דערציילט, וועגן אַ נס וואָס האָט פּאַסירט מיט אים די פאַריקע נאַכט, ווען גנבים האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין קראָם און צוגע־גנב'עט... צען גראָשן!

דער עולם וואָלט עס געהאַלטן פאַר אַ באָבע־מעשה, אָבער וועלוול האָט באַשטעטיקט, אַז מיט אים האָט אויך פּאַסירט דאָס זעלבע!

בקיצור, טאָג־איין טאָג־אויס, דאָ דער קרעמער, דאָ יענער, איז גע־קומען מיט אַ נייע סענסאַציע, אַז דער „ערלעכער גנב" האָט אים מכבד געווען מיט אַ באַזוך און האָט צוגענומען נאָר צען גראָשן. עס האָט נישט געהאָלפן וואָס מ'האָט אָנגעשטעלט נאָך נאַכט־וועכטער; דער „גנב" פלעגט אָפּטאָן זיין אַרבעט, און מ'האָט אים ניט געקענט פּאַקן בשום אופן.

די זאַך איז דערגאַנגען צום שטאָט־הויפּט, און ס׳איז אים געווען זייער טשיקאַווע צו כאַפּן דעם מערקווירדיקן גנב, וואָס נישט־קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט זיך געקענט רייך מאַכן, האָט ער קיינמאָל נישט גע׳גנב׳ט מער ווי צען גראָשן, קוים גענוג אויף אַ לעבל ברויט.

האָט זיך דער שטאָט־הויפּט פאַרקליידעט אַלס אַ בעטלער, און איז אַרויס ביינאַכט לויערן אויפ׳ן גנב. ער האָט אים אויך באַלד געפּאַקט, אויף דער הייסער מינוט, ווען דער אָרעמאַן איז אַרויס פון אַ קראָם מיט צען גראָשן אין די הענט.

„איך פיר דיר גלייך צום שטאָט־הויפּט!" האָט דער פאַרשטעלטער בעטלער געזאָגט צום אָרעמאַן. אַ פאַרציטערטער האָט זיך דער אָרעמאַן געבעטן ער זאָל אים אָפּלאָזן און נישט אָנטאָן אַזויפיל בזיונות, וואָרום ער איז באַקאַנט אין שטאָט אַלס ערלעכער מענטש, און האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט גע׳גנב׳ט אַ גראָשן, אויסער דאַן ווען די נויט האָט אים געצוואונגען נישט צו לאָזן זיינע קינדערלעך אויסגיין פון הונגער. ער האָט אים אויך געזאָגט, אַז ביי אים איז אַלעס פאַרשריבן, און עס וועט נאָך קומען אַ טאָג, ווען ער וועט אָפּגעבן אַלעס וואָס ער האָט צוגענומען.

„איך וועל דיך אָפּלאָזן נאָר אויף איין באַדינג: איך האָב געהערט, אַז דער שטאָט־הויפּט האָט דערהאַלטן אַ גרויסע סומע געלט, וועלכע ליגט ביי אים אין שלאָף־צימער אונטערן בעט. דו ביסט אַ פלינקער און מזל־דיקער גנב; אויב דו וועסט אַרויס׳גנב׳ענען דאָס קעסטל און וועסט זיך מיט מיר צעטיילן, וועלן מירביידע זיין פאַרזאָרגט אויף אַ גאַנצן לעבן!"

דער אָרעמאַן האָט זיך גענומען בעטן, ער זאָל אים אָפּלאָזן. „איך בין נישט קיין גנב און נישט דער זון פון אַ גנב. דער הונגער פון מיין פאַמיליע האָט מיך געטריבן צו באַרגן עטלעכע גראָשן אָן דער דערלוי־בעניש פון אייגנטימער, אָבער ס׳איז ביי מיר אַלעס פאַרשריבן, און איך וועל אי״ה אויסצאָלן. אָבער גלאַט גיין גנב׳ענען — הרג׳ע מיך אַוועק, איך וועל נישט גיין!"

די רייד האָבן נישט געהאָלפן, און דער פאַרשטעלטער שטאָט־הויפּט האָט אים כמעט ווי מיט געוואַלד אַוועקגעשלעפּט מיט זיך.

ג.

באַלד האָבן זיי זיך געפונען לעבן הויז פון שטאָט־הויפּט, און דער שטאָט־הויפּט האָט אָנגעוויזן דעם אָרעמאַן אַ פענסטער. ער האָט אים אויך געגעבן אָנווייזונגען ווי פון קיך אַריינצוכאַפּן זיך אין שלאָף־צימער.

מיט אַ קלאַפּנדיקע האַרץ, און טרייסלענדיק זיך מיט אַלע אברים, איז דער אָרעמאַן דורכגעקראָכן דורכן פענסטער און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער פינסטער. אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער צוריק אַרויסגעקראָכן, אָבער מיט ליידיקע הענט. דער פאַרשטעלטער שטאָט־הויפּט האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר׳ן אָרעם.

„געלויבט זאָל זיין דער אויבערשטער וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון גנבה״, האָט דער אָרעמאַן געזאָגט.

„ווער האָט דיר געשטערט? דערציייל!״

„ווען איך בין אַריינגעקראָכן אין דער פינסטערער קיך, האָב איך דערהערט אַ קול פון אַ דערבייאיקן צימער: ,איך זאָג דיר, איוואַן, אַז קיינער ווייס נישט אַז דער בעל־הבית האָט דערהאַלטן אַזאַ מטמון מיט געלט. מאָרגן אינדערפרי, איידער דו דערלאַנגסט אים די טיי, שיט אַריין אַט דעם סם, און מיר וועלן זיך טיילן מיט׳ן פאַרמעגן!״

דער פאַרשטעלטער שטאָט־הויפּט איז געוואָרן בלאַס, און האָט זיך קוים איינגעהאַלטן אויף די פיס. דער אָרעמאַן האָט ווייטער געזאָגט:

„מען מוז גיין אָנזאָגן דעם שטאָט־הויפּט און ראַטעווען זיין לעבן...״

„גוט. דו קענסט גיין אַהיים, איך וועל עס שוין טאָן״, האָט דער פאַרשטעלטער שטאָט־הויפּט געזאָגט, דערביי פאַרשרייבנדיק ביי זיך דעם נאָמען און אַדרעס פון דעם אָרעמאַן.

ד.

אויף מאָרגן, ווען דער שטאָט־הויפּט איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, און זיין באַדינער האָט אים דערלאַנגט טיי, האָט אים דער שטאָט־הויפּט געהייסן אַליין טרינקען. דער פאַרציטערטער באַדינער האָט גענומען

שטאַמלען עפּעס אַ תּירוץ, און דער שטאָט־הויפּט האָט דערלאַנגט אַביסל טיי דער קאַץ, וועלכע איז באַלד געפאַלן אַ טויטע.

דער שטאָט־הויפּט האָט זיך אַזוי אַרום איבערצייגט, אַז דער אָרע־מאַן האָט אים נעכטן נישט געליגט. ער האָט איבערגעגעבן דעם פאַלשן באַדינער צום געריכט, וואָס האָט אים פאַראורטיילט צום הענגען. אָבער דער שטאָט־הויפּט האָט געשיקט רופן דעם אָרעמאַן און האָט צו אים געזאָגט:

„איך זע, אַז דיין ג־ט האָט געוואָלט אַז דו זאָלסט זיין דער שליח צו ראַטעווען מיין לעבן. באמת, באַלאַנגט דער גאַנצער פאַרמעגן צו דיר, וואָרום דו האָסט אים געראַטעוועט, און דערצו אויך מיין לעבן. נאָר אויב דו ווילסט זיך טיילן מיט מיר, וועל איך דיר דאַנקבאַר זיין, און וועל עס אָננעמען אַלס מתנה".

דער אָרעמאַן האָט לכתחילה נישט געוואָלט הערן דערפון, אָבער דער שטאָט־הויפּט האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. ענדלעך האָט ער באַ־שלאָסן צו נעמען אַ האַלב פאַרמעגן, און איז פון דאַן אָן אויפגעריכטעט געוואָרן. ערשט יעצט האָט ער פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער רב האָט אים ניט געוועלט זאָגן וואו ער וועט געפינען זיין מזל. ער האָט אויך פאַר־שטאַנען פאַרוואָס דער מזל האָט אים געשמייכלט — דערפאַר וואָס ער איז בייגעקומען דעם נסיון.

און דאָס ערשטע האָט ער געטאָן איז געווען אָפּצוצאָלן די צען־גראָשן־חובות, וועלכע ער האָט געהאַט געבאָרגט אין דער צייט פון זיין נויט.

פון דאַן אָן האָט דער אָרעמאַן געלעבט אין עשירות און גליק; ער האָט געגעבן צדקה מיט אַ ברייטער האַנט און איז געווען באַליבט באַ ג־ט און באַ לייטן.

אַ דין תורה
מיט דעם אויבערשטן

א.

אין אַ שטעטל ניט ווייט פון לובלין האָט אַמאָל געלעבט אַ איד אַ גביר. קיין קאָפּ צום לערנען האָט ער ניט געהאַט, ניט יונגערהייט און אַודאי ניט נאָך דער חתונה, ווען ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין מסחר און האָט מצליח געווען. איז ער קיין גרויסער תלמיד־חכם ניט געווען. דעם אמת געזאָגט, איז ער געווען גאָר אַ פשוטער מענטש; קוים גע־קענט דאַווענען און זאָגן תהילים. אָבער אַ גוט הארץ האָט ער געהאַט און האָט געגעבן צדקה, און אויף זיין שטייגער אויך אָפּגעהיט מצוות. איינ־מאָל אַ יאָר — אויף ימים־נוראים — פלעגט ער קומען „אָנוואָרעמען" זיך אין דער סביבה פון דעם לובלינער צדיק, און די יראת־שמים וואָס ער האָט דאָרט איינגעזאַפּט האָט אים דערקוויקט אַ גאַנץ יאָר. דערביי פלעגט ער ניט קומען מיט ליידיקע הענט; ער פלעגט ברענגען אַ פיינעם פדיון פאַר דעם צדיק, און האָט ניט געקאַרגט מיט אַ נדבה אָדער גמילת־חסד ווען עס האָט זיך געמאַכט אַזאַ מצוה.

עשירות איז אָבער ווי אַ ראָד וואָס דרייט זיך, און ס'איז געקומען אַ צייט ווען דאָס רעדל פון זיין מזל האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף אַראָפּ. ער האָט גענומען ליידן פאַרלוסטן, ביז ער איז געוואָרן אַן אָרעמאַן אַן אביון.

ניט־וועלנדיק אָנקומען צו לייטן, און זייענדיק אַ קרעפּטיקער מאַן, איז ער געוואָרן אַ טרעגער; אָבער ער האָט קוים פאַרדינט אויף ברויט פאַר זיין ווייב און קינדער. אין דעם נייעם מצב זיינעם האָט ער זיך גע־שעמט צו קומען אין לובלין מיט ליידיקע הענט, און ער איז געוואָרן אַ „יורד" אויך אין זיין גייסטיקן מצב. אַזוי האָט ער זיך געמוטשעט אַ היבשע צייט און האָט זיך ניט געקענט אַן עצה געבן.

איינמאָל, בשעת ער איז געשטאַנען אין מאַרק און האָט געוואַרט ביז

עמיצער וועט אים געבן אַ שטיקל אַרבעט, איז פאַרבייגעגאַנגען דער גלח, וואָס האָט אים געקענט פון דער צייט ווען ער איז געווען אַ גביר. דער גלח האָט אים פריינטלעך באַגריסט און האָט אויסגעדריקט זיין מיטלייד וואָס ער איז נעבעך אַזוי געפאַלן. דער גלח האָט דעם טרעגער איינגעלאַדן צו קומען צו אים אין שטוב, צוזאָגנדיק צו געבן אים אַרבעט.

לכתחילה האָט דער טרעגער ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט דעם גלח. ער האָט געוואוסט, אַז דער גלח איז ניט קיין אידן־פריינט און ער האָט שטאַרק געצווייפלט אין זיין „גוט־האַרציקייט" צו אים. אָבער ווען דער הונגער וואָס האָט געהערשט אין שטוב האָט אים שטאַרק צוגע־קוועטשט, האָט ער באַשלאָסן צו גיין צום גלח און זען וואָס פאַראַ אַרבעט ער האָט פאַר אים. דער גלח האָט אים פריינטלעך אויפגענומען און האָט אים טאַקע פאַרשאַפט אַרבעט אין דעם הויף פון דעם פריץ. גלייכצייטיק האָט דער גלח גענומען אַריינציען דעם אָרעמען און פשוטן טרעגער אין זיין נעץ. מיט זיין געמאַכטע פריינטשאַפט און גלאַטע צונג האָט ער אים געלאָזט אָנצוהערן, אַז ווען ער וואָלט זיך ניט געהאַלטן באַ זיין אידישקייט, וואָלט ער זיך לייכט געקענט אַרויפאַרבעטן און ווידער ווערן אַ גביר. פון אָנצוהערענישן איז דער גלח אַריבער אויף קלאָרע דיבורים און האָט אים גענומען איינשמועסן, אַז דער אידישער ג־ט האָט אים פאַרלאָזן און פאַרגעסן, ניט קוקנדיק אויף אַלע מצוות און צדקה וואָס ער האָט געטאָן בשעת ער איז געווען אַ גביר, איז אויב ער וועט זיך אַביסל אָפּ'שמד'ן, וועט ער, דער גלח, שוין זען, אַז עס זאָל אים קיין זאַך ניט פעלן.

אַזוי לאַנג האָט דער גלח מיט אים געקנעלט, ביז עס האָט זיך באַ אים אָפּגעלייגט צו לאָזן זיך אָפּ'שמד'ן. באַ זיך אין האַרצן האָט דער טרעגער געטראַכט, אַז ער וועט דאָס טאָן נאָר לפנים־וועגן, און וועט בלייבן אַ איד אויך נאָכדעם ווי ער וועט זיך לאָזן באַשפריצן מיט אַביסל וואַסער. פונדעסטוועגן האָט ער דאָס ניט לייכט געקענט פועל'ן באַ זיך. האָט ער באַשלאָסן, אַז איידער ער וועט אָפּטאָן אַזאַ זאַך, וועט ער פריער איבערבעטן דעם אויבערשטן, ער זאָל אים מוחל זיין. איז ער אַוועק אין בית־מדרש, און בשעת קיינער איז דאָרט ניט געווען, איז ער צוגע־גאַנגען צום ארון־קודש און האָט מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן דעם אויבערשטן, אַז ער זאָל אים מוחל זיין, וואָרום

ער וועט דאָס טאָן נאָר לפנים־וועגן, און ער מיינט ניט, חלילה, צו ווערן אַן אמת׳ער גוי. אָבער ער קען שוין מער ניט אויסהאַלטן זיינע צרות...

ב.

ווען ער איז געקומען אַהיים און האָט דערציילט זיין ווייב וואָס ער האָט בדיעה צו טאָן, האָט זי צו אים געזאָגט, אַז אפשר איז כדאי ער זאָל זיך פריער מיישב זיין מיט דעם לובלינער צדיק. מסתם וועט אַזאַ קלוגער איד געפינען פאַר אים אַן עצה ווי איבערצוקליגן דעם גלח.

איז דער אָרעמער טרעגער געקומען צום צדיק און האָט אים דערציילט וועגן זיין ביטערע מערכה. פאַרשטייט זיך, אַז דער צדיק איז אויפגעציטערט געוואָרן, וואָס דער טרעגער האָט זיך געלאָזט אַריינציען אין דעם גלח׳ס נעץ. ער האָט אים געגומען אויפקלערן, אַז אַזאַ זאַך קומט גאָרניט אין באַטראַכט. דער טרעגער האָט אָבער געהאַט טענות צום אויבערשטן, הלמאי ער האָט פון אים צוגענומען זיין פאַרמעגן און האָט זיך ניט גערעכנט מיט אַלע גוטע זאַכן וואָס ער האָט געטאָן בשעת ער איז געווען אַ גביר.

„אויב דו האָסט טענות צום אויבערשטן, טאָ רוף אים צו אַ דין־תורה״, האָט דער צדיק אים גע׳עצה׳ט.

דער טרעגער האָט זיך דערפרייט. „איך האָב ניט געוואוסט, אַז מ׳קען רופן דעם אויבערשטן צו אַ דין־תורה!״ האָט ער געזאָגט. „יאָ, איך וויל טאַקע אַ דין־תורה מיט דעם אויבערשטן״.

„גוט, איך וועל באַשטימען אַ בית־דין וואָס וועט אויסהערן דיינע טענות, און איך וועל ענטפערן אויף זיי פאַר דעם אויבערשטן. דאַן וועט דער בית־דין אַרויסגעבן אַ פסק־דין״.

גערעדט און געטאָן. דער צדיק האָט באַשטימט דריי עלטערע חסידים אַלס אַ בית־דין, און זיי האָבן אויסגעהערט דעם טרעגער׳ס טענות. דערנאָך האָט דער צדיק געענטפערט אויף די טענות. זיין ענטפער איז געווען, אַז, אמת טאַקע, דער בעל־דין האָט געגעבן צדקה און געטאָן מצוות, אָבער ער איז אויך באַגאַנגען געוויסע עבירות. דערביי האָט ער אויסגערעכנט עטלעכע האַרבע עבירות וואָס דער טרעגער איז

באַגאַנגען. דער טרעגער האָט מודה געווען, אַז ער איז טאַקע באַגאַנגען די עבירות, אָבער ער האָט גע'טענה'ט, אַז ער האָט זיי געטאָן ניט ווילנדיק, און ניט־וויסנדיק, אַז דאָס זיינען עבירות. דער צדיק האָט אָבער געזאָגט, אַז דאָס איז קיין תירוץ ניט; ער האָט געדאַרפט לערנען מער און וויסן ווי אַ איד דאַרף זיך אויפפירן אין אַלע פּרטים.

אויף דערויף האָט דער טרעגער גע'טענה'ט, אַז ער קען אידן וואָס זיינען ניט בעסער פון אים און עס גייט זיי גוט. און דער צדיק האָט געענטפערט, אַז פון דער וועלט איז בכלל קיין ראי' ניט; אידן האָבן דאָך נאָך אַ וועלט, אַן אייביקע וועלט, און עס קען דאָך זיין, אַז די וועלכע האָבן מער עבירות ווי מצוות, באַקומען זייער שכר אויף דער וועלט און פאַרלירן דערביי זייער שכר אין דער אייביקער וועלט, בשעת די וועלכע האָבן מער מצוות ווי עבירות, קומען אָפּ פאַר די עבירות אויף דער וועלט, אָבער דערפאַר באַקומען זיי אַ פיל גרעסערן שכר אין דער אייביקער וועלט...

נאָכדעם ווי די דיינים האָבן אויסגעהערט די טענות ומענות פון ביידע צדדים, האָט דער בית־דין געפרעגט דעם טרעגער אויב ער איז גרייט מוחל צו זיין דעם אויבערשטן. דער טרעגער איז אָבער באַשטאַנען אויף זיינס: אויב דער אויבערשטער וועט אים אומקערן זיין פאַרמעגן, וועט ער אים מוחל זיין פאַר די ליידן וואָס ער האָט געהאַט אין דער צייט פון זיין אָרעמקייט...

דאַן האָבן די דיינים געהאַט אַ ישוב־הדעת צווישן זיך און האָבן אַרויסגעגעבן זייער פּסק־דין: על פּי דין איז דער אויבערשטער גערעכט; אָבער היות ווי דער אויבערשטער פאָדערט מ'זאָל זיך פירן לפנים־משורת־הדין, ווי ער אַליין פירט זיך — דעריבער דאַרף דער אויבערשטער צוריק אומקערן צום טרעגער זיין פאַרמעגן, בתנאי אַז דער טרעגער האָט חרטה אויף זיינע עבירות און איז מקבל אויף זיך צו פירן זיך אין דעם דרך פון זיינע עלטערן און זיידעס, ווי אַ איד דאַרף זיך פירן, לויט דער תורה און מצוות.

די דיינים האָבן פאַרשריבן און גע'חתמ'עט דעם פּסק־דין און האָבן דערביי באַשטימט אַ צייט פון 30 טעג, וואָס ביידע צדדים דאַרפן מקיים זיין דעם פּסק־דין.

ג.

דער טרעגער איז אַוועק אַהיים אַ צופרידענער. ער האָט זיך תיכף אַרויסגעשלאָסן פון קאָפּ אַלע איינרעדענישן פון גלח און האָט באַשלאָסן מקיים צו זיין זיין חלק פון דעם פּסק־דין, זייענדיק זיכער, אַז אויך דער אויבערשטער וועט מקיים זיין זיין חלק. האָט ער זיך ווידער געשטעלט אין מאַרק צו פאַרדינגען זיך אויף אַרבעט, און האָט געציילט די טעג...

און אָט איז געקומען דער דרייסיקסטער טאָג און ער איז נאָך ניט געהאָלפן געוואָרן. אַ גאַנצן טאָג איז ער געשטאַנען אין מאַרק און קיין שטאָך אַרבעט ניט געפונען. איז אים איינגעפאַלן צו גיין צו דער באַן־סטאַנציע העלפן רייזנדע מיט זייערע פּעקלעך. ס'איז אָנגעקומען דער צוג, אָבער יעדער איינער האָט געטראָגן זיין פּעקל. דער טרעגער האָט זיך שוין כמעט ווי מייאש געווען, ערשט עס שטייגט אויס דער לעצ־טער פּאַסאַזשיר, אַ רייכער פּריץ מיט אַ שווערן טשעמאָדאַן. ער האָט געבעטן דעם טרעגער צו נעמען דעם טשעמאָדאַן און וואַרטן אויף אים. איז ער געשטאַנען ביים טשעמאָדאַן און האָט געוואַרט, און געוואַרט און געוואַרט, אָבער הילד איננו, דער פּאַסאַזשיר איז נעלם געוואָרן.

די זון האָט זיך שוין געהאַלטן ביים אַראָפּלאָזן, און דער טרעגער האָט ניט געוואָלט פאַרשפּעטיקן מנחה. האָט ער זיך מיישב געווען, אַז איבערלאָזן דעם טשעמאָדאַן אויף הפקר איז ניט קיין ענין, וועט ער אים אַוועקטראָגן אַהיים און דאַוונען מנחה. דערנאָך וועט ער זען וואָס צו טאָן.

אַ מידער און פאַרסאַפּעטער פון טראָגן דעם שווערן טשעמאָדאַן, איז דער טרעגער געקומען אַהיים און דער טשעמאָדאַן איז אים אַראָפּ־געפאַלן פון פּלייצע און האָט זיך צעפּראַלט. אַ מאַסע גאָלדענע רענד־לעך האָבן זיך אויסגעשאָטן אויף דער ערד...

דער טרעגער און זיין ווייב און די קינדער האָבן גענומען צוזאַמענ־שאַרן די רענדלעך: און ווען דער טרעגער האָט זיי איבערגעציילט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי באַטרעפן גענוי דעם פאַרמעגן וואָס ער האָט געהאַט פאַרלאָרן.

איצט האָט דער טרעגער געוואוסט, אַז דער אויבערשטער האָט אויך מקיים געווען זיין חלק פון דעם פּסק־דין...

דער אָרעמער טרעגער איז געוואָרן אַ גביר ווי פריער, אָבער איז שוין געווען פיל קליגער. ער האָט געדונגען אַ מלמד וואָס זאָל מיט אים לערנען תורה און דינים אַלע טאָג, כדי ער זאָל ניט ניכשל ווערן אין אַן עבירה. ער האָט שוין מער קיין טענות ניט געהאַט צום אויבערשטן, און, דאַכט זיך, דער אויבערשטער האָט אויך צו אים קיין טענות ניט געהאַט...

אַז עס קומט דער באַשערטער

א.

מאָטל, אַן עלטערער ישיבה־בחור, איז געווען אַ גרויסער מתמיד. ער האָט געלערנט תורה מיט גרויס חשק. ניט קוקנדיק וואָס עס זיינען שוין אַריבער עטלעכע יאָר זינט ער האָט דערגרייכט דעם עלטער פון „בן שמונה־עשרה לחופה״.

איינמאָל האָט אים זיין רבי אַריינגערופן צו זיך און האָט צו אים געזאָגט: „מאָטל, עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט נעמען טראַכטן וועגן אַ שידוך״.

מאָטל האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט קיינעם ניט; אַז ער איז אַן אָרעמאַן, און ער ווייס ניט ווער עס וועט אים וועלן פאַר אַן איידעם. דער רבי האָט אים אָבער געזאָגט, אַז אַ שידוך דאַרף מען זוכן און האָט אים גע׳עצה׳ט אַרויסגיין אין וועלט, און דער אויבערשטער וועט אים שוין מזמין זיין זיין זיווג.

האָט זיך מאָטל אַרויסגעלאָזט אין וועג. ער איז געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף און פון שטעטל צו שטעטל. ניט האָבנדיק קיין גראָשן, האָט ער געמוזט אָנקומען צו לייטן צו שטילן זיין הונגער. הכנסת־אורחים איז דאָך אַ גרויסע מצווה באַ אידן, האָט מען דעם אָרעמען בחור פריינט־לעך אויפגענומען אין יעדער הויז וואו ער האָט אָנגעקלאַפּט, און מ׳האָט אים געגעבן עפּעס צו עסן און אויך אַ פּאָר גראָשן אויפן וועג.

אין אַ געוויסן טאָג, נאָך אַ לאַנגן וועג, איז מאָטל אָנגעקומען אין אַ שטעטל שטאַרק פאַרהונגערט. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פיינער רייכער הויז און האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַ דינסט האָט געעפנט די טיר. דערזעענדיק אַ פאַרהונגערטן און פאַרדאַרטן בעטלער, האָט זי גע־זאָגט: „די בעלי־בתים זיינען ניטאָ אינדערהיים, אָבער קומט אַריין אין קיך עפּעס איבערבייסן. ס׳איז קענטיק, אַז עס איז שוין אַ לאַנגע צייט זינט איר האָט געהאַט אַ ביסן אין מויל״.

מאַטל איז אַריין אין קיך און האָט זיך געזעצט אויף אַ בענקל, וואו מ׳האָט אים געוויזן. די קעכין האָט געהאַלטן אין צוגרייטן אַ מאַלצייט, און דערביי זיינען געווען אויך צוויי פון דעם גביר׳ס מענטשן, משרתים און דינסטן. עס איז געווען לעבעדיק אין קיך; אַלע זיינען געווען אין אַ פריילעכע שטימונג און האָבן אויפגענומען דעם יונגען בעטלער ווי אַ חשוב׳ן גאַסט.

די שטוב־מענטשן האָבן מיט אים פאַרפירט אַ שמועס און מאַטל האָט זיי תמ׳עוואַטע געענטפערט אויף זייערע נאַרישע פראַגן. זיי האָבן אים אָנגענומען פאַר אַ ניט־איבערגעשפּיצטן בחור, און אימיצן פון זיי איז איינגעפאַלן צו מאַכן אַ שפּיל מיט אים. ער האָט מאַטלען געפרעגט אויב ער האָט אַ ווייב און קינדער, אָדער איז נאָך אַ בחור. און ווען מאַטל האָט געענטפערט, אַז ער איז נאָך אַ בחור, האָט ער אים געפרעגט: „אפשר וואָלסטו וועלן טאָן אַ שידוך?"

„פאַרוואָס ניט?" האָט מאַטל געענטפערט.

„דער בעל־הבית האָט אַ בת־יחידה, אַ וואוילע אידישע טאָכטער. אפשר זאָל איך ריידן מיט איר וועגן טאָן אַ שידוך מיט דיר?" האָט ער ווייטער געפרעגט, מאַכנדיק אַ גאַנץ ערנסטע מינע.

„פאַרוואָס ניט?" האָט מאַטל געענטפערט.

די זאַך איז אַלעמען געפעלן געוואָרן און זיי האָבן פריילעך צוגע־שטימט. „זייער אַ גלייכע זאַך", האָבן אַלע געזאָגט.

עטלעכע פון די שטוב־מענטשן זיינען אַריינגעגאַנגען אין סאַליע צו דער טאָכטער און האָבן זי געפרעגט, אויב זי וויל נעמען אָנטייל אין דעם שפּיל. די טאָכטער האָט גוט־מוטיק מסכים געווען, און די מענטשן זיינען צוריקגעקומען אין קיך מיט אַ פריילעכן און הילכיקן מזל־טוב!

„מ׳קען שרייבן תנאים!" האָבן זיי געזאָגט. „אפשר ווייסטו, מאַטל, ווי צו שרייבן תנאים?" מאַטל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

מ׳האָט געבראַכט פּאַפּיר, אַ פעדער און טינט, און מאַטל האָט גע־שריבן די תנאים. צוויי פון די משרתים האָבן אונטערגעשריבן אַלס

עדות. מ׳האָט צעבראָכן אַ טעלער און ווידער געוואונטשן חתן־כּלה מזל־טוב. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע.

„און איצט לאָמיר שטעלן אַ חופּה״, האָבן זיי געזאָגט. זיי האָבן גענומען פיר שטאַנגען פון פּאָמעלעס און האָבן אַריבערגעצויגן איבער זיי אַ טישטוך און האָבן געמאַכט דערפון אַ חופּה. מאָטל האָט אָבער ניט געהאַט מיט וואָס מקדש צו זיין די כּלה. האָט ער איר געבעטן זי זאָל אים געבן במתּנה איר פינגערל, און ער האָט זי מקדש געווען כּדת משה וישׂראל.

ווען דער „שפּיל״ האָט זיך געענדיקט, האָבן די שטוב־מענטשן געזאָגט צו מאָטלען, אַז ס׳איז שוין צייט ער זאָל גיין אויף זיין וועג.

„פאַרוואָס זאָל איך עפּעס גיין?״ האָט מאָטל געענטפערט. „איך בין דאָך איצט דער איידעם דאָ אין שטוב״.

די שטוב־מענטשן האָבן זיך אויסגעלאַכט פון אים, און ווען זיי האָבן געזען, אַז ער מיינט דאָס טאַקע ערנסט, זיינען זיי געוואָרן בייז און האָבן אַרויסגעשטופּט פון הויז.

מאָטל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גאַניק און איז געבליבן וואַרטן אויף זיין שווער.

אין אָוונט איז געקומען דער גביר און מאָטל האָט אים באַגעגנט מיט אַ „גוטן אָוונט, שווער!״

„דו ביסט משוגע, אָדער חסר־דיעה?״ האָט אים דער גביר געענטפערט.

„האָט קיין פאַריבל ניט, שווער, און הערט מיך אויס״, האָט מאָטל רואיק געזאָגט, און האָט אים דערציילט וואָס ס׳איז פאָרגעקומען.

דער גביר איז פאַרציטערט געוואָרן. אַ בלייכער און דערשראָקענער, האָט ער מאָטלען אַריינגערופן אין שטוב. ער האָט אים געלאָזט וואַרטן אַ פּאָר מינוט, ביז ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט זיין טאָכטער. דאַן האָט ער זיך אומגעקערט צו מאָטלען און האָט אים געזאָגט:

„קיינער טאָר דערפון ניט וויסן. נאָט אייך אַ צוואַנציקער און קומט

צום רב, מ׳וועט שרייבן אַ גט, און אַלץ וועט זיין בסוד. עס וועט אייך ניט שאַטן צו אַ שידוך, און עס וועט אויך מיין טאָכטער ניט שאַטן״.

מאַטל האָט זיך אַנטזאָגט צו נעמען דאָס געלט. „איך קען וועגן דעם אַליין ניט באַשליסן. איר וועט מוזן גיין מיט מיר צו מיין רבי׳ן, און ווי ער וועט זאָגן, אַזוי וועל איך טאָן״.

ב.

דער גביר האָט תיכף געהייסן איינשפּאַנען זיין בריטשקע, און ער איז מיט מאַטלען געפאָרן צו מאַטל׳ס רבי. דער גביר האָט געהערט פון אים און האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ קלוגער איד און אַ צדיק, און וועט זיכער אויסגלייכן דעם ענין אויפן בעסטן אופן.

אויסהערנדיק וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט דער רבי זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און דאַן אַרויסגעגעבן זיין אורטייל: דער גביר דאַרף מאַטלען, קודם־כל, געבן דריי טויזנט רובל, און דאַן וואַרטן זעקס חדשים. אויב נאָך זעקס חדשים, וועט ער און זיין טאָכטער נאָך אַלץ באַשטיין אויף אַ גט, וועט דאָס געלט זיין אַן אַנטשעדיקונג פאַר מאַטלען פאַרן אָפּלאָזן דעם שידוך, און אויב זיי וועלן מסכים זיין אויפן שידוך, וועט דאָס זיין נדן פאַרן חתן.

דעם גביר איז דער פּסק־דין ניט געפעלן געוואָרן, אָבער ער האָט דאָך לכתחילה מסכים געווען צו טאָן ווי דער רבי וועט זאָגן, און קיין ברירה האָט ער ניט געהאַט. האָט ער איינגעלייגט דאָס געלט ביים רבי׳ן און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים, זאָגנדיק אַז ער וועט אין זעקס חדשים אַרום קומען מיט דער טאָכטער צו באַקומען דעם גט.

ווען דער גביר איז אַוועקגעפאָרן, האָט דער רבי געזאָגט מאַטלען, אַז ער זאָל בלייבן באַ אים אין שטוב און נעמען זיך ווייטער צום לערנען. דער רביצין האָט ער אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל געבן מאַטלען עסן פון דאָס בעסטע און נאַרהאַפטיקסטע וואָס מ׳קען קריגן פאַר געלט, און אַז זי זאָל זען אַז מאַטל זאָל טאַקע זיך גוט פּאַפּראַווען.

ווען עס איז געבליבן בלויז איין חודש ביז דער צייט ווען דער גביר דאַרף קומען, האָט דער רבי געהייסן מאַטלען באַשטעלן זיך ביים שניי־

דער די בעסטע בגדים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גבירישן יונגערמאַן. און ווען מאָטל איז מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אַריינגעקומען צום רבי'ן אויסגעפּוצט אין זיינע נייע בגדים מיט אַ פיינעם קאַפּעליוש אין גלאַנצנ־דיקע שטיוול, האָט אים אַפילו דער רבי ניט דערקענט. ס'איז ניט געווען יענער מאָטל מיט די בלייכע איינגעפאַלענע באַקן, אָפּגעריסן און אָפּגע־שליסן נאָר ממש אַ „זיידענער" יונגערמאַנטשיק, מיט אַ הדרת־פּנים און איידלקייט; די שכינה האָט אויף אים גערוט.

צו דער באַשטימטער צייט איז דער גביר געקומען מיט זיין טאָכ־טער צום רבי'ן. אין שטוב האָבן זיי געפונען אַן אומבאַקאַנטן יונגער־מאַן, וועלכער האָט אויף זיי געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אָבער זיי האָבן זיך געאיילט אַריינצוגיין אין רבי'נס צימער צו דערליידיקן וואָס שנעלער דעם ענין פון דעם גט.

דער רבי האָט זיי איבערגעפרעגט אויב זיי זיינען טאַקע אַנטשלאָסן צו פאָדערן אַ גט. „אַוודאי, אַוודאי וואָס פאַר אַ פראַגע? ווי פּאַסט עס פאַר מיר, אַ גביר און אַ מכובד'יקער בעל־הבית, צו טאָן אַ שידוך מיט אַזאַ אָרעמען און פּשוט'ן בחור? מ'וועט דאָך לאַכן אין די הויפנס!"

„און ווי וואָלט אייך געפעלן דער יונגערמאַן וואָס זיצט בײַ מיר אין שטוב? ער איז אַ גרויסער תלמיד־חכם און אויך אַ גביר דערצו, ער פאַרמאָגט כמעט גאַנצע 300 רובל?"

„אַדרבה, דער וואָלט מיר טאַקע געפעלן. און וואָס זאָגסטו, רחל'ע?"

רחל'ע האָט זיך צערויטלט און אַראָפּגעלאָזן די אויגן. עס איז גע־ווען קלאָר, אַז דער שידוך וואָלט איר געווען שטאַרק צום האַרצן.

דער רבי האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַ זאָג געטאָן: „ר' מרדכי קומט אַריין".

מאָטל איז אַריינגעקומען און האָט געגעבן שלום זיין שווער. דער גביר און זיין טאָכטער זיינען געבליבן אַביסל צעטומלט און איבער־ראַשט פון דער באַגעגעניש. עס האָט זיך זיי ניט געגלויבט, אַז דאָס איז טאַקע דער זעלבער מאָטל.

איצט איז שוין מער ניט געווען קיין רייד וועגן אַ גט. דער גביר איז

געוועזן העכסט צופרידן צו האָבן אַזאַ איידעם, און ניט ווייניקער צופרידן איז געוועזן רחל׳ע, די בת־יחידה.

„דאָס וועט שוין זיין איינמאָל אַ חתונה!״ האָט דער גביר זיך באַרימט, „און איר, רבי, כ׳בעט אייך צו זיין דער מסדר־קידושין״.

„זאָל זיין אין אַ גוטער שעה״, האָט דער רבי געזאָגט, און האָט געהייסן דער רביצין צו שטעלן משקה און כיבוד פאַר די חשוב׳ע מחותנים.

עס איז געווען אַ געהויבענע און פריילעכע חתונה. דעם חתנ׳ס רבי האָט געהאַלטן אַ דרשה, אין וועלכער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם ענין פון השגחה פּרטית. דערביי האָט ער אָבער באַטאָנט ווי ערנסט מ׳מוז צוגיין צו אַ שידוך. און כאָטש אין דעם פאַל האָט זיך דער ענין אויסגעלאָזן אויפן בעסטן אופן, איז אָבער לא זו הדרך, וואָרום ביי אידן איז פאַראַן אַן אויסגעטראָטענער וועג, דער דרך התורה, ווי צוצוגיין און דורכפירן אַלע זאַכן אין לעבן.

דער קדיש

א.

שמואל איז געווען אַן אָרעמער בחור, וועמענס גאַנצער חשק איז געווען צו לערנען תורה. אין שטעטל, וואו ער האָט געלעבט, איז קיין ישיבה ניט געווען, האָט ער באַשלאָסן אויסצואוואַנדערן צו אַ שטאָט וואו עס געפינט זיך אַ ישיבה. געהערט האָט ער, אַז אין דער שטאָט פירטה (אין דייטשלאַנד) איז פאַראַן אַ באַרימטע ישיבה, איז ער געגאַנגען אַהין.

ענדלעך האָט ער דערגרייכט די שטאָט און איז באַלד געגאַנגען צו דער ישיבה. ער איז אַריינגעקומען צום ראש־ישיבה און האָט אים געבעטן אַריינגעמען אים אין דער ישיבה. דער ראש־ישיבה האָט אים פאַרהערט אין לערנען און האָט זיך איבערצייגט, אַז ער איז אַן איידעלער און גערעאָטענער בחור. האָט ער אים גערן אַריינגענומען אין דער ישיבה.

אַזוי ווי שמואל איז געווען אַן אָרעמער בחור, און האָט אויך ניט געהאַט קיין קרובים אין שטאָט וואָס זאָלן אים אויסהאַלטן, האָט אים דער ראש־ישיבה געגעבן אַ צעטל צום פּרנס פון דער קהילה, מיט דער בקשה, אַז ער זאָל אים אַריינגעמען אין דער רשימה פון די חשובע תלמידים וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון דער קהילה מיט אַ סטיפּענדיע („סקאָלערשיפּ").

דער פּרנס האָט דעם פרעמדן בחור אויפגענומען מיט אַ בייז פּנים. איבערלייענדיק דעם צעטל וואָס ער האָט געבראַכט, האָט דער פּרנס אים גאָר ניט פריינטלעך געזאָגט: „מיר האָבן ניט קיין איבעריקע געלט; מעגסט גיין עסן ‚טעג' ווי אַנדערע".

אַ פאַרשעמטער איז שמואל אַרויס פון פּרנס און איז צוריקגעקומען אין דער ישיבה. ער האָט קיינעם ניט דערציילט וואָס פאַראַ „ברוך־הבא" ער האָט געהאַט פון דעם פּרנס, און האָט זיך געזעצט לערנען מיט גרויס חשק.

שמואל האָט נאָך געהאַט אַ פּאָר אָפּגעשפּאָרטע מטבעות, האָט ער זיך פאַרגונען קויפן בלויז ברויט, און דאָס אויך ניט פרישע פון אויוון, נאָר אָפּגעלעגענע און פאַרטריקנטע. אַזוי האָט ער דורכגעמאַכט די ערשטע פּאָר טעג אויף טרוקענע ברויט און וואַסער.

אויף דעם דריטן טאָג, נאָך אַ גאַנצן טאָג לערנען, איז שמואל אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. אין קעשענע האָט ער געהאַט די לעצטע עטלעכע פּרוטות איינצוקויפן זיך אַ לעבל ברויט פאַר דריי סעודות.

גייענדיק אין גאַס שטעלט אים אָפּ אַן איידעלע פרוי און זאָגט אים: „אַנטשולדיקט מיר, איך האָב נאָך ביז היינט ניט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אָבער מיין זון געפינט זיך אין אַ צרה. מ׳האָט אים באַשולדיקט אין אַ גניבה וואָס ער איז ניט באַגאַנגען, און ער זיצט נעבעך אין תּפיסה. איך מוז דעריבער שאַפן געלט אים צו באַפרייען״.

„אין אַזאַ טייערע מצוה ווי פּדיון־שבויים, וויל איך האָבן אַ חלק״, האָט שמואל געזאָגט. אַרויסנעמענדיק די פּרוטות וואָס ער האָט געהאַט אין קעשענע, האָט ער זיי דערלאַנגט דער פרוי. דערביי האָט ער אויסגעדריקט זיין באַדויער וואָס ער קען ניט געבן מער.

די פרוי האָט אָבער ניט געוואָלט נעמען, זאָגנדיק: „איך זע, אַז איר זייט אַן אָרעמער ישיבה־בחור און דאַרפט מסתמא אַליין האָבן שטיצע. וויל איך האָבן אַ חלק אין דער מצוה פון אויסהאַלטן אַ תּלמיד־חכם״. און אַנשטאָט צו נעמען זיין געלט, האָט זי שמואל׳ן געוואָלט געבן אַ זילבערנע מטבע.

האָט זיך שמואל פאַרשעמט און האָט זיך אַנטזאָגט צו נעמען איר געלט. ער האָט איר אָבער שטאַרק געבעטן, אַז זי זאָל אים ניט אַנטזאָגן אין אַזאַ מצוה ווי פּדיון־שבויים.

„דאָס איז ניט אַ נדבה, וואָס איך וויל אייך געבן״, האָט די פרוי אים פאַרזיכערט, „נאָר פאַר זאָגן קדיש. היינט באַנאַכט האָב איך יאָרצייט נאָך מיין ג־ט־זעליקן מאַן, און מיין זון וועט ניט קענען זאָגן קדיש פאַר זיין פאָטער׳ס נשמה. בעט איך אייך צו זאָגן קדיש פאַר מיין מאַן׳ס נשמה, און אויך פאַר די נשמות פון אַנדערע אידן פון דער שטאָט, וואָס זייער

יאָרצייט פאַלט אויס אין דעם זעלבן טאָג. איר וועט דאָס געלט כשר פאַרדינען, און דערביי אויך האָבן אַ מצוה״.

שמואל האָט מסכים געווען, בתנאי אַז זי וועט נעמען באַ אים זיין חלק אין דער מצוה פון פדיון־שבויים. האָט די פרוי מסכים געווען, אוןביידע זיינען געווען צופרידן. שמואל האָט איר געפרעגט דעם נאָמען פון איר מאַן און זיין פאָטער׳ס נאָמען, און דערמיט האָבן זיי זיך געשיידט.

שמואל איז אַוועק אין בית־מדרש צו דאַוונען מעריב. ער האָט גע־זאָגט קדיש נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם און פאַר די אַנדערע אומ־באַקאַנטע נשמות, און האָט אויך געלערנט משניות פאַר זיי.

אַרויסגייענדיק פון בית־מדרש, איז שמואל געגאַנגען צום בעקער קויפן ברויט. אויפן וועג באַגעגנט אים אַן אַלטער איד, מיט אַ לאַנגער גרייזגרויער באָרד, און זיי האָבן זיך באַגריסט. דער אַלטער האָט פאַר־פירט מיט שמואלן אַ שמועס. „מסתמא ביסטו אַ תלמיד אין דער ישיבה. האָסטו זיך שוין באַזאָרגט מיט ,טעג׳ פאַר אַ גאַנצע וואָך און פאַר שבת?״

„דעם אמת געזאָגט״, האָט שמואל געענטפערט, „האָב איך נאָך דערווייַלע ניט קיין ,טעג׳. אָבער ביז איצט בין איך ברוך־השם דורכ־געקומען״.

„אַזאַ בחור ווי דו פאַרדינט צו לערנען תורה אָן דאגות־פּרנסה״, האָט דער אַלטער געזאָגט. „אַגב קומט דיר אַ גרויסער יישר־כח פאַר׳ן זאָגן קדיש. אַזאַ האַרציקן קדיש האָב איך שוין לאַנג ניט געהערט״. דאַן נעמט דער אַלטער אַרויס אַ צעטל און דערלאַנגט שמואלן. „דאָס צעטל איז צו מיינעם אַ גוטן פריינט. גיב אים דעם צעטל, וועט ער דיר באַ־זאָרגן מיט פּרנסה בדרך כבוד״. דערביי האָט אים דער אַלטער גע־וואונשן הצלחה אין לערנען און איידער שמואל האָט אים געקענט עפּעס פרעגן, איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט.

שמואל האָט אַריינגעלייגט דעם צעטל אין קעשענע און איז גע־גאַנגען איינקויפן זיך ברויט. דערנאָך איז ער צוריק אַוועק אין ישיבה.

דאָ האָט ער אַרויסגענומען דעם צעטל, און ווען ער האָט דערזען צו וועמען עס איז געווען געשריבן, איז אים ניט גוט געוואָרן. דאָס איז דאָך דער זעלבער פּרנס וואָס האָט אים שוין איינמאָל פאַרשעמט! איז אויב דער פּרנס איז ניט נתפּעל געוואָרן פון דעם ראש־ישיבה׳ס צעטל, טאָ פאַרוואָס זאָל ער נתפּעל ווערן פון דעם נייעם צעטל?

מילא, טראַכט שמואל, דערווייל האָט ער דאָך נאָך פון וואָס צו לעבן; און ער האָט דעם צעטל פאַרשטעקט אין קעשענע.

ב.

יענע נאַכט האָט שמואל קוים צוגעמאַכט אַן אויג. פאַרשידענע געדאַנקען האָבן זיך אים געטומלט אין מח, און ווען ער איז איינגעשלאָפן פאַרטאָג, האָבן זיך אים געוואָרפן פאַר די אויגן פאַרשידענע בילדער — די פרוי וואָס האָט אים געדונגען צו זאָגן קדיש, דער אַלטער מאַן, וואָס האָט אים געגעבן אַ צעטל, דער בייזער פּרנס...

שמואל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע חלומות מיט אַ געפיל פון אומרואיקייט. ער האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, האָט זיך אָנגעטאָן און האָט גענומען זאָגן ברכות. ער האָט זיך געמוזט שטאַרק אָנשטרענגען צו דאַווענען מיט כוונה, און ס׳איז אים אויך אָנגעקומען שווער צו קאָנצענטרירן זיך אין לערנען. דער געדאַנק צי ער זאָל יאָ גיין, אָדער ניט גיין, צום פּרנס מיט דעם צעטל, האָט אים ניט געלאָזט צורו. ענדלעך האָט ער באַשלאָסן צו גיין צום פּרנס און פּטור ווערן פון דער צעמישעניש. ער האָט געדאַוונט מנחה מיטן ערשטן מנין, געזאָגט קדיש און געלערנט משניות פאַר די נפטרים, ווי ער האָט עס געטאָן אויך אינדערפרי צו שחרית. האָבנדיק דערפילט זיין התחייבות, ווי ער האָט צוגעזאָגט דער איידעלער פרוי, האָט ער זיך געפילט בעסער און רואיקער. דאַן איז ער אַוועק צום פּרנס.

דער פּרנס איז געווען דערשטוינט ווידער צו זען דעם פרעמדן בחור, און ווען שמואל האָט אים דערלאַנגט דעם צעטל, האָט ער אַ ברום געטאָן: „ווידער אַ צעטל פון ראש־ישיבה?״

„ס׳איז ניט פון ראש־ישיבה״, האָט שמואל געלאַסן געענטפערט.

דער פּרנס האָט אַריינגעקוקט אינם צעטל, און איז געוואָרן בלאַס אין געזיכט. „ווער האָט אייך געגעבן דעם צעטל?" האָט ער שטרענג געפרעגט.

שמואל האָט דעם פּרנס דערציילט, ווי אַזוי ער האָט נעכטן אָוונט באַגעגנט אַן אַנגעזעענעם אַלטן מאַן, מיט אַ שיינער ווייסער באָרד, וואָס האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס, באַדאַנקט אים פאַרן זאָגן קדיש, און האָט אים געגעבן דעם צעטל.

דערהערט דעם וואָרט „קדיש" איז דער פּרנס נאָך מער אויפגערייסלט געוואָרן. ער האָט ווידער אַמאָל איבערגעלייענט דעם צעטל און איז געבליבן שטיין ווי געפּלעפּט. מיט אַ שוואַכע און ציטערנדיקע שטימע פרעגט ער שמואלן, „נאָך וועמען האָט איר געזאָגט קדיש?"

דערציילט אים שמואל וועגן זיין פריערדיקע באַגעגעניש מיט אַן איידעלער פרוי, מיט אַלע פּרטים דערפון, און ווי אַזוי זי האָט אים ,געדונגען' צו זאָגן קדיש פאַר איר מאַן און פאַר אַלע נפטרים פון דער שטאָט, וועמענס יאָרצייט איז אין דעם זעלבן טאָג...

דער פּרנס האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און האָט אַרומגעשפּרייזט אַ צערודערטער הין און צוריק. דאַן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן שמואלן און האָט אים געפרעגט: „האָט איר גוט געזען דאָס געזיכט פון דעם אַלטן מאַן?"

„אַזאַ הדרת־פּנים'דיקע געזיכט וועל איך שטענדיק געדיינקען", האָט שמואל אים געענטפערט.

דאַן האָט אים דער פּרנס אַריינגעפירט אין אַ דערבייאיקן צימער, וואו עס זיינען געהאַנגען אויף דער וואַנט עטלעכע בילדער. „דערקענט איר אים צווישן זיי?" האָט ער אים געפרעגט.

שמואל האָט אָנגעוויזן אויף אַ בילד. „אַזוי האָט טאַקע אויסגעזען דער אַלטער מאַן".

דער פּרנס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, האָט פאַרדעקט דעם פּנים מיטביידע הענט און האָט זיך צעכליפּעט.

שמואל איז געשטאַנען אַ פאַרחידושטער און האָט געוואַרט ביז דער פּרנס וועט זיך באַרואיקן. ווען ער האָט זיך ענדלעך באַרואיקט, האָט ער צו שמואלן געזאָגט:

„דער אַלטער מאַן איז מיין פאָטער, עליו השלום. ער איז נפטר געוואָרן מיט צען יאָר צוריק! ווען איר האָט מיר געבראַכט דעם צעטל, האָב איך באַלד דערקענט זיין האַנטשריפט. דער ערשטער געדאַנק וואָס איז מיר איינגעפאַלן איז געווען, אַז איר האָט געפעלשט זיין האַנטשריפט, און איך האָב דאָ צו טאָן מיט אַ שווינדלער. איך האָב זיך אָבער באַלד באַרעכנט, אַז דאָס קען ניט זיין, ווארום איר זייט דאָך דאָ אַ פרעמדער אין שטאָט, און האָט מיין טאַטן קיינמאָל ניט געקענט. און ווען איר האָט דערמאָנט דעם וואָרט ,קדיש׳, האָב איך זיך באַלד דערמאָנט, אַז היינט איז זיין יאָרצייט, וואָס ס׳איז מיר לחלוטין אַרויסגעפאַלן פון קאָפּ! ווי איז מיר ווי כ׳בין געפאַלן און פאַרזונקען אין נאַרישקייטן...״

דער פּרנס האָט זיך ווידער צעוויינט און האָט מיט אַ צעבראָכן האַרץ זיך מודה און מתודה געווען, ווי זיינע געשעפטן האָבן אים אַראָפּגעפירט פון וועג, און וואָס אַמאָל איז ער אַלץ מער אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון תורה, תפילה און גמילות חסדים...

„איר זייט דער ג־טלעכער שליח, וואָס האָט מיר געעפנט די אויגן״, האָט ער שמואלן געזאָגט מיט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט. „און איך האָב קיין ווערטער ניט ווי צו דאַנקען אייך פאַרן זאָגן קדיש אויך נאָך מיין פאָטער, עליו השלום. ס׳איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב פאַרגעסן ווען זיין יאָרצייט, אָבער אויך דאָס לעצטע מאָל״.

דער פּרנס האָט אַרויסגענומען זיין טײַסטער און האָט אויסגעצאָלט שמואלן די סומע געלט וואָס איז געווען פאַרשריבן אין צעטל און האָט אים דערביי אויך פאַרזיכערט, אַז ער וועט אים באַזאָרגן מיט אַלע זיינע באַדערפענישן אַזוי לאַנג ווי ער וועט לערנען אין דער ישיבה, און אויך שפעטער. ער האָט שמואלן געבעטן צו זיין זיין פאַרמיטלער צו שטיצן אַנדערע נויט־באַדערפיקע ישיבה בחורים, אָבער בתנאי אַז דאָס זאָל זיין בסוד. און פון דאַן אָן איז דער פּרנס געוואָרן אַן אַנדער מענטש, אַן אמתער בעל־תשובה, און ער האָט געטאָן פיל צדקה און חסד און מעשים־טובים.

דער גביר מיט דער טאָרבע

א.

ס׳איז געווען אַמאָל אַ מעשה מיט אַ רייכן מאַן — מיר וועלן אים אַ נאָמען געבן ראובן — וואָס האָט געלעבט אין אַ קליין שטעטל. געווען איז ראובן אויך אַ איד אַ למדן.

אַ איד אַ עושר און אַ למדן איז געוויינלעך אַ מכובד באַ מענטשן. מ׳האָט פאַר אים דרך־ארץ, מ׳גיט אים אָפּ כבוד, און מ׳האַלט פאַר אַ כבוד צו זיין זיינער אַ ידיד. אָבער ראובן איז געווען ווייט פון צו זיין אַ מכובד אין שטעטל. פאַרקערט, מענטשן האָבן אים פאַראַכטעט אין זייערע הערצער און האָבן אפילו ניט געוואָלט שטיין אין זיינע ד׳ אמות. און פאַרוואָס האָבן זיי געהאַט אַזאַ באַציאונג צו אים? פשוט דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ קמצן. אַרויסצובאַקומען פון אים עפּעס אַ רעכטע מטבע אויף צדקה איז געווען שווערער ווי אַרויסצוציען וואַסער פון אַ שטיין. ער האָט קיינמאָל ניט איינגעלאַדן אַן אורח צום טיש, ניט שבת און ניט יום־טוב. אפילו קבצנים האָבן געוואוסט, אַז צו בעטן באַ אים אַ נדבה איז אַן אַרויסגעוואָרפענע טירחה. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַזוי קאַרג, אַז ער ציילט די גרויפּן אין טאָפּ!

ראובן איז געווען אַן איינזאַמער מענטש. עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט כאַפּן מיט אימיצן אַ שמועס אין לערנען, און ווייזן, אַז ער פאַר־שטייט גאַנץ גוט אַ בלאַט גמרא. אָבער קיינער האָט מיט אים ניט גע־וואָלט האָבן קיין מגע ומשא; מ׳האָט איינפאַך געוויטשעט פון אים.

ויהי היום, מאַכט זיך אַז אין שטעטל איז געקומען אַן אומבאַ־קאַנטער איד. ער איז אַריינגעקומען אין בית־מדרש, האָט אַרויס־גענומען אַ גמרא און האָט זיך געזעצט לערנען. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט פאַרטיפן אין לערנען, ווארום ער האָט שוין דריי טעג ניט גע־נומען קיין ביסן אין מויל. דער הונגער האָט אים געפּייניקט, און זיינע געדאַנקען האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער צייט ווען ער איז געווען אַן

אַנגעזעענער בעל־הבית באַ זיך אין שטעטל. דאָס רעדל פון מזל האָט זיך אָבער איבערגעדרייט און ער איז פאַראָרעמט געוואָרן. ער האָט זיך געשעמט אָנצוקומען צו לייטן, איז ער אַוועק פון שטעטל, אָבער באַ זיך האָט ער באַשלאָסן יהי־מה, ער וועט ניט אויסשטרעקן אַ האַנט צו בעטן אַ נדבה. הכנסת־אורחים איז דאָך אַ גרויסע מצוה, פלעגט ניט לאַנג דויערן ביז אַ איד פלעגט אים איינלאַדן אויף אַ סעודה. אָבער איצט האָט ער דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג, דורך גויעשע דערפער, און ער איז געוועזן פאַרהונגערט און פאַרחלש׳ט. האָט ער געוואַרט ביז דער עולם וועט זיך צוזאַמענקומען צו מנחה־מעריב, און מסתם וועט זיך געפינען אַ איד אַ מכניס־אורח וואָס וועט אים איינלאַדן אויף וועטשערע.

באַלד איז אַריינגעקומען אַ איד און האָט אויך גענומען אַ ספר אין האַנט. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער קוקט אין ספר, אָבער פון דער זייט האָט ער באַטראַכט דעם אומבאַקאַנטן אורח אין שטעטל. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים דערלאַנגט די האַנט. „שלום עליכם, ר׳ איד. איך זע אַז איר זייט דאָ אַ פרעמדער, און אַ איד וואָס איז אַ יודע־ספר. עס וועט מיר פרייען ווען איר וועט אַריינקומען צו מיר נאָכן דאַווענען. מיין נאָמען איז ראובן״.

דער פרעמדער האָט אים באַדאַנקט און האָט גערן אָנגענומען די איינלאַדונג.

באַלד האָט גענומען אַריינקומען אַן עולם צום דאַווענען. צווישן מנחה און מעריב איז צוגעגאַנגען צום אומבאַקאַנטן איינער, דערנאָך אַ צווייטער; זיי האָבן אים געגעבן „שלום״ און איינגעלאַדן אויף וועטשערע. אָבער דער אורח האָט זיי געענטפערט, אַז ער האָט שוין אָנגענומען אַן איינלאַדונג. נאָכן דאַווענען איז זיך דער עולם פאַנאַנדערגעגאַנגען, און די לעצטע אַרויסצוגיין פון בית־מדרש איז געווען ראובן מיט זיין אורח.

אַריינקומענדיק אין הויז, האָט ראובן געגעבן זיין אורח אַ ספר אַריינצוקוקן אין אים ביז ער וועט אָפּעסן וועטשערע. ראובן האָט זיך געזעצט צום טיש עסן, און ביים אורח האָט נעבעך פאַרקלעמט דאָס האַרץ. „מסתם ווייס ניט דער בעל־הבית ווי פאַר׳חלש׳ט איך בין״, האָט ער געטראַכט.

ווען ראובן האָט אָפּגעגעסן, האָט ער פאַרפירט אַ לומדישן שמועס מיט זיין אורח. אַ קלייניקייט! אַזאַ געלעגנהייט צו האָבן מיט אימיצן אויסצורײדן אַ וואָרט. ער האָט געפרעגט קושיות, געגעבן תירוצים, אָפּגעשלאָגן די תירוצים און געפרעגט נייע קושיות. ראובן האָט זיך פשוט מחי׳ געווען. און דער אָרעמאַן האָט געשוויגן, זיך צוגעהערט מיט דרך־ארץ, און אין מאָגן האָט אים גענאָגט דער הונגער. באַ זיך האָט ער געטראַכט: סאַראַ רחמנות אויף אַ אידן וואָס האָט אַ פולן בויך און אַ פוסטע קאָפּ.

ענדלעך האָט ראובן פאַרענדיקט זיין „פּילפּול״. ער האָט באַגלייט דעם אָרעמאַן צו דער טיר, האָט אים געזאָגט „אַ גוטע נאַכט״, און געבעטן אַריינקומען אויף מאָרגן אינדערפרי נאָכן דאַוונען.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, איז דער אָרעמאַן אַוועק צוריק אין בית־מדרש און האָט זיך געלייגט אויף אַ באַנק איבערשלאָפן די נאַכט, כאָטש ער האָט ניט געקענט צומאַכן אַן אויג פון הונגער. ער האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז מאָרגן אינדערפרי וועט אים דער גביר זיכער געבן עפּעס אָפּצוכאַפּן דאָס האַרץ, וואָרום ער וועט דאָך ניט קענען מאַכן דעם זעלבן טעות ווי די פריערדיקע נאַכט. אַ איד עסט דאָך ניט פאַרן דאַוונען, וועט ער זיכער פאַרשטיין, אַז ער איז אַ ניכטערער.

אינדערפרי נאָכן דאַוונען האָט זיך דער אָרעמאַן קוים דערשלעפּט צום גביר׳ס הויז. אָבער ווידער דאָס זעלבע: אַנשטאָט צו געבן אים עפּעס איבערבייסן, האָט אים דער גביר באַקענט מיט זיינע תורה־„חידושים״, און דער אָרעמאַן איז נעבעך אַרויסגעגאַנגען פון זיין הויז, ווי די פריערדיקע נאַכט, מיט ליידיקע הענט און מיט אַ ליידיקן מאָגן.

מיט די לעצטע כוחות איז דער אָרעמאַן געגאַנגען צוריק אין בית־מדרש. אַ שאָדן וואָס ער האָט זיך געלאָזן פאַרפירן פון דעם גביר. ווען ניט דעם קמצן, וואָלט אים דאָך זיכער אימיצער אַנדערש איינגעלאַדן צו זיך און געגעבן עפּעס צו עסן, אַנשטאָט צו קאָרמען אים מיט פוסטע „פּילפּולים״. די גוטע מענטשן פון שטעטל ווייסן אָבער ניט, אַז ער שטאַרבט פון הונגער.

דאָס איז אויך געווען דעם אָרעמאַן׳ס לעצטער געדאַנק, ווען ער האָט מיט וואַקלדיקע שריט דערגרייכט דעם מאַרקפּלאַץ. דאָס ליכט האָט זיך אים אויסגעלאָזן פאַר זיינע אויגן; ער איז אַנידערגעפאַלן און האָט אויסגעהויכט זיין נשמה. מ׳האָט אים מקבר געווען דעם זעלבן טאָג, און ענדלעך איז ער געקומען צו זיין אייביקע רו. האָט ער אָבער געפונען מנוחה?

ב.

יענע נאַכט, ווען ראובן איז זיך רואיק געשלאָפן אין בעט, האָט ער פּלוצלונג דערפילט ווי אַ האַנט וואָלט אים אויפגעוועקט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט דערזען אַ בר־מינן אין ווייסע תכריכים, ווי פון דער טהרה־בעט אויפגעשטאַנען. דאָס פּנים איז אים געווען פאַרשלייערט און פון הינטער דער מצנפת האָט אַרויסגעשיינט אַ ליכט. כאָטש ראובן האָט ניט געזען דעם פּנים פון דעם בר־מינן, האָט ער זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז דער אָרעמאַן וועמען ער האָט צוויי מאָל איינגעלאַדן צו זיך אין שטוב.

אַ טויט־שרעק איז אים באַפאַלן. „וואָס ווילסטו? גיי אַוועק! לאָז מיך צורו!״ האָט ראובן אויסגערופן.

„הלוואי וואָלט איך דיר געקענט לאָזן צורו״, האָט דער בר־מינן געענטפערט. „ליידער אָבער קען איך דיר ניט לאָזן צורו ביז איך קען געפינען מיין רו. די זאַך איז אָבער וואָס ווען איך האָב זיך געשטעלט פאַר דעם בית־דין־של־מעלה האָט מען מיר געזאָגט, אַז מ׳קען מיר ניט דן־זיין ביז עס וועט דערשיינען פאַר דעם בית־דין דער וואָס האָט גורם געווען צו מיין פריצייטיקן טויט. במילא בין איך געקומען דיך רופן צו אַ דין־תורה אין הימל . . .״

אַ קאַלטע שווייס האָט ראובן׳ען באַגאָסן. „איך וויל ניט שטאַרבן . . . איך בין נאָך ניט גרייט צו שטעלן זיך פאַר דעם בית־דין אין הימל . . . גיי אַוועק!״ האָט ראובן זיך געבעטן.

„ס׳איז ניט אָפּהענגיק פון מיר, נאָר פון דיר״, האָט דער בר־מינן געענטפערט.



„איך פאַרשטיי ניט... ווי אַזוי איז דאָס אָפּהענגיק פון מיר?"

„די זאַך איז אַזוי", האָט דער בר־מינן אין די ווייסע תכריכים געענטפערט. „מ'האָט מיר געזאָגט, אַז באמת איז מיין פּערזענלעכער מעמד ומצב אומבאַפלעקט; איך בין שוין אָפּגעקומען גענוג אויף דער וועלט, און די טויערן פון גן־עדן שטייען פאַר מיר אָפן. אָבער דער בעל־דבר האָט געהאַט איין טענה: ער האָט געפונען אַ לייכטן פלעק אויף מיין נשמה וואָס איך דאַרף אַראָפּנעמען. און דאָס איז, האָט ער גע'טענה'ט, וואָס איך האָב גורם געווען אַ אידן אַ שטראָף. וואָרום אַזוי איז דאָ דער געזעץ: ווען אַ איד איז גורם עפּעס אַ מכשול פאַר אַ צווייטן אידן, זאָל זיין אפילו ניט־ווילנדיק און גאַנץ אומגערן, לאָזט עס איבער אַ קליינעם פלעק אויך אויף אים. און אַזוי ווי דורך מיר ביסטו געשטרויכלט געוואָרן, וואָרום עס וואַרט אויף דיר אַ שווערע שטראָף פאַר דעם ווי דו האָסט מיך באַהאַנדלט, האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף דאָס מתקן זיין..."

„אוי, וויי איז מיר!" האָט ראובן געיאָמערט. „איך בין אַ זינדיקער מענטש. האָב רחמנות אויף מיר, לאָז מיך לעבן, איך זאָל קענען תשובה טאָן".

„אָט דאָס מיין איך טאַקע, אַז עס הענגט אָפּ פון דיר. אויב דו וועסט טאַקע תשובה טאָן מיט אַן אמת, און מ'וועט אין הימל אָננעמען דיין תשובה, וועט זיין גוט פאַר דיר און אויך פאַר מיר. דו וועסט נאָך קענען אויסלעבן דיינע יאָרן, און איך וועל קענען אַריינגיין אין גן־עדן. אָבער אויב ניט..."

„איך שווער אַז איך וועל טאָן אַלץ וואָס דו וועסט מיר הייסן..." האָט ראובן צוגעזאָגט מיטן גאַנצן האַרצן.

„גוט. דו וועסט דאַרפן אָנהויבן טאַקע באַלד. מאָרגן באַנאַכט, אַנשטאָט לייגן זיך שלאָפן, וועסטו אַרויסגיין אין וואַלד הינטערן שטעטל. איך וועל וואַרטן אויף דיר און איך וועל דיר דאַן זאָגן וואָס דו האָסט צו טאָן".

דאָס זאָגנדיק איז דער בר־מינן אין די ווייסע תכריכים באַלד נעלם געוואָרן.

ג.

דאָס שטעטל איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש, ווען ראובן איז מיט אַ ציטערנדיקע האַרץ געגאַנגען אין וואַלד צו טרעפן זיך מיט דעם מאַן אין די ווייסע תכריכים. ראובן איז געווען פול מיט חרטה פאַר דעם שרעקלעכן פאַרברעכן וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן דעם אָרעמאַן, ווען ער האָט צוויי מאָל פאַרבעטן צו זיך און ניט געגעבן אַ ביסן אין מויל און האָט דערמיט גורם געווען, אַז דער אָרעמאַן איז אויסגע־גאַנגען פון הונגער אין מיטן גאַס. ראובן האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז ווען ניט ער, וואָלטן זיך געפונען גוטע אידן, וועלכע וואָלטן דעם אָרע־מאַן איינגעלאַדן צו זיך און מחיי־נפשות געווען. איצט האָט ראובן גע־ציטערט פון שרעק, ניט וויסנדיק וואָס עס שטייט אים פאַר.

דער מאַן אין די ווייסע תכריכים האָט שוין געוואַרט אויף אים.

„טו אויס דיינע בגדים און טו אָן די בגדים וואָס איך האָב פאַר דיר געבראַכט", האָט צו אים דער מאַן אין ווייסן געזאָגט, דערלאַנגנדיק אים אַ טאָרבע.

ראובן האָט זיך אָנגעטאָן אין די שמאַטעס, וואָס ער האָט אַרויס־גענומען פון דער טאָרבע, און האָט דאָרט אַריינגעלייגט זיינע אויסגע־טאָנענע בגדים, ווי דער מאַן אין ווייסן האָט אים געהייסן.

„איצט גיי אין בית־מדרש. אויפן וועג וועסטו אַריינגיין אין דער היים צו נעמען טלית און תפילין. וועסט אָנשרייבן אַ צעטעלע, אַז דו גייסט אין אַ לאַנגן וועג. אין בית־מדרש וועט דיך קיינער ניט דער־קענען. דו וועסט זיצן און לערנען און דאַווענען און זאָגן תהילים, טאָג און נאַכט, מיט אַ צעבראָכן האַרץ. עטלעכע שעה אין מעת־לעת וועסטו זיך צולייגן אויף אַ האַרטע באַנק. דו וועסט ניט בעטלען קיין נדבות; און אַז מ׳וועט דיר געבן אַ נדבה זאָלסטו ניט נעמען. דו וועסט הונגערן ביז צום חלש׳ן, און ווען דו וועסט פילן, אַז דו קענסט שוין מער ניט אויס־האַלטן די יסורים פון הונגער, וועסטו גיין צו זיך אַהיים און קלאַפּן אין טיר, ביז מ׳וועט אויף דיר רחמנות האָבן און געבן אַ שטיקל ברויט און אַ טרונק וואַסער. עס איז מעגלעך, אַז מ׳וועט אויף דיר ניט רחמנות האָבן באַ דיר אין שטוב, ווי דו האָסט זיך ביז איצט געפירט, און האָסט איינגע־

פירט אין שטוב ניט לאָזן אַן אָרעמאַן איבערטרעטן דיין שוועל. אָבער בשום אופן טאָרסטו ניט זאָגן וועמ דו ביסט, און טאָרסט אויך ניט גיין איבער אַנדערע הייזער. אויב מ'וועט דיר געבן עפּעס איבערבייסן, וועסטו גיין צוריק אין בית־מדרש און ווידער פאַסטן, ביז דו וועסט דעם הונגער ניט קענען אויסהאַלטן. דאַן וועסטו ווידער גיין קלאַפּן באַ זיך אין טיר. אַזוי וועסטו זיך פירן צוועלף חדשים. אויב דו וועסט ניט אויס־לעבן דעם יאָר, וועט דיין טויט זיין דיין כפּרה. אָבער אויב דו וועסט אויסהאַלטן דעם יאָר, וועסטו קומען אַהער אין וואַלד, אין דעם זעלבן אָרט און אין דער זעלבער צייט. איך וועל אויף דיר וואַרטן און וועל דיר דאַן זאָגן וואָס דו האָסט צו טאָן ווייטער".

דאָס זאָגנדיק, איז דער מאַן אין ווייסן פאַרשוואונדן געוואָרן.

ד.

מיט אַ צעבראָכן האַרץ איז ראובן אַוועק אין בית־מדרש. ער איז גע־ווען פעסט אַנטשלאָסן דורכצופירן אַלץ וואָס דער מאַן אין ווייסן האָט אים אָנגעזאָגט.

באַגינען, מיט די ערשטע שטראַלן פון דער זון, איז דער שמש גע־קומען עפענען דעם בית־מדרש. באַ דער טיר האָט ער דערזען אַן אָפּגע־ריסענעם בעטלער, וואָס איז געזעסן אויף דער ערד און האָט געוואַרט אַריינצוגיין אין בית־מדרש. דער שמש האָט אים אַריינגעלאָזן.

ראובן האָט זיך געזעצט אין אַ ווינקל לעבן דער טיר און האָט גע־נומען אַ תהילים און אָנגעהויבן זאָגן תהילים מיט טרערן אין די אויגן. באַלד האָט זיך דער בית־מדרש געפילט מיט מענטשן. עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז דער פאַרשטעלטער בעטלער האָט געקענט זיין עפּעס ווער אַנדערש ווי אַ דורכגייענדיקער בעטלער. עס האָט זיי נאָר געוואונדערט, וואָס ער האָט זיך אַנטזאָגט אָנצונעמען אַ נדבה, און ווען אימיצער האָט אים געוואָלט פאַרבעטן צו קומען עפּעס עסן, האָט ער אויך געשאָקלט מיטן קאָפּ און דערביי ניט אויסגערעדט אַ וואָרט. „עפּעס אַ צעדרייטער בעטלער", האָבן זיי געטראַכט און האָבן אים מער קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשאָנקען.

אַזוי איז דורך דער ערשטער טאָג און דער צווייטער טאָג. ראובן

האָט געפּאַסט; געזאָגט תהילים; געדאַוונט און געלערנט, און געבעטן דעם אויבערשטן אָנצונעמען זיין תשובה.

אויפן דריטן טאָג האָט ער געפילט אַז די כוחות לאָזן זיך אים אויס. ער האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן די יסורים און איז אַוועק צו זיך אין שטוב און אָנגעקלאַפּט אין טיר.

די דינסט האָט געעפנט די טיר און דערזעענדיק אַ בעטלער, האָט זי אַ ברוגז'ע אויסגערופן: „דער בעל־הבית איז ניטאָ; די משפחה טרויערט; גיי ערגעץ אַנדערשוואו!" און זי האָט צוגעקלאַפּט מיט דער טיר.

ראובן האָט זיך קוים געקענט איינהאַלטן ניט צו זאָגן ווער ער איז, אָבער, געדענקענדיק די ווערטער פון דעם מאַן אין ווייסן, האָט ער פאַרביסן די ליפּן, וויסנדיק, אַז דאָס איז דער איינציקער אָרט, וואו ער מעג איבערכאַפּן דאָס האַרץ, האָט ער ווידער אָנגעקלאַפּט אין טיר. די דינסט האָט געעפנט די טיר און דערזעענדיק דעם זעלבן בעטלער, האָט זי ווידער פאַרקלאַפּט די טיר אין זיין געזיכט. ראובן האָט איצט דערפילט דעם טעם פון הונגער און נויט, און עס האָט אים נאָכמער געפלאָגט דער געוויסן, דערמאָנענדיק זיך זיין פריערדיקע הנהגה. ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט, און האָט ווייטער געקלאַפּט אין טיר. דעם מאָל האָט ער דערהערט די שטימע פון זיין ווייב ווי זי זאָגט צו דער דינסט, אַז זי זאָל דעם בעטלער אַרייננעמען אין קיך און געבן עפּעס עסן.

ראובן האָט זיך אָפּגעפּאַסט מיט ברויט און וואַסער, וואָס די דינסט האָט אים געגעבן, ניט צורירנדיק זיך צו אַנדערע זאַכן. דאַן איז ער צוריק אַוועק אין בית־מדרש און האָט ווידער געפּאַסט דריי טעג. ווען ער האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן, איז ער ווידער געקומען קלאַפּן אין טיר פון זיין הויז, און עס האָט זיך איבערגעחזר'ט די זעלבע סצענע. און אַזוי זיינען דורך שווערע טעג און וואָכן פאַר ראובן'ען. אין שטעטל האָט מען זיך געשושקעט וועגן דעם „צעדרייטן בעטלער", וועמען עס פּאַסט ניט צו עסן ערגעץ אַנדערשוואו, נאָר דוקא אין הויז פון דעם גביר און קמצן. „נאָך גוט וואָס דער קמצן איז ניטאָ אין שטוב", האָבן מענטשן געזאָגט, „אַניט וואָלט דער בעטלער מסתם געשטאָרבן פון הונגער..." ראובן האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און ניט וויסנדיק. ער האָט אַלץ

אויפגענומען מיט אַ תּפֿילה אין האַרצן, אַז די יסורים זאָלן זיין אַ כּפּרה פֿאַר זיינע עבֿירות.

ה.

די טעג און וואָכן און חדשים האָבן זיך געצויגן לאַנגזאַם. פֿיל מאָל האָט ער געזען דעם טויט פֿאַר די אויגן און ער האָט געפֿילט אַז אָט־אָט פֿאַלט ער אַוועק און גייט אויס פֿון הונגער, ווי יענער אָרעמאַן וואָס איז געפֿאַלן אין גאַס. אָבער ער איז געווען אַנטשלאָסן דורכצופֿירן זיין שווערע תּשובֿה ביז צום סוף.

ענדלעך האָט זיך דער יאָר געענדיקט און ער איז אַוועק אין וואַלד, אין מיטן דער נאַכט, צו טרעפֿן זיך מיט דעם מאַן אין די תּכריכים. ער האָט געוואַרט און געוואַרט און דער מאַן אין ווייסן איז ניט געקומען. דאָס איז פֿאַר ראובֿן׳ען געווען דער שווערסטער קלאַפּ, וואָרום ער האָט געטראַכט, אַז מסתּם איז זיין תּשובֿה ניט אָנגענומען געוואָרן, און אַלע זיינע יסורים זיינען געווען אַרויסגעוואָרפֿן. ער האָט זיך ביטער צע־וויינט און איז מיט אַ צעבראָכן האַרץ צוריק אַוועק אין בית־מדרש און האָט זיך געלייגט אויף אַ האַרטע באַנק, וואָס איז געווען זיין בעט דעם גאַנצן יאָר. די טרערן האָבן געשפּאָרט פֿון זיינע אויגן, און ווען ער האָט שוין מער קיין כּוח ניט געהאַט צו וויינען, איז ער איינגעשלאָפֿן. באַלד האָט זיך צו אים באַוויזן אין חלום דער מאַן אין די ווייסע תּכריכים און האָט צו אים געזאָגט: „איך בין געקומען דערמאָנען דיר, אַז איך וועל וואַרטן אויף דיר אין וואַלד מאָרגן באַנאַכט״.

ראובֿן האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ גרויסע פֿרייד האָט אָנגעפֿילט זיין האַרץ. ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געפֿילט אַזוי גליקלעך ווי אין דעם מאָמענט. ער האָט געפֿילט, אַז זיין תּשובֿה איז יאָ אָנגענומען געוואָרן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות אין חשבון און אַז דער יאָר ענדיקט זיך ערשט מאָרגן.

דעם גאַנצן טאָג האָט ער געדאַוונט און געלערנט און געזאָגט תּהילים נאָך מיט מער כּוונה ווי פֿריער, אָבער מיט אַ טיפֿע אינערליכע שׂמחה. ווען ער איז האַלבע נאַכט געקומען אין וואַלד, האָט שוין דער מאַן אין ווייסן געוואַרט אויף אים.

„טו אויס דיינע שמאַטעס און טו זיך אָן אין דיינע אייגענע בגדים", האָט אים דער מאַן אין ווייסן געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים די טאָרבע.

ראובן האָט אַזוי געטאָן.

„דיין תשובה איז אָנגענומען געוואָרן, און איצט קען איך אויך גע־פינען מיין אייביקע רו", האָט דער מאַן אין ווייסן געזאָגט. „דו וועסט מיך שוין מער אויף דער וועלט ניט זען. קער זיך אום אַהיים צו דיין ווייב און קינדער און הויב אָן אַ נייעם לעבן. דער אויבערשטער זאָל דיר מצליח זיין!"

ראובן איז געבליבן אַליין. לעבן אים איז געלעגן די טאָרבע מיט די שמאַטעס וואָס ער האָט אויסגעטאָן. ער האָט אויפגעהויבן די טאָרבע און האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים.

גרויס איז געווען די פרייד אין ראובן'ס משפחה, ווען ער איז גע־קומען אַהיים אַזוי פּלוצלונג ווי ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן מיט אַ יאָר פריער. ער איז געווען שטאַרק פאַרעלטערט און פאַרצערט.

„וואו ביסטו געווען? וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט?" האָבן די קינ־דער און ווייב געפרעגט.

„מאָרגן וועלן מיר מאַכן אַ סעודה און איך וועל אַלץ דערציילן", האָט ער געענטפערט.

ו.

די נייעס וועגן ראובן'ס צוריקקומען אַהיים האָט זיך שנעל פאַר־שפּרייט אין שטעטל. געוויינלעך וואָלט מען זיך ווייניק געקימערט וועגן דעם קמצן, און קיינער וואָלט זיך ניט געפרייט מיט זיין צוריקקומען, פונקט ווי מ'האָט ניט באַדויערט זיין נעלם ווערן. דער חידוש איז אָבער געווען אין דעם וואָס ער האָט געלאָזט וויסן, אַז ער פראַוועט אַ סעודה און אַז עס וועט זיין אָן אָפענע הויז פאַר אַלעמען צו באַטייליקן זיך אין דער שמחה! איז דאָס שטעטל געגאַנגען אויף רעדלעך, און מ'איז גע־ווען נייגעריק צו וויסן, וואָס פאַראַ סעודה דער קמצן וועט פראַוועון. אין מיטן דעם טומל האָט קיינער ניט באַמערקט, אַז דער „צעדרייטער בעט־לער" איז פּלוצלונג נעלם געוואָרן!

ראובן׳ס הויז האָט זיך שנעל אָנגעפילט מיט מענטשן און אַזאַ סעודה, כּיד המלך, האָט זיך קיינער ניט פאַרגעשטעלט. ראובן האָט אַלעמען פריינטלעך אויפגענומען און געבעטן עסן און טרינקען און זיך משמח זיין. און דער עולם האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. מ׳האָט זיך געזעצט באַ די פיין־באַדעקטע טישן און מ׳האָט געמאַכט אַ „לחיים״. אָבער וואו איז דער בעל־הבית?

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן דער „צעדרייטער בעטלער״. דער עולם האָט פאַרגעסן וועגן בעל־הבית און האָט זיך גענומען פריילעך מאַכן אויפן חשבון פון דעם צעדרייטן בעטלער. דער בעטלער האָט גע־שמייכלט און האָט גוטמוטיק אויפגענומען די קרומע „גלייכווערטלעך״, און דערביי זיך געשאַרט אַלץ העכער צום „אויבן־אָן״. דאָן האָט ער אויפגעהויבן די הענט, ווי איינצושטילן דעם עולם, און האָט אויסגע־רופן: „רבותי! הערט מיר צו!״

עס איז געוואָרן שטיל. אַלע זיינען געווען טשעקאַווע צו הערן, וואָס דער צעדרייטער בעטלער וועט דאָ זאָגן.

„רבותי! קוקט מיך אָן. איך בין ראובן!״ האָט ער אויסגערופן.

דער עולם האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. „ער איז דאָך ניט נאָר צעדרייט, נאָר פשוט משוגע!״ האָט אימיצער געזאָגט.

ווען דער געלעכטער האָט זיך איינגעשטילט, האָט זיך ווידער דער־הערט די שטימע פון דעם צעדרייטן בעטלער. „ס׳איז ניט קיין גע־לעכטער, רבותי, איך בין באמת ראובן. איצט זייט מיר מוחל ביז איך וועל גיין זיך איבערטאָן, און דאַן וועל איך אייך דערציילן די גאַנצע געשיכטע...״

אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ראובן אַריינגעקומען צוריק אין דער סאַליע, טראָגנדיק מיט זיך אַ טאָרבע. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט זינט יענעם טאָג, מיט אַ יאָר פריער, און ער האָט דערציילט די גאַנצע געשיכטע, מיט אַלע פּרטים, ווי עס איז שוין באַקאַנט.

אויפהויבנדיק די טאָרבע פאַר אַלעמען צו זען, האָט ער פאַר־ענדיקט:

„אָט די טאָרבע מיט די שמאַטעס איז איצט מיין גרויסער אוצר. זי וועט מיר שטענדיק דערמאָנען צו פירן זיך עניוות׳דיק און צו האָבן מיט־געפיל מיט אָרעמעלייט און נויטבאַדערפיקע. די טאָרבע וועט מיר אויך דערמאָנען וועגן דעם אויבערשטנ׳ס גרויסן חסד צו מיר, וואָס ער האָט אָנגענומען מיין תשובה און האָט מיר געגעבן אַ ניי לעבן. איך בין טאַקע ראובן, אָבער ניט דער זעלבער ראובן וואָס איר האָט אַמאָל געקענט. איך בין ערשט היינט געבאָרן געוואָרן און דאָס איז די סיבה פון דער דאָזי־קער סעודה און שמחה. טאָ לאָמיר אַלע טרינקען „לחיים״. אַ נייער איד איז געבאָרן געוואָרן. לחיים, ברידער!״

די סעודה האָט זיך פאַרענדיקט מיט גרויס שמחה, און דערמיט פאַרענדיקט זיך אויך אונזער מעשה.

פאַרבלאָנדזשעטע נשמות

געווען אַמאָל אין אַ קליין שטעטל אַ איד, אַ גרויסער גביר, און דערצו אַ גרויסער תלמיד חכם און אַ פרומער. ער איז געווען אַ לייוונט־סוחר, פלעגט אָפט פאָרן אין לייפּציג איינקויפן פאַרשידענע סחורה און דאָס ברענגען אין שטעטל צו פאַרקויפן.

אין יענער צייט האָט מען פון קיין באַנען (טריינס) נאָך ניט גע־וואוסט און אַזוי ווי אַלע, פלעגט אויך דער גביר — מ'האָט אים גערופן ר' נתנאל דער גביר — פאָרן מיט אַ פערד־און־וואָגן די אַלע הונדער־טער מיילן פון היין און צוריק קיין לייפּציג האַנדלען.

צוליב דעם וואָס ער פלעגט זייער אָפט פאָרן, האָט ר' נתנאל שוין געהאַט זיין שטענדיקן בעל־עגלה — פיישע דער בעל־עגלה איז געווען זיין נאָמען — מיט וועמען ער איז געפאָרן פאַר לאַנגע יאָרן, יאָר־איין און יאָר־אויס. פיישע איז ניט געווען קיין גביר. פון זיין אַ בעל עגלה האָט מען קיין גביר ניט געקענט ווערן. קיין למדן איז פיישע אויך ניט געווען און אויף זיין שטייגער, געזוכט צו טאָן מצוות און מעשים טובים. ער איז געווען אַ בעל־מידות און ליב געהאַט צו טאָן אַ אידן אַ טובה מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט.

ר' נתנאל דער גביר איז געווען שטאַרק אָפּגעהיט אין דאַוונען תפילה בציבור אויך דאָן, ווען ער איז געווען אַ רייזנדער און אַ לאַנגע צייט זיך געפונען אונטערוועגנס. ער פלעגט שטענדיק אויסרעכענען צו זיין אין די צייטן פון דאַוונען צווישן אידן, אין אַ שטעטל אָדער אויף אַ דאָרף, ער זאָל קענען האָבן אַ מנין אידן צום דאַוונען. ביינאַכט פלעגט ער אינגאַנצן ניט פאָרן, נאָר איבערנעכטיקן אין די אידישע קרעטשמעס וואָס זיינען געווען אויף די וועגן. ביינאַכט איז געווען די צייט, ווען ר' נתנאל דער גביר פלעגט לערנען זיינע פאַרשידענע שעורים. ניט אַלע שעורים האָט ער געקענט לערנען אויפן וואָגן פאָרנדיק. ר' נתנאל האָט אויסגעפאָלגט דעם אָנזאָג פון דעם פסוק „אל תהי אץ להעשיר" (דו

זאָלסט ניט זיין איילִיק צו ווערן רייך), ער האָט זיך גאָרניט געאיילט און פונדעסטוועגן געווען זייער רייך.

פאָרן אונטערוועגנס אויף אַ פערד־און־וואָגן אויף אַ לאַנגע רייזע און דערצו דאַוונען מיט אַ מנין אין דער פרי און אין אָוונט, האָט די רייזע געדויערט לאַנגע וואָכן.

איינמאָל, אַ פרייטיק, זיינען זיי אָנגעקומען אין אַ שטעטל. ס'איז נאָך געווען פאַר האַלבן טאָג, אָבער ר' נתנאל דער גביר האָט באַשלאָסן צו שבת'ן אין דעם שטעטל און זיי זיינען שוין דאָרט פאַרבליבן. זיי זיינען פאַרפאָרן אין אַ אידישער אכסניא און זיך גענומען גרייטן צו שבת. ר' נתנאל איז אַוועק אין באָד זיך טובל זיין לכבוד שבת. פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך איבערגעטאָן אין די שבת'דיקע מלבושים, ווי עס פאַסט פאַר אַזאַ גביר ווי ער.

גייענדיק אין גאַס האָט ר' נתנאל געטראַכט, אַז ער איז אין דעם אָרט, איז זיכער דאַרף ער דאָ עפּעס אויפטאָן. יעדער איד האָט דאָך אַ הימלישע שליחות, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן אויס־צופירן, און וואו אַ איד איז, איז ער דאָרטן צו טאָן אַ גוטע זאַך.

ר' נתנאל דער גביר איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש. אויסער עטלעכע קבצנים און דורכפאָרער, וועלכע זיינען געקומען פריער אין בית־המדרש אין דער האָפנונג, אַז אַ גביר וועט זיי פאַרבעטן אויף שבת, איז נאָך קיינער ניט געווען. ר' נתנאל איז צוגעגאַנגען צום ספרים־שראַנק, אַרויסגענומען אַ גמרא און גענומען אַריינקוקן אין איר. אין אַ ווײַלע אַרום איז אַריינגעקומען אַ איד און האָט דערציילט, אַז אויפן וועג, לעבן שטעטל, איז באַ אַ אידן צעבראָכן געוואָרן אַן אַקס פון וואָגן און ער איז געבליבן שטעקן אין בלאָטע. דערהערט די מעשה, האָט ר' נתנאל אַ טראַכט געטאָן, אַז די געלעגנהייט צו העלפן אַ אידן אין אַזאַ פאַל האָט זיך אים נאָך קיינמאָל ניט געמאַכט, און ער האָט באַשלאָסן נישט דורכצולאָזן די מצוה. האָט ער פאַרמאַכט די גמרא און זיך גע־לאָזט גיין מיט שנעלע טריט צו דעם אָרט וואו דער פערד און וואָגן זיינען פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע.

ס'איז געווען אַ רעגן־צייט און די וועגן זיינען געווען מיט טיפע גע־

דיכטע בלאָטעס און דער וואָגן מיטן צעבראָכענעם ראָד מיטן פערד זיינען געווען זייער טיף אין דער בלאָטע. די אַרבעט פון אַרויסשלעפּן דעם וואָגן איז געגאַנגען זייער שווער. ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס אַרויסשלעפּן דעם פערד. ער האָט געבריקעט און געקאָפּעט מיט די פיס און ר׳ נתנאל איז צעקלאַפּט און פאַרוואונדעט געוואָרן ביז בלוט. דאָס פערד האָט, ווייזט אויס, ניט געגליכן די „באַדינונג״.

באַלד זיינען אָנגעקומען עטלעכע אידישע בעלי־עגלות, און ווי די אמת׳ע קענערס אין דעם פאַל, האָבן זיי גאַנץ שנעל אַרויסגעשלעפּט דעם פערד־און־וואָגן פון דער בלאָטע.

ר׳ נתנאל איז אַוועק אין בית־המדרש אַ צעשלאָגענער און אַ הינקענדיקער אין אַ צעריסענער אויסגעשמירטער קאַפּאָטע.

פיישע דער בעל־עגלה איז אויך אַוועק אין מרחץ זיך צוגרייטן אויף שבת. ער האָט זיך איבערגעטאָן זיינע שבת׳דיקע מלבושים און האָט זיך געלאָזט גיין אין בית־המדרש. קיין עושר איז ער ניט געווען, אָבער אַ באַזונדער היטל און אַ אַנדער רעקל אויף שבת האָט ער אויך פאַרמאָגט, אַזוי ווי אַלע אידן.

גייענדיק אין גאַס, האָט ער דערהערט די זעלבע מעשה, וועגן דעם אידן וואָס איז געבליבן שטעקן אין בלאָטע דורכדעם וואָס אַ ראָד פון וואָגן האָט זיך באַ אים צעבראָכן. וואָלט זיך די מעשה געמאַכט בעפאַר ער איז געגאַנגען אין מרחץ, וואָלט פיישע בעל־עגלה ניט פיל גע־טראַכט, און אויך געלאָפן העלפן אַרויסשלעפּן פערד און וואָגן פון דער בלאָטע. אָבער איצט, אַז ער איז געווען ריין און אויסגעוואַשן און איבערגעטאָן אין זיינע שבת׳דיקע מלבושים, האָט זיך פיישע גע־קווינקלט און ענדלעך אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳וועט זיך שוין מסתמא מאַכן אימיצער אַרויסצוהעלפן יענעם אידן, און אַליין איז ער געגאַנגען ווייטער אין בית־המדרש אַריין.

ס׳איז נאָך געווען עטלעכע שעה צו ליכט־בענטשן און די שטעטל־שע אידן זיינען נאָך געווען פאַרנומען מיט די הכנות אויף שבת־קודש, איז אין בית המדרש נאָך געווען ליידיק. פיישע האָט גענומען אַ תהלים און געזאָגט עטלעכע קאַפּיטלעך תהלים. פיישע׳ן איז איינגעפאַלן אַז ניט

אַנדערש, נאָר אַז היינט, איז ער דער ערשטער אין בית־המדרש, נאָך פריער פאַר די גבירים, וואָס זוכן דעם גרויסן זכות פון דער מצוה פון הכנסת־אורחים, האָט מען פון הימל אים געשאָנקען די טייערע מתנה, אַז ער קען טאָן די מצוה. אין דער היים, ביי אים אין שטעטל, נעמען די גבירים צו די מצוה, און אים, אַ בעל־עגלה און אָרימאַן, דערלאָזט מען ניט אַז ער זאָל קענען אַמאָל אַ היים נעמען אַ אידן אויף שבת. ס'זיינען שטענדיק דאָ גרעסערע יחסנים און אַלע רייסן זיך נאָך דער מצוה. האָט ער טאַקע גלייך באַשטעלט אַן אָרימאַן צו זיך אויף שבת. דערנאָך האָט ער זיך מיישב געווען, פאַרוואָס נישט באַשטעלן אויך אַ צווייטן אָרימאַן און אַ... צענטן צו זיך אויף שבת? ווען ס'זיינען אָנגעקומען די שטעטלשע אידן, די גבירים וואָס האָבן שוין אַ חזקה פון פיל יאָרן אויף דער מצוה פון געבן שבת עסן צו די פאַרבייגייענדיקע אָרימעלייט, זיינען שוין אַלע אורחים געווען פאַרבעטן באַ פיישע'ן און אַלע אָרימעלייט האָבן אָנגעוויזן אויף פיישע'ן אַז זיי זיינען שוין פאַרבעטן פון דעם „גביר". האָבן די גבירים, די גרויסע מכניסי־אורחים פון שטעטל, געהויבן מיט די אַקסלען און נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זאָל איינער וואָס איז אַליין אַ פאַרביי־פאָרער, און נע־ונד אין דער פרעמד, גאָר נעמען גאַנצע צען אידן אויף שבת...

אויף דער אכסניא, איז ר' נתנאל דער גביר געזעסן אין זיין צימער איינער אַליין אַ צעווייטיקטער מיט אַ פאַרבונדן אויג און געזיפצט און געקרעכצט פון יסורים. ער האָט נעבעך געהאַט אַ פאַרשטערטן שבת.

פיישע איז געזעסן אַרומגערינגלט פון אַ מנין אורחים. מען האָט זיך ווי ניט איז איינגעטיילט מיט וויין אויף קדוש, לחם־משנה און די איבע־ריקע מאכלים. די אָרימעלייט, וועלכע האָבן אויסגעקוקט אַ גאַנצע וואָך אויף גוטע שבת'דיקע מאכלים, זיינען געווען אַביסל אַנטוישט, אָבער הונגעריק איז מען חלילה ניט געבליבן.

נאָך שבת האָט פיישע בעל־עגלה באַצאָלט אין דער אכסניא, פאַר דעם עסן פון די צען אָרימעלייט, פאַר דריי שבת'דיקע סעודות, וואָס האָט באַטראָפן מער וויפל ער האָט אינגאַנצן פאַרמאָגט. ר' נתנאל האָט אים אויסגעבאָרגט דאָס געלט און ער האָט באַצאָלט.

נאָך זייער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז זיי זיינען געקומען אויפן

עולם האמת פאַרן בית־דין של מעלה, און מען האָט באַטראַכט זייער אויפפירונג און זייערע מעשים, האָט דער בית־דין של מעלה גע־פסקענט אַז די צוויי, ר׳ נתנאל דער גביר און פיישע זיין שטענדיקער בעל־עגלה, זיינען פאַרבלאָנדזשעטע נשמות. פיישע איז אַ בעל־עגלה און זיין אַרבעט איז צו העלפן אַ אידן אין זיין פאַך, וואו זיין הילף איז אויפן נויטיקן פלאַץ אין אויפן ריכטיקן אָרט. ר׳ נתנאל איז געווען אַ גביר דאַרף ער זוכן צו טאָן אַ אידן אַ טובה מיט זיין פאַרמעגן, מיט זיין געלט. הכנסת־אורחים דאָס געהערט צו אים. אָבער אַז יעדער איינער פון זיי האָט געטאָן די אַרבעט וואָס געהערט גאָר צו אַן אַנדערן, דער בעל־עגלה — דעם גביר׳ס אַרבעט, און דער גביר — דעם בעל־עגלה׳ס אַרבעט, דאַן האָבן ביידע נשמות פאַרבלאָנדזשעט, און ס׳איז קיינעם קיין טובה ניט געווען.

כדי דאָס צו פאַריכטן, האָט דער בית־דין של מעלה גע׳פסק׳עט, אַז ביידע נשמות: די נשמה פון ר׳ נתנאל דעם גביר און די נשמה פון פיישע דעם בעל־עגלה, זאָלן נאָך אַמאָל אַראָפּקומען אויף דער וועלט און יעדער פון זיי זאָל זיין אין דער זעלבער לאַגע: פיישע זאָל ווייטער זיין אַ בעל־עגלה און אַן אָרימאַן און ר׳ נתנאל אַ גביר און ביידע זאָלן פאַ־ריכטן דאָס וואָס זיי האָבן פאַרפעלט ביים ערשטן מאָל פון זייער שליחות אויף דער וועלט.

די זילבערנע מטבע

א.

ר׳ ירוחם איז געווען אַ איד וואָס איז געזעסן על התורה ועל העבודה. טאָג און נאַכט האָט ער געלערנט און געדאַוונט. ווי עס האָט זיך געפירט אין ענלעכע פאַלן אין אַמאָליקע צייטן אין שטעטל, איז דאָס ווייב געווען די ברויט־געבערין. לאה, ר׳ ירוחם׳ס ווייב, פלעגט אַרויס־גיין גאַנץ פרי אין מאַרק און איינהאַנדלען עפּעס פון די פויערים, וועלכע פלעגן ברענגען זייערע פּראָדוקטן אין שטעטל אַריין. דאָס האָט געקענט זיין אַ פּאָר דוצנד אייער, אָדער אַ לעבעדיק הינדל, אָדער אַ זעקל געגנדזענע פּעדערן, אָדער אַ קערבל שוועמלעך, אד״ג. דערנאָך פלעגט זי דאָס פאַרקויפן צו באַלעבאָסטעס און פאַרדינען דערביי עטלעכע פּרוטות פאַר איר טרחה. פאַרשטייט זיך, אַז קיין גרויסע גליקן האָט זי דערביי ניט געקענט מאַכן. די פּרנסה האָט קוים געסטאַיעט אויף ניט אַריינצולאָזן דעם הונגער־וואָלף אין שטוב.

די שווערסטע צייט פאַר ר׳ ירוחם׳ס אָרעמער משפחה׳לע איז געווען ווינטער. ביז דער וועג האָט זיך איינגעשטעלט און די פויערים האָבן געקענט קומען אויף זייערע שליטנס, פלעגן קומען גאָר ווייניק פויערים אין שטעטל, און אין מיטן ווינטער פלעגט זיך ניט זעלטן מאַכן אַ שניי־זאַווערוכע, וואָס האָט פאַרשאָטן די וועגן מיט שניי און דאָס שטעטל איז געווען אָפּגעשניטן פון דעם גאַנצן אַרום במשך פון גאַנ־צענע טעג. אין אַזאַ צייט איז לאה געבליבן אָן פּרנסה און בלית־ברירה האָט זי געדאַרפט „באַרגן״ פון איר אָפּגעשפּאָרטן קליינעם „קאַפּיטאַל״, ניט צו לאָזן הונגערן איר מאַן און קינדערלעך.

יענער ווינטער איז געווען נאָך שווערער ווי אַלעמאָל. זאַווערוכעס האָבן געבושעוועט וואָכן לאַנג; דער מאַרקפּלאַץ איז געשטאַנען פאַר־לאָזן. לאה׳ס ביסל קאַפּיטאַל, וואָס איז בא איר געווען כמעט אַזוי הייליק ווי צדקה, וואָרום די גאַנצע חיונה איז געווען אָפּהענגיק דערפון, איז

צוביסלעך אויסגערונען. ווען עס האָט שוין געהאַלטן ממש באַ די לעצטע פּרוטות, האָט לאה זיך אָנגעטאָן אַ כוח און האָט זיך אַריינ־געמישט אין מיטן מאַנ'ס לערנען. „ירוחם, וואָס וועט זיין?" האָט זי גע־נומען אויסגיסן איר ביטער האַרץ. „ס'איז שוין כמעט ניט געבליבן אַ פּרוטה. ניטאָ מיט וואָס צו קויפן אַ שטיקל טרוקן ברויט פאַר די קינ־דער! וואָס טוט מען, ירוחם?"

ר' ירוחם האָט אויפגעהויבן די אויגן פון דער גמרא און האָט רואיק געענטפערט: „זאָרג ניט, לאה; דער אויבערשטער האָט אונז ביז היינט ניט פאַרלאָזן, און וועט אונז אויך ווייטער ניט פאַרלאָזן. האָסטו שוין חלילה פאַרלאָרן דיין בטחון?"

„בטחון אויפן ניכטערן האַרצן שטילט ניט דעם הונגער", האָט לאה ביטער געענטפערט. „וואָס זאָל איך געבן די קינדערלעך אין מויל אַריין?"

„פאַרלאָז זיך אויפן אויבערשטן", האָט ר' ירוחם ווידער געענט־פערט און האָט זיך אומגעקערט צום לערנען.

שפּעטער, אין אָוונט, נאָכדעם ווי זי האָט געלייגט די האַלב־הונגע־ריקע קינדער שלאָפן, האָט לאה ווידער אויפגעהויבן די פראַגע פון „מה נאכל?" און האָט זיך ניט באַרואיקט מיט איר מאַנ'ס ענטפער.

„איך בין ניט מער ווי אַ נאַרישע אידענע, און אויב איך זינדיק מיט מיינע רייד, זאָל מיר דער אויבערשטער מוחל זיין. אָבער אַ מאַמע קען דאָך ניט צוקוקן ווי אירע קינדערלעך הונגערן. וואָס וועט זיין מאָרגן? וואָס וועל איך געבן די קינדערלעך עסן אינדערפרי?"

ר' ירוחם האָט איר געדולדיק געלאָזט אַראָפּריידן זיך פון האַרצן און האָט זיך איינגעבעטן ביי איר צו האָבן בטחון אין דעם אויבערשטן.

ב.

ר' ירוחם איז אַרויס אין דרויסן. אַ פולע לבנה האָט ליכטיק גע־שיינט. ווען ער איז, אַ קורצע ווילע שפּעטער געגאַנגען צוריק, האָט עפּעס אַ בליץ געטאָן פאַר זיינע אויגן פון אַ קופּע מיסט לעבן שטוב. ער האָט זיך איינגעבויגן און האָט אויפגעהויבן אַ מטבע. אַריינגייענדיק אין

שטוב, האָט ער געוואַשן די הענט צו „אשר יצר“ און האָט פּאַראיינס אויך אָפּגעוואַשן די מטבע. ס'איז געווען אַ זילבערנע מטבע!

„געלויבט דער אויבערשטער! איצט וועט לאה מיך לאָזן צורו אַ גאַנצע וואָך“, האָט ר' ירוחם געטראַכט אַ צופרידענער. אָבער באַלד איז אים אַריינגעפאַלן אַן אַנדער געדאַנק. „אויב דער אויבערשטער וויל אונז צושיקן פּרנסה, איז וואָס עפּעס אויף אַזאַ אומריינעם אופן? קיין אַנדער וועג איז שוין ניטאָ צו שפּייזן ירוחם'ען און זיין משפּחה, ווי צוואוואַרפן אים אַ מטבע אין מיסט? ניין, אויף אַזאַ אופן בין איך מוחל די מתנה. איך וועל, בלי־נדר, די מטבע ניט נוצן, און וועל עס אַריינוואַרפן אין דער צדקה־פּושקע אין בית־מדרש, ווען קיינער וועט ניט זען, און קיינער וועט ניט וויסן פון וואַנעט די מטבע קומט...“

מיט דעם באַשלוס האָט זיך ר' ירוחם אומגעקערט צו זיין גמרא. ער האָט די מטבע אַוועקגעלייגט אויפן טיש פאַר די אויגן, כדי ניט צו פאַר־געסן מיטצונעמען זי מיט זיך אין בית־מדרש.

אַ ווײַלע שפּעטער איז לאה אַריינגעקומען אין צימער און דער־זעענדיק די זילבערנע מטבע, איז זי אַרויס פון די כלים. זי האָט אויסגע־שריען פון פרייד, געפּאַטשט מיט די הענט, טרערן פון שמחה האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן.

ר' ירוחם, וועלכער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן וועגן דער מטבע, האָט צוערשט ניט באַנומען לאה'ס שמחה. אָבער ווען ער האָט באַ־מערקט, אַז איר בליק איז אַנגעשפּיצט אויף דער מטבע, האָט ער אויף גיך אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דער מטבע און האָט געזאָגט: „ס'איז ניט אונזערע!“

„וואָס הייסט, 'ניט אונזערע'?!“

„איך האָב דאָס מפריש געווען אויף צדקה...“

„אויף צדקה?“ האָט לאה ניט געקענט גלויבן אירע אויערן. „דאָס מיינט דאָך, אַז דאָס איז געווען דיינע, און דו ווילסט דאָס אַוועקגעבן אויף צדקה? די קינדער הונגערן, און דו ביסט אַזאַ בעל־צדקה?“ לאה האָט אים אָנגעקוקט ווי ער וואָלט געווען עפּעס ניט מיט אַלעמען, און האָט זיך צעוויינט.

ר׳ ירוחם האָט איר גענומען אויפקלערן דעם ענין. ער האָט איר דערציילט וואו ער האָט די מטבע געפונען. „שטעל זיך פאָר, ווען איך גיב דיר אַ מתנה, ניט אין האַנט אַריין, נאָר גיב עס דיר אַ וואָרף אויף די מיסט — ,נאַ, גיי נעם!׳ וואָלסטו אָנגענומען אַזאַ מתנה? דער אויבער־שטער קען אונז געבן פרנסה בדרך כבוד, און אַז ניט וויל איך ניט. מיט וואָס איז דאָס בעסער ווי גיין איבער הייזער? פאָלג מיר, לאה, פאַרלאָז זיך אויף דעם אויבערשטן. דו זעעסט דאָך, אַז ער האָט אויף אונז ניט פאַרגעסן. עס איז אַ נסיון; מיר דאַרפן זיך שטאַרקן אוןביישטיין דעם נסיון. דער אויבערשטער פּרוּווט אונז, ווי שטאַרק אונזער בטחון איז . . .״

לאה איז אַרויס פון צימער שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. זי האָט גע־וואוסט, אַז איר מאַן איז אַ תלמיד־חכם און צדיק, איז וואָס פאַר אַ ווערט האָט איר מיינונג אין פאַרגלייך צו אים? אָבער אויפן האַרצן איז איר גע־ווען שווער. זי האָט אין שטוב קיין ברעקל ברויט ניט געהאַט, קיין טראָפּן מילך, אַפילו ניט עטלעכע שיטערע גרויפּן.

ר׳ ירוחם האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין לערנען ביז טיף אין דער נאַכט אַריין.

ג.

יענע נאַכט זיינען צוויי סוחרים דורכגעפאָרן דורכן שטעטל. זיי זיינען שוין געפאָרן לאַנגע שעה׳ן, דורך ווינט און שניי. זיי זיינען גע־ווען מיד און הונגעריק. אויך די פערד, להבדיל, זיינען געווען מיד און הונגעריק. אָבער וואו געפינט מען דאָ אַ קרעטשמע, אָדער אַ דאַך איבערן קאָפּ? דאָס שטעטל שלאָפט און איז איינגעהילט אין פינצ־טערניש, אַ פונק ניט צו זען.

פלוצלונג האָבן זיי דערזען אַ שוואַכן שיין פון אַ צאַנקענדיקער ליכט. זיי האָבן זיך דערפרייט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַ דער טיר און האָבן אָנגעקלאַפּט.

ר׳ ירוחם האָט געעפנט די טיר און האָט זיי אַריינגעבעטן אין שטוב. באַמערקנדיק די טייערע פוטערן אין וועלכע די אומבאַקאַנטע אורחים

זיינען געווען איינגעהילט, האָט ר׳ ירוחם פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען חשוב׳ע מענטשן. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער קען זיי ניט אויפ־נעמען ווי עס באַדאַרף צו זיין, און אויסער אַ דאַך איבערן קאָפּ איז אין שטוב גאָרנישט נישטאָ. נאָר הייסע וואַסער וועט דאָס ווייב זיכער קענען אויפקאָכן.

די סוחרים האָבן זיך אָבער דערפרייט צו האָבן אויך די בידנע אַכסני׳. זיי האָבן פאַרזיכערט זייער מכניס־אורח, אַז באמת פעלט זיי קיין זאַך ניט, אויסער אַ דאַך איבערן קאָפּ, איבערצונעכטיקן די נאַכט. זיי האָבן מיט זיך שפּייז כיד המלך, אַפילו טיי און צוקער און לימענעס.

אינצווישן איז לאה שוין געווען אין קיך און האָט געמאַכט אַ פייער אין פּריפּעטשיק און צוגעשטעלט וואַסער. די סוחרים האָבן אַריינ־געבראַכט אַ קעסטל מיט שפּייז און האָבן גענומען אויסלאָדן די פּאַר־שידענע מאכלים אויף דעם טיש, וואָס לאה האָט געהאַט צוגעדעקט מיט דעם שבת׳דיקן טישטוך: ברויט און זעמעלעך, האַרטע קעז, הערינג, ציבעלע און קנאָבל, געזייערטע אוגערקעס, און שאר ירקות. זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש און זיינען דורכאויס באַשטאַנען אויף דעם, אַז דער בעל־הבית און די בעל־הבית׳טע זאָלן זיך אויך זעצן צום טיש און מיט־האַלטן מיט זיי.

אַ היבשע צייט איז מען געזעסן באַ דער סעודה, און ר׳ ירוחם און זיינע געסט האָבן געפירט אַ לעבהאַפטן שמועס. די סוחרים, וועלכע זיינען געווען אויך גאַנץ פיינע לומדים, האָבן באַוואונדערט ר׳ ירוחם׳ס גרויסע לומדות. ער האָט זיי אויפגעקלערט געוויסע ענינים אין דיני ממונות וואָס זיי האָבן אים געפרעגט, און זיי זיינען פשוט אַנטציקט גע־וואָרן פון זיינע שכל׳דיקע ענטפערס. נאָך עטלעכע גלעזלעך משקה, ווען די סוחרים האָבן זיך דערוואָרעמט און געפילט זייער גוט, האָט איינער פון זיי זיך אָפּגערופן צום צווייטן: „ווייסטו, ר׳ יעקל, וואָס עס איז מיר איינגעפאַלן? צו וואָס זאָלן מיר זיך שלעפּן אין דעם וועטער אַזש ביז לעמבערג, צו האַלטן אונזער דין־תורה ביים לעמבערגער רב דווקא? באַ מיר וואָלסטו גע׳פועל׳ט, אַז מיר זאָלן האָבן אונזער דין־תורה טאַקע דאָ, באַ אונזער חשוב׳ן מכניס־אורח, ר׳ ירוחם. וואָס זאָגסטו אויף דעם?״

„איך בין אַוודאי מסכים, ר׳ יאָסל״, האָט ער געענטפערט אַ צופרידענער.

דאַן האָט ר׳ יאָסל זיך געווענדעט צו ר׳ ירוחם׳ען און האָט אים דערציילט, אַז ער און זיין חבר זיינען שותפים אין אַ געשעפט, וואָס האָט זיי אַריינגעבראַכט אַ היבשן ריווח. עס האָט זיך אָבער געשאַפן אַ מיינונגס־פאַרשיידנקייט צווישן זיי, ווי אַזוי זיך צו צעטיילן מיטן ריווח. זיי זיינען אָבער גוטע פריינט, און ניט ער און ניט זיין חבר ווילן חלילה פאַרנעמען עפּעס פון צווייטן. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן צו האָבן אַ דין־תורה, און אַזוי ווי דער ענין איז אַ פאַרוויקלטער, האָבן זיי גערעכנט צו פאָרן אין לעמבערג, ווייל דער לעמבערגער רב האָט אַ שם אַלס אַ גרויסער און קלוגער רב. אָבער איצט האָבן זיי איינגעזען, אַז זיי דאַרפן גאָרניט פאָרן אַהין, און זיינען גרייט צו האָבן זייער דין־תורה טאַקע באַ אים, ר׳ ירוחם׳ען, און האָפן, אַז ער וועט זיי ניט אָנטזאָגן. פאַרשטייט זיך, האָט ר׳ יאָסל צוגעגעבן, אַז זיי ווילן דאָ ניט איינשפּאָרן געלט, און וועלן באַצאָלן ר׳ ירוחם׳ען פאַר שכר־בטלה די זעלבע געלט, צען פּראָצענט פון דער סומע פון דער לאָדעניש, וואָס זיי זיינען געווען גרייט צו געבן דעם לעמבערגער רב, אָדער אַן אַנדער רב.

לכתחילה האָט ר׳ ירוחם ניט געוואָלט אָננעמען די אחריות פון דער דין־תורה. ער האָט די סוחרים געזאָגט, אַז ער האָט נאָך ביז דאַן קיינמאָל זיך ניט פאַרנומען מיט דין־תורה׳ס אָדער בוררות. די סוחרים האָבן אָבער אים שטאַרק געבעטן צו טאָן זיי אַ טובה, צו פאַרשפּאָרן זיי אַזאַ ווייטן און שווערן וועג. זיי האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן מקיים־פּסק זיין פּונקט ווי ער וועט אורטיילן, און וועלן ביידע זיין העכסט צופרידן.

ענדלעך האָט ר׳ ירוחם מסכים געווען אָנצונעמען די דין־תורה, בפרט אַז ער האָט דאָ געהאַט אַ גוטע מעגלעכקייט צו פאַרשטאַרקן דעם שלום בין אדם לחבירו, וואָס דאָס איז פון די זאַכן וואָס אַ מענטש עסט די פּירות דערפון אויף דער וועלט, און דער קרן בלייבט פאַר דער קומענדיקער וועלט. ער האָט צוגעזאָגט די סוחרים, אַז אם ירצה השם מאָרגן אינדערפרי, נאָכן דאַווענען, וועלן זיי זיך פאַרנעמען מיט דער דין־תורה.

ווען אַלע דריי זיינען אויף מאָרגן אינדערפרי געקומען אין בית־מדרש דאַוונען, האָט ר׳ ירוחם אָפּגעוואַרט אַ פּאַסנדן מאָמענט און האָט אומבאַמערקטערהייט אַריינגעוואָרפן די זילבערנע מטבע אין דער צדקה־פּושקע. דערביי האָט ער געדאַנקט דעם רבונו־של־עולם, וואָס ער האָט אים ניט פאַרלאָזן אין אַ צייט פון נויט, און האָט אים צוגעשיקט פּרנסה ניט נאָר בדרך כבוד, נאָר אויך מיט אַ ברייטער האַנט.

דער קיסר און דער סאָלדאַט

דער רוסישער קיסר ניקאָלאַי דער ערשטער איז, כידוע, געווען אַ גרויסער שונא־ישראל. ער איז דאָס געווען דער, וועלכער האָט אַרויס־געגעבן די גזירה פון די „קאַנטאָניסטן", מיט דער כוונה צו צווינגען זיי צו שמד. די קינדער, וועלכע זיינען יונגערהייט אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער היים און חדר, זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין ווייטע פויערשע דערפער און שפּעטער זיינען זיי איבערגעגעבן געוואָרן אין מיליטער צו דינען 25 יאָר. אונטער די אומשטענדן זיינען פיל אידישע קינדער אָפּגע־פרעמדט געוואָרן פון אידישקייט, און אַ טייל פון זיי, ניט קענענדיק אויסהאַלטן די יסורים און נסיונות, האָבן זיך אויך געשמדט. געווען אָבער אויך אַזעלכע וועלכע האָבן זיך אַליין גענומען דעם לעבן אויף קידוש־השם, ביז דער קיסר האָט ענדלעך אַליין מבטל געמאַכט זיין גרויזאַמע גזירה.

דער העלד פון אונזער געשיכטע איז אַזאַ „ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט".

* * *

דער קיסר ניקאָלאַי דער ערשטער פלעגט פון צייט צו צייט פאַר־שטעלן זיך אין איינפאַכע קליידער, כדי צו קענען אומבאַמערקטערהייט אַרומדרייען זיך צווישן זיינע בירגער. ער האָט געוואָלט זען וואָס זיי טוען, און הערן וואָס זיי זאָגן וועגן זייער קיסר.

איינמאָל איז דער פאַרשטעלטער קיסר אַריינגעקומען אין אַ שענק, וואו סאָלדאַטן און פויערים האָבן געטרונקען און גע'שיכור'ט. דער קיסר האָט זיך צוגעזעצט לעבן אַ סאָלדאַט, און דער סאָלדאַט האָט אים מכבד געווען מיט אַ כוסה. פונקט ווי דער סאָלדאַט האָט ניט געוואוסט, אַז דער אומבאַקאַנטער איז דער קיסר בכבודו ובעצמו, אַזוי האָט דער קיסר ניט געוואוסט, אַז דער סאָלדאַט איז איינער פון זיינע „ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן". דער דאָזיקער סאָלדאַט איז גאַנץ היבש פאַרגרעבט געוואָרן

באַ די פּויערים וואו ער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן און צווישן די סאָלדאַטן מיט וועמען ער האָט געדינט.

דער קיסר האָט אויסגעליידיקט זיין כוס און האָט אים אַוועק־געשטעלט אויפן טיש. דער סאָלדאַט האָט זיין אורח מכבד געווען מיט אַ פּאַטש.

„וואָס פאַר אַ פּאַטש איין מיטן דערינען?״ האָט דער פאַרשטעלטער קיסר געפרעגט דעם סאָלדאַט.

„דער מנהג באַ אונז איז, אַז מ׳לאָזט ניט שטיין אַ ליידיקן כוס, נאָר מ׳דאַרף אים באַלד ווידער אָנפילן״, האָט דער סאָלדאַט געענטפערט.

דער קיסר האָט ווידער אָנגעפילט זיין כוס און זיי האָבן ווידער געטרונקען, ביז די בוטל משקה איז אויסגעליידיקט געוואָרן. דער סאָל־דאַט האָט באַשטעלט אַ צווייטע בוטל משקה און מ׳האָט אויך די אויסגע־ליידיקט. אַז ס׳איז געקומען צום באַצאָלן, האָט זיך דער סאָלדאַט גע־כאַפּט, אַז ער האָט שוין פאַרטרונקען אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין מזומן, און עס האָט אים אויסגעפעלט געלט. האָט ער אַרויסגענומען זיין שווערד פון שייד און האָט זי געגעבן צום בעל־הבית פון שענק אַלס משכון.

דער קיסר האָט זיך נאָכגעפרעגט ביים סאָלדאַט וואו און אין וועלכן פּאָלק (רעגימענט) ער דינט און האָט עס איינגעקריצט אין זיין זכרון. גאַנץ בגילופנדיק האָבן זיך דער קיסר און דער סאָלדאַט געשיידט, און יעדערער איז געגאַנגען זיין וועג.

אויף מאָרגן איז אָנגעקומען אַ ידיעה צום קאָמאַנדיר פון דעם פּאָלק, אַז דער קיסר קומט אויף אַן אָפיציעלער אינספּעקציע. אויף אַלע סאָלדאַטן איז אָנגעפאַלן אַ פּחד, וואָרום אַלע האָבן געוואוסט, אַז דער קיסר איז זייער אַ שטרענגער און צוליבן קלענסטן אויסרייד איז מען ניט געווען זיכער מיטן לעבן. יעדער איינער האָט זיך גענומען גרייטן צו דער אינספּעקציע מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט.

מער פון אַלעמען האָט געציטערט דער סאָלדאַט וואָס האָט פאַר־משכּונ׳ט זיין שווערד. אָן אַ שווערד קען מען זיך דאָך ניט שטעלן אויף

אַן אינספּעקציע! וואָס טוט מען? איז אים איינגעפאַלן אַן איינפאַל: ער האָט אויסגעשניטן אַ הילצערנע שווערד און האָט זי אַריינגעשטעקט אין שייד, מיט דער האָפענונג, אַז דער קיסר וועט דאָס ניט באַמערקן.

דער קיסר, אויסגעפּוצט אין זיינע קעניגלעכע קליידער און רייטנ־דיק אויף זיין קעניגלעכן פערד, איז מאַיעסטעטיש געריטן צווישן די רייען סאָלדאַטן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן דעם סאָלדאַט מיט וועמען ער האָט געטרונקען פאַרשטעלטערהייט. דאָס האַרץ איז ביים סאָלדאַט איינגעפאַלן פון שרעק. אָבער דער קיסר האָט זיך געווענדעט ניט צו אים, נאָר צו זיין שכן, דעם סאָלדאַט וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, און האָט צו אים געזאָגט, אַז זיין מונדיר איז ניט אין אָרדנונג. דער סאָלדאַט איז געוואָרן בלייך. כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז אַלץ איז בײַ אים אין אָרדנונג, האָט ער אָבער אויך געוואוסט, אַז אַלץ וואָס דער קיסר זאָגט, מוז מען אָננעמען פאַר אמת און מ'טאָר חלילה ניט קעגנ־ריידן דעם קיסר. האָט ער זיך גענומען אַנטשולדיקן און בעטן דעם קיסר, ער זאָל אים מוחל זיין, און אַז מער וועט אַזוינס ניט פּאַסירן.

דער קיסר איז אָבער נאָך מער בייז געוואָרן, און ער האָט זיך דאַן געווענדעט צום סאָלדאַט מיט וועמען ער האָט געטרונקען, און האָט אים געגעבן אַ באַפעל: „ציִ אַרויס דיין שווערד, און האַק אים אָפּ דעם קאָפּ!״

דער סאָלדאַט מיט דער הילצערנער שווערד האָט זיך געפונען אין אַ שווערער פאַרלעגנהייט. ניט אויספירן דעם קיסר'ס באַפעל, מיינט טויט־שטראָף; יאָ אויספירן דעם קיסר'ס באַפעל מיינט דאָך צו טויטן אַן אומשולדיקן מענטשן. אויסערדעם, קען ער דאָך מיט אַ הילצערנער שווערד בכלל ניט טויטן אַ מענטשן, און ווי נאָר ער ציט אַרויס די היל־צערנע שווערד, אַזוי באַלד ווערט אַנטדעקט זיין שווינדל און ער איז אין אַ געפערלעכע צרה!

בליץ־שנעל זיינען די דאָזיקע געדאַנקען דורכגעלאָפן זיין מוח, אָבער באַלד איז אים איינגעפאַלן אַ המצאה:

„אדוני המלך!״ האָט ער זיך אָפּגערופן, „דעם קיסר'ס באַפעל מוז איך דורכפירן, און איך בין גרייט אים דורכצופירן ניט איבערטראַכטנ־דיק. אויב מיין חבר איז אומשולדיק, זאָל דער אויבערשטער אַליין זיך



אַננעמען פאַר אַן אומשולדיקן מאַן, וואָרום דער אויבערשטער קען דאָך פאַרוואַנדלען אייזן אין האָלץ".

אַזוי זאָגנדיק, האָט ער תיכף אַרויסגעצויגן די שווערד פון איר שייד, און צו אַלעמענס באַוואונדערונג האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז ער האַלט אַ הילצערנע שווערד אין זיין האַנט!

דער קיסר איז נתפעל געוואָרן פון דעם סאָלדאַט'ס איינפאַל. ער האָט גוט געוואוסט דעם „סוד" פון דעם „נס", אָבער ער האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק.

„איך בין מוחל דיין חבר", האָט דער קיסר געזאָגט, „און דיך מאַך איך פאַר אַ פעלד־פעבל (אָפיציר)!"

דער קיסר האָט דעם דאָזיקן קלוגן סאָלדאַט ניט פאַרגעסן. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער אים דערהויבן צו אַ העכערן ראַנג, און האָט אים אויך באַשטימט אין זיין פּערזענלעכער גוואַרדיע. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, ביז דער פריערדיקער סאָלדאַט איז געוואָרן אַ מקורב למלכות, דער קיסר האָט פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ שמועס מיט אים און האָט באַוואונדערט זיין חכמה.

איינמאָל האָט דער קיסר מיט אים פאַרפירט אַ שמועס וועגן רעליגיע און האָט אים פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן: „ביסטו טאַקע אַזאַ גלויביקער, וואָס דו רעדסט וועגן דעם אויבערשטן? און גייסטו אין קירך?"

„יאָ, איך גלויב אין דעם אויבערשטן, אָבער אין קירך גיי איך ניט, ווייל איך בין אַ איד".

„וואָס? דו ביסט אַ איד? און איך האָב געמיינט אַז דו ביסט אַ קריסט, און איך האָב דיר דערהויבן פון איין ראַנג צו אַ העכערן!"

„דער קיסר האָט מיך קיינמאָל ניט געפרעגט וועגן מיין גלויבן", האָט זיך דער „ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט" פאַרענטפערט. „אָבער יעדנ־פאַלס בין איך גרייט ווידער צו דינען דעם קיסר אַלס אַ פּשוטער סאָלדאַט".

„ניין, דאָס קען ניט זיין אַזוי", האָט דער קיסר געזאָגט. „איך האָב פאַר דיר אַ בעסערע צוקונפט". און דאַן האָט אים דער קיסר געזאָגט: „ווער אַ קריסט, און איך וועל דיך דערהויבן צום ראַנג פון אַ גענעראַל, און דו וועסט זיין מיין פערזענלעכער פריינט. אַנדערש וועל איך דיר ניט מוחל זיין וואָס דו האָסט מיך גענאַרט. אָבער אויב דו וועסט אָנ־נעמען מיין עצה, וועל איך און די קעניגין זיין דיינע טויף־עלטערן, און עס וועט דיר ניט פעלן ניט כבוד און ניט רייכטום".

דער „ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט" האָט זיך שטאַרק געקווענקלט. ער איז טאַקע יונגערהייט אָפּגעריסן געוואָרן פון זיינע עלטערן, האָט אפילו ניט געוואוסט אויב זיינע עלטערן האָבן איבערגעלעבט דעם אומ־גליק ווען מען האָט אים אַרויסגעריסן פון זייערע הענט. אָבער ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ איד, און אַ איד האָט ער געוואָלט בלייבן. אָבער פון דער אַנדער זייט האָט אים דער קיסר שטאַרק צוגערעדט, מיט גוטע רייד און מיט אָנגעדייטעטע דראָאונגען, ביז ער האָט ענדלעך מסכים געווען זיך צו לאָזן טויפן און ווערן אַ קריסט — בלויז אַלס אַן אָנ־שטעל, וואָרום אין האַרצן וועט ער דאָך קיינמאָל ניט מסכים זיין צו שמד'ן זיך חס ושלום.

צו דער באַשטימטער צייט איז דער קיסר מיט דער קיסר'ינע, מיט דעם אידישן סאָלדאַט, און פיל באַגלייטער, אַרויסגעפאָרן אין וועג צו קיעוו, וואו דער הויפט־גלח האָט געזאָלט אַליין דורכפירן די צערע־מאָניע פון טויפן דעם אידן. אַ קלייניקייט! דער קיסר און די קיסר'ינע אַליין וועלן דאָך זיין זיינע טויף־עלטערן! דאָס הייסט דאָך, אַז זיי מאַכן אים פאַר אַ מיטגליד פון דער קיסר'לעכער פאַמיליע!

ערשט איצט, אויפן וועג, זיצנדיק אין איינער פון די קעניגלעכע קאַרעטעס צוזאַמען מיט מיטגלידער פון דער קעניגלעכער משפחה, און טראַכטנדיק וועגן דעם אַנטשיידענעם מאָמענט וואָס עס וואַרט אויף אים, האָט זיך אין אים דערוועקט דאָס פינטעלע איד, און ער האָט חרטה געהאַט אויף דעם געשעפט. ניין, ער וועט זיך בשום אופן ניט שמד'ן! ער וועט בלייבן אַ איד און שטאַרבן ווי אַ איד! — אַזוי האָט ער בא זיך פעסט באַשלאָסן.

דער וועג האָט געפירט איבער אַ בריק. אונטן האָט געשטראָמט אַ

שטאַרקער טייך. דער „ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט" איז אַרויסגע־שפּרונגען פֿון דער קאַרעטע, האָט אויסגעשריען „שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד!" און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך.

דערשטוינט זיינען געבליבן דער קיסר און די קיסר'ינע און אַלע הויכע באַגלייטער, צוקוקנדיק ווי די כוואַליעס האָבן איינגעשלונגען דעם אידן...

דערשיטערט פון דער פאַסירונג, איז ניקאָלאַי געפאָרן צוריק. ער האָט געגומען טראַכטן, אַז אויב אַלע אידישע קאַנטאָניסטן האָבן אַזאַ גלויבן און אַזאַ שטאַרקייט, ווי אָט דער מאַרטירער, איז זיין גאַנצער פּלאַן צו „רוסיפיצירן" זיינע אידישע בירגער אַ גרויסער דורכפאַל.

האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה

פאַר זיין הסתלקות, האָט דער הייליקער בעל־שם־טוב אָנגעזאָגט זיינע עלטערע תלמידים, ווי און וואו יעדער איינער פון זיי זאָל פאַר־זעצן זיין הייליקע אַרבעט. און צו זיין טרייען משרת ר׳ יעקב האָט ער געזאָגט, אַז זיין אַרבעט וועט זיין אַרומצופאָרן אין שטעט און שטעט־לעך און דערציילן מעשיות וואָס ער האָט געזען אָדער געהערט אין די אַלע יאָרן וואָס ער האָט אים, דעם בעל־שם־טוב, באַדינט. און אַזוי ווי די אידן האָבן ליב צו הערן אַ מעשה און אַ גוט וואָרט פון אַ גוטן אידן, וועט ער אויך האָבן פרנסה, אין פשוטן זין.

נאָך דער הסתלקות פון בעל־שם־טוב, האָט ר׳ יעקב גענומען זיין טלית־און־תפילין־זעקל און צידה־לדרך און האָט זיך געלאָזט אין וועג, כדי מקיים צו זיין די שליחות וואָס דער בעל־שם־טוב הקדוש האָט אים געגעבן. ער איז געגאַנגען פון שטעטל צו שטעטל און דערציילט מעשיות און מופתים פון זיין הייליקן רבי׳ן, און האָט דערוואַרעמט אידישע הערצער מיט אַ געשמאַקן וואָרט, אַ פשט׳ל, אַ משל מיט אַ מוסר־השכל און דעמגלייכן, וואָס ער האָט געהערט פון זיין באַרימטן און הייליקן רבי׳ן. און אידן האָבן אים אומעטום אויפגענומען מיט כבוד און האָבן אים ניט געלאָזט אַוועקגיין מיט ליידיקע הענט.

אַזוי האָט זיך ר׳ יעקב געפירט אַ פאָר יאָר. פון צייט צו צייט, ספּע־ציעל אויף די ימים־טובים, פלעגט ער קומען אַהיים און ברענגען דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט, און זיין ווייב האָט אַפילו באַוויזן צו מאַכן אַ „קניפּל" אויף נדן פאַר זייער עלטערע טאָכטער, וואָס באַלד האָט מען שוין געקענט נעמעןריידן וועגן אַ שידוך פאַר איר.

איינמאָל, ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט דאָס ווייב גענומען צו־שטיין, אַז אפשר איז שוין צייט, אַז ער זאָל אויפהערן אַרומצוואַנדערן און אַרומצוואַלגערן זיך און בלייבן אינדערהיים און געפינען אַן אַנ־דער פרנסה. אָבער ר׳ יעקב האָט באַשלאָסן, אַז כל־זמן ער וועט ניט באַ־קומען עפּעס אַ צייכן פון דעם בעל־שם־טוב, אַז ער האָט דערפילט זיין

שליחות, וועט ער ווייטער אָנגיין מיט זיין שליחות, צו דערפרייען און דערוואַרעמען אידישע הערצער, בפרט פון די פשוטע און פאַרהאָרע־וועטע אידן, ווי דער בעל־שם־טוב האָט אים אָנגעזאָגט.

איז ר׳ יעקב ווידער אַרויס אין וועג און איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, ביז ער איז געקומען צו דער גרענעץ פון איטאַליע. דאָ האָט ער געהערט, אַז אין רוים לעבט אַ איד אַ גרויסער גביר, וואָס זיין גרעס־טער פאַרגעניגן איז צו הערן מעשיות פון דעם בעל־שם־טוב, און יעדער איינער וואָס ווייס עפעס צו דערציילן וועגן דעם בעל־שם־טוב, איז באַ אים אַן אָנגעלייגטער גאַסט און ער באַצאָלט פאַר יעדער מעשה מיט אַ ברייטער האַנט.

ר׳ יעקב האָט זיך דערפרייט. באַ דעם גביר וועט ער קענען זיצן אַ לאַנגע צייט, זיך גוט אויסרוען און דערביי מאַכן אַ שיינע מטבע. ער האָט דאָך אַן אַ שיעור מעשיות וועגן דעם בעל־שם־טוב!

האָט זיך ר׳ יעקב איינגעקויפט אַ פערד און וואָגן און האָט זיך גע־לאָזט פאָרן קיין רוים.

ב.

אָנקומענדיק אין רוים, איז ר׳ יעקב אַוועק אין דער אַלטער שטאָט, וואו עס איז געווען דער אידישער קוואַרטאַל און אַלטער בית־מדרש. און טאַקע דאָ אין בית־מדרש, ביים דאַוונען, האָט ער זיך באַגעגנט מיט דעם גביר און האָט אים דערציילט, אַז ער איז יעקב, דער „בעל־המעשיות״, וואָס איז פיל יאָרן געווען משרת ביים הייליקן בעל־שם־טוב.

דער גביר האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַן אַלטן ידיד, און האָט אים תיכף פאַרבעטן צו זיך אַהיים. ער האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און האָט אים אָפּגעגעבן אַ שיינעם צימער, מיט אַ באַ־דינער וואָס זאָל אים באַדינען, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ חשוב׳ן אורח. דער גביר האָט זיין אורח געלאָזט אָפּרוען ביז שבת, כאָטש ער איז געווען שטאַרק נייגעריק צו הערן וואָס ר׳ יעקב האָט צו דערציילן.

„אם־ירצה־השם, באַ אַלע דריי סעודות, וועלן מיר האָבן גענוג צייט צו פאַרברענגען צוזאַמען און איר וועט קענען אָנהויבן דערציילן אַלץ

וואָס איר ווייסט וועגן דעם הייליקן בעל־שם־טוב״, האָט אים דער גביר געזאָגט.

דערווײַלע האָט זיך פאַרשפּרייט די נײַעס, אַז עס איז געקומען צום גביר אַ חשובער אורח, אַ תּלמיד און געוועזענער משרת פון דעם בעל־שם־טוב.

ווי דער שטייגער איז געווען בשעת דער גביר האָט געהאַט אַ חשובן אורח, בפרט נאָך אַזאַ חשובן אורח ווי דעם בעל־שם־טוב׳ס תלמיד, האָט זיך אין גביר׳ס הויז פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם. אידן האָבן מקצר געווען מיט זייערע אייגענע סעודות, כדי צו קומען הערן די מעשיות וואָס ר׳ יעקב וועט דערציילן.

ר׳ יעקב האָט צוגעגרייט אַ גאַנצע ריי מעשיות, אָבער ווען דער גביר האָט אַ זאָג געטאָן: „און איצט ר׳ יעקב, לאָמיר הערן וואָס איר קענט אונז דערציילן וועגן דעם הייליקן בעל־שם־טוב, זכר צדיק לברכה״ — איז ר׳ יעקב געבליבן שווייגן ווי אַ שטומער. אַלע מעשיות וואָס ער האָט צוגעגרייט צו דערציילן, זײַנען פּלוצלונג ווי אַרויס־געפלויגן פון זײַן קאָפּ. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען זיך עפּעס אַ מעשה; ער האָט געריבן דעם שטערן, געווישט די טראָפּנס שווייס פון זײַן פּנים — אָבער ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט דער־מאָנען אַן איינציק וואָרט, אָדער אַ מעשה פון דעם בעל־שם־טוב.

דער עולם האָט אָנגעקוקט דעם פאַרשטומט אורח, ווער מיט פאַר־דאַכט, ווער מיט שפּאָט. די מענטשן האָבן זיך געפילט אָפּגענאַרט און באַשווינדלט. איז דער אורח באמת אַ תּלמיד פון בעל־שם־טוב און זײַן געוועזענער משרת, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אָדער סתּם אַ צבויאַק, אַ שקרן?

דער גביר האָט אָבער ניט אַרויסגעוויזן קיינע סימנים פון כעס. אדרבה, ער האָט פרײַנטלעך אַ זאָג געטאָן צו זײַן אורח: „ר׳ יעקב, נעמט זיך ניט צום האַרצן. ביז מאָרגן צו דער סעודה, וועט איר זיך מסתּם עפּעס דערמאָנען״. דאַן האָט ער גענומען זאָגן זמירות, און אַלע האָבן מיטגעזונגען. דערנאָך האָט מען געבענטשט ברכת־המזון, און דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. אַ צעבראָכענער און פאַרביטערטער האָט

זיך ר׳ יעקב געלייגט שלאָפן, אָבער האָט קיין אויג ניט געקענט צומאַכן. ער האָט זיך ביטער צעוויינט און האָט גענומען טראַכטן, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרזינדיקט וואָס ער איז אַזוי געשטראָפן געוואָרן און האָט פאַרלאָרן דעם זכּרון. פּלוצלונג איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אַלע מעשיות וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט, און דער מוח איז אים געוואָרן ליכטיק און קלאָר ווי אַלעמאָל. ער האָט זיך געפילט איבערגליקלעך, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט אים ניט פאַר־לאָזן אין זיין נויט. ער האָט זיך באַרואיקט און איז באַלד איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט ר׳ יעקב מיט גרויס שמחה דערציילט דעם גביר, אַז, געלויבט דער אויבערשטער, דער זכּרון האָט זיך אים צוריקגעקערט. דער גביר האָט זיך דערפרייט, פאַרשטייט זיך, און האָט פאַרבעטן אַ פיינעם עולם צו דער צווייטער סעודה.

אַז מ׳האָט שוין געהאַלטן נאָכן טשאָלנט, און דער גביר האָט אַ זאָג געטאָן צו ר׳ יעקב׳ן: „פּתח פיך ויאירו דבריך״ — האָט פּאַסירט גענוי וואָס האָט פּאַסירט נעכטן באַנאַכט בײַ דער ערשטער סעודה. ר׳ יעקב האָט ניט געקענט עפּעס זיין מויל; אַלע מעשיות זיינען אים אַרויס־געפלויגן פון די געדאַנקען!

אויף דעם מאָל האָט דער גביר געפּרואווט באַרואיקן זיין אורח: „זייט זיך ניט מצער, ר׳ יעקב, מיר וועלן וואַרטן ביז שלוש־סעודות, און אפשר וועט איר זיך ביז דאַן עפּעס דערמאָנען״.

אָבער אויך צו דער דריטער סעודה האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט דאָס זעלבע. וויפל ר׳ יעקב האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט, האָט ער זיך ניט גע־קענט עפּעס דערמאָנען וועגן דעם בעל־שם־טוב. ער האָט זיך אַפילו ניט געקענט דערמאָנען זיין ליכטיקע געזיכט, וואָס איז אים געווען אַזוי באַ־קאַנט ווי זיין טאַטנ׳ס.

מוצאי־שבת נאָך הבדלה, האָט דער גביר געפּראַוועט אַ „מלוה מלכה״ סעודה.

„איצט איז אַ שעת־כּושר צו דערציילן אַ מעשה וועגן דעם הייליקן בעל־שם־טוב״, האָט דער גביר געזאָגט צו ר׳ יעקב׳ן. „אפשר קענט איר זיך פאָרט עפּעס דערמאָנען״.

מיט טרערן אין די אויגן האָט אים ר׳ יעקב געענטפערט: „מה נאמר ומה נדבר, ס׳איז עפּעס אַ שטראָף פון הימל. אַזאַ זאַך האָט מיט מיר קיינמאָל נאָך ניט פּאַסירט. אפשר איז דאָס אַ סימן, אַ די שליחות וואָס דער בעל־שם־טוב הקדוש האָט מיר געגעבן, האָט זיך געענדיקט, כאָטש איך ווייס ניט פאַרוואָס און פאַרוועז זי דאַרף זיך ענדיקן אויף אַזאַ אופן. מסתם האָב איך דאָס כשר פאַרדינט. יעדנפאַלס, עס האָט מער קיין אָרט ניט אַז איך זאָל ווייטער בלייבן באַ אייך צו גאַסט. מאָרגן פרי, אם־ירצה־השם, וועל איך פאָרן אַהיים״.

„בלייבט נאָך באַ מיר עטלעכע טעג״, האָט אים דער גביר געבעטן. „אויב ביז דינסטיק וועט איר זיך גאָרניט דערמאָנען, וועל איך אייך מער ניט פאַרהאַלטן״.

ר׳ יעקב האָט מסכים געווען.

ר׳ יעקב איז געבליבן ביים גביר ביז דינסטיק אינדערפרי, און אַזוי ווי דער זכּרון האָט זיך צו אים ניט אומגעקערט, האָט ער מיט אַ שווער געמיט זיך געזעגנט מיטן גביר צו פאָרן אַהיים. דער גביר האָט אים געגעבן אַ פיינע נדבה און האָט אים באַגלייט צו זיין וואָגן. ווען ר׳ יעקב האָט זיך שוין אַריינגעזעצט אין וואָגן, האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאָנט אַ מעשה. דער גביר האָט זיך דערפרייט און האָט אים צוריק אַריינגערופן אין שטוב אַריין, האָט אים געבעטן זיך זעצן און דערציילן די מעשה. ר׳ יעקב האָט תיכף גענומען דערציילן:

„דאָס האָט פּאַסירט אין די טעג פאַר דער ,קריסטלעכער פּאַסכאַ׳. יענעם שבת איז דער בעל־שם־טוב הקדוש געווען אין אַ מאָדנע, אומרואיקע שטימונג, און נאָך הבדלה האָט ער געהייסן צוויי פון זיינע עלטערע תלמידים און מיך צו באַגלייטן אים אויף אַ נסיעה. דעם בעל־עגלה האָט ער אָנגעזאָגט צו לאָזן פריי די לייצעס, וואָרום די פערד וועלן שוין וויסן וואוהין זיי דאַרפן פאָרן. אַזוי זיינען מיר געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט, און פאַרטאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין אַן אומבאַקאַנטע שטאָט. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פיינע הויז, און דער בעש״ט האָט מיר געהייסן אָנקלאַפּן אין טיר. די טיר האָט זיך געעפנט און עס האָט זיך באַוויזן אַן אַלטע פרוי. דערזעענדיק אונז איז זי געוואָרן פאַרציטערט און האָט אויסגערופן: „אידן! וואָס טוט זיך מיט אייך!

ווייסט איר ניט ס'איז היינט אַ חגא באַ די גויים? אַז זיי גייען אַרויס פון קלויסטער, אויפגעהעצטע פון גלח, זוכן זיי אַ אידישן קרבן, און ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז עס זיינען אָנגעקומען פרעמדע אידן, וועלן זיי זיך אין אייך נוקם זיין. טאָ האָט רחמנות אויף זיך און אַנטלויפט וואָס שנעלער!״

„דער בעש״ט איז אָבער גאָרניט נתפעל געוואָרן פון אירע רייד און מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין הויז.

„ניט רעכענענדיק זיך מיט די שרעק און געוואַלדן פון די שטוביקע מענטשן, איז דער בעש״ט צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט געעפנט דעם לאָדן און האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס. אַ ספּעציעלע הויכע קאַ־טעדרע איז געווען אויפגעשטעלט אין מיטן מאַרקפּלאַץ, וואו דער בישאָף האָט געזאָלט שטיין און האַלטן זיין פייערדיקע רעדע. באַלד האָט גענומען קלינגען אַלע גלאָקן פון קלויסטער און דער מאַרקפּלאַץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט גויים, וועלכע האָבן געוואַרט מיט שפּאַנונג אויף דעם בישאָף'ס „דרשה״.

„דאַן האָט דער בעש״ט צו מיר געזאָגט: יעקב, גיי און שטעל זיך אַוועק לעבן די טרעפּ צו דער קאַטעדרע, און ווען דער בישאָף וועט האַלטן ביים אַרויפגיין, זאָג אים: ,דער בעל־שם־טוב איז דאָ און פאָ־דערט אַז דו זאָלסט תיכף אַריינגיין צו אים!׳

„די שטוב מענטשן זיינען געוואָרן אויסער זיך פון שרעק, אָבער איך בין דרייסט געגאַנגען דורכפירן די געפערלעכע שליחות. איך האָב זיך דורכגעשטופּט דורך דעם געדרענג און קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט. איך האָב זיך דערשטופּט צו די טרעפּ אַקוראַט אין דעם מאָ־מענט ווען דער בישאָף איז אָנגעקומען, און איך האָב אים איבערגעגעבן דעם בעש״ט'ס רייד אויף מאַמע־לשון, ווי דער בעש״ט האָט מיר אָנגעזאָגט.

„דער בישאָף איז ניט נתפעל געוואָרן. ,איך ווייס, איך ווייס . . . איך וועל אַריינקומען נאָך דער דרשה׳, האָט ער געענטפערט.

„ווען איך האָב דעם בעש״ט איבערגעגעבן דעם בישאָף'ס ענטפער, האָט מיר דער בעש״ט געהייסן גיין צוריק און נאָכאַמאָל זאָגן דעם

בישאָף, אַז דער בעש״ט הייסט אים אויף דעם שטרענגסטן אופן צו קומען תיכף ומיד!

„האָב איך זיך ווידער דורכגעשטופּט צום בישאָף, וועלכער האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן זיין דרשה. איך האָב געגעבן אַ צי זיין לאַנגן מאַנטל און האָב אים איבערגעגעבן דעם בעש״ט׳ס רייד. דעם בישאָף׳ס פּנים איז בלייך געוואָרן. ער האָט געזאָגט דעם עולם, אַז ער מוז אויף אַ ווײַלע איבעררייסן זיין דרשה און זאָלן זיי דערווײַלע זינגען הימנעס. דאַן איז ער אַראָפּ פון די טרעפּ און איז מיר נאָכגעגאַנגען.

„אַריינקומענדיק אין שטוב, האָט אים דער בעש״ט אַריינגעפירט אין אַ צימער, וואו זיי האָבן זיך פאַרשפּאַרט אויף אַ היבשע צייט. נאָכדעם איז דער בעש״ט אַרויסגעקומען, געהייסן שפּאַנען די פערד און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין צוריק אין מעזשבוש. וועגן וואָס ער האָט גערעדט מיטן בישאָף האָט אונז דער בעש״ט קיין וואָרט ניט דערציילט אויפן וועג אַהיים און אויך ניט שפּעטער, און מיר — ווי דער שטייגער איז געווען — האָבן ניט געפרעגט. דאָס איז די מעשה וואָס איך האָב זיך דערמאָנט...״ האָט ר׳ יעקב פאַרענדיקט.

ג.

דער גביר איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן, פאַרטראַכט אין געדאַנקען, אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגערופן: „ברוך השם! געלויבט איז דער אויבערשטער!״ און ער האָט שיעור ניט גענומען טאַנצן פון שמחה.

ווען ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט ער זיך אָפּגערופן:

„ר׳ יעקב! אַלץ וואָס איר האָט דערציילט איז נאָר איין האַלב פון דער געשיכטע, די צווייטע האַלב פון דער געשיכטע וועל איך אייך דערציילן.

„דער בישאָף וואָס דו ביסט צו אים געגאַנגען איז ניט קיין אַנדערער ווי איך אַליין. און אַט וועל איך אייך דערציילן די גאַנצע מעשה:

„איך בין געבאָרן געוואָרן אַ כשר אידיש קינד, מיט אַ הייליקע ג־ט־לעכע נשמה. איך האָב געלערנט תורה מיט גרויס חשק און נאָך בחור־

ווייז בין איך שוין געווען אַ גרויסער למדן. האָט זיך דער שטן פאַר־לייגט מיך אַראָפּצופירן פון וועג און פאַנגען מיין נשמה. עס האָט זיך דערוועקט אין מיר אַ דורשט צו לערנען אַלערליי וויסנשאַפטן; איך בין נכשל געוואָרן און גענומען שטודירן חכמות חיצוניות, און אַזוי בין איך געזונקען אַלץ נידעריקער אין טומאה, ניט קענענדיק ביישטיין די נסיו־נות פון כבוד און רייכטום וואָס די גוייִשע וועלט האָט מיר צוגעטראָגן. איך האָב באַהאַלטן מיין אידישן אָפּשטאַם און האָב זיך אָנגעגעבן אַלס אַ קריסט; אַלץ איז מיר געראָטן מעשה־שטן, ביז איך האָב דערגרייכט דעם הויכן ראַנג פון אַ בישאָף...״

דער גביר האָט טיף אָפּגעזיפצט און האָט פאַרגעזעצט:

„ווייזט אויס, אַז דער זכות פון מיינע הייליקע אבות איז מיר בייגעשטאַנען; זיי האָבן ניט גערוט און ניט געלאָזט דעם בעש״ט רוען. דער בעש״ט איז מיר געקומען אין חלום האָט מיך דערמאָנט ווער איך בין און געפאָדערט איך זאָל זיך אומקערן צו מיין פאָלק און תשובה טאָן. און כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז די טויערן פון תשובה זיינען שטענדיק אָפן, האָב איך זיך ניט געקענט אַרויסרייסן פון די קליפּות פון טומאה. אָבער דער בעש״ט האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט און איז געקומען צו מיר אין חלום נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל. נאָך יעדן חלום, ליגנדיק אין בעט, האָב איך גענומען טראַכטן, אַז אפשר איז שוין טאַקע צייט איך זאָל תשובה טאָן, אָבער באַטאָג האָב איך ניט געקענט ביישטיין דעם יצר־הרע און האָב זיך אַרויסגעשלאָגן די חלומות פון קאָפּ...

„יענע נאַכט, ווען איך האָב געדאַרפט אויפטרעטן אויף מאָרגן מיט מיין פייערדיקע דרשה, איז צו מיר אין חלום געקומען דער בעש״ט און האָט מיר געזאָגט, אַז ער קומט אין שטאָט און וועט מיך העלפן אַרויס־קריכן פון זומפּ; איך האָב אים געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל ניט האַלטן די דרשה און וועל אַנטלויפן פון דער שטאָט און ווערן אַ בעל־תשובה. אָבער אינדערפרי, ווען די גלאָקן האָבן גענומען קלינגען און האָבן מיך דערמאָנט דעם כבוד און די גאַנצע מערכה וואָס איך דאַרף אויפגעבן, האָב איך ווידער פאַרלאָרן דעם מוט, און איך האָב זיך געלאָזט גיין צו דער קאַטעדרע. איצט פאַרשטייט איר שוין, ר׳ יעקב, פאַרוואָס איך בין ניט געווען איבערראַשט ווען איר זייט צוגעגאַנגען צו מיר און מיך גע־

רופן גיין צום בעש"ט. פונדעסטוועגן האָב איך ניט געקענט פועל'ן בײַ זיך אָפּצורייסן זיך פון דער טומאה. ערשט צום צווייטן מאָל האָב איך דערפילט נייע כּוחות צו צעברעכן דעם יצר־הרע און אַרויסרייסן זיך פון זיין קלעם. און ווען דער הייליקער בעש"ט האָט זיך מיט מיר מתיחד געווען, אויג אויף אויג, בין איך געוואָרן אַ בעל־תשובה מיטן גאַנצן האַרצן.

„דער בעל־שם־טוב האָט מיר אָנגעזאָגט וואָס איך דאַרף טאָן און ווי איך דאַרף זיך פירן פון דאַן אָן, כּדי צו פאַריכטן מיינע עבירות. ווען איך האָב אים געפרעגט: ‚ווי וועל איך וויסן, אַז מיין תשובה איז אָנגענומען געוואָרן אין הימל?' האָט ער מיר געענטפערט: ‚אַז עס וועט קומען צו דיר אַ מאַן און דיר דערציילן וואָס עס האָט היינט פּאַסירט מיט דיר, וועסטו וויסן, אַז דיין תיקון איז בשלימות'.

„איך האָב אַלץ פּינקטלעך אויסגעפירט ווי דער בעש"ט האָט מיר אָנגעזאָגט און האָב געוואַרט און געהאָפט אויף דעם טאָג ווען דער בעש"ט'ס הבטחה וועט מקויים ווערן. דעריבער האָב איך אַזוי גערן אויפגענומען יעדן איינעם וואָס האָט געהאַט עפּעס צו דערציילן וועגן דעם בעש"ט הקדוש. פיל וואונדערלעכע זאַכן האָב איך זיך אָנגעהערט וועגן בעש"ט, וועלכע האָבן מיך שטאַרק דערמוטיקט אין מיין לאַנגן תשובה־וועג, אָבער דאָס וואָס איך האָב אַזוי געגאַרט צו הערן האָט מיר נאָך קיינער ניט דערציילט.

„ווען איר, ר' יעקב, זייט געקומען, האָב איך אייך באַלד דערקענט און איך בין געווען זיכער, אַז איר וועט מיר דערציילן דאָס וואָס איך וויל הערן. אָבער יעדן מאָל ווען איר האָט געוואָלט אָנהייבן צו דער־ציילן עפּעס וועגן בעש"ט, זייט איר געבליבן אָן לשון. האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט; מיין תיקון איז נאָך ניט בשלימות. איך האָב אָבער די האָפנונג ניט אויפגעגעבן און האָב אייך גע־בעטן בלייבן נאָך דריי טעג. אין די דאָזיקע טעג און נעכט האָב איך זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כּוחות צו דערגרייכן די העכסטע מדריגה פון תשובה, און איצט, אַז איר האָט זיך דערמאָנט די מעשה, זע איך, אַז מיין תשובה איז אָנגענומען געוואָרן, ווי דער הייליקער בעל־שם־טוב האָט מיר צוגעזאָגט!"

דאָן האָט דער גביר געזאָגט צו ר׳ יעקב׳ן: „איר דאַרפט שוין מער־ניט אַרומוואַנדערן איבער דער וועלט: איר האָט אייער שליחות דורכגעפירט. און וועגן פרנסה דאַרפט איר זיך אויך ניט זאָרגן. איך גיב אייך אָפּ אַ העלפט פון מיין פאַרמעגן, און איר וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן דערמיט. איך קען ניט אויסדריקן אין ווערטער ווי איבערגליקלעך איך בין וואָס איך האָב דערלעבט דעם טאָג״.

זיי האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט און האָבן זיך געזעגנט מיט דער ברכה, אַז דער זכות פון הייליקן בעל־שם־טוב זאָל זיי און אַלע אידן ביישטיין עד ביאת הגואל.

דער קדוש פון מעץ

אין מעץ, אַן אַלטע בישאָף־שטאָט, אין לאָטרינגען, פראַנקרייך, האָבן אידן געוואוינט נאָך מיט טויזנט יאָר צוריק. די אידישע קהלה אין מעץ איז געווען אַ באַרימטע, און פיל באַרימטע גאונים זיינען געווען אירע גייסטיקע פירער, ווי רבינו גרשום מאור הגולה, ר׳ יעקב יהושע פאלק („פני יהושע״), ר׳ יונתן אייבשיץ, דער „שאגת ארי״ א. אַ.

ווי אין אַנדערע שטעט אין מיטלאַלטער, האָבן די אידן אין מעץ דורכגעמאַכט פאַרשידענע בילבולים און גרושים. איינע פון די שווערסטע עלילת־דם, וואָס די אידן האָבן געליטן, איז פאָרגעקומען אין יאָר ה׳ת״ל (1670), וועגן וועלכע מיר דערציילן אייך דאָ.

א.

אין דעם דאָרף באַלכען, ניט ווייט פון דער שטאָט מעץ, האָט גע־לעבט אַ פרומער איד מיט׳ן נאָמען ר׳ רפאל הלוי. ער איז געווען גע־שעצט און געאַכטעט אויך באַ די קריסטן, צוליב זיין פרומקייט, ערלעכ־קייט און שיינעם רואיקן אַרט לעבן.

ר׳ רפאל פלעגט אָפט אַוועקפאָרן רייטנדיק קיין מעץ איינצוקויפן פאַרשידענע זאַכן פאַר זיין הויז און פאַר זיין גוט, פון וועלכן ער האָט זיך געלעבט בהרחבה.

פאָרנדיק איינמאָל אין מעץ, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ רייטער פון זיין דאָרף, מיט וועמען ער האָט זיך באַגריסט, און איז געפאָרן ווייטער.

מאַכט זיך גראַדע, אַז אין אַ דערבייאיקן דאָרף ווערט פאַרשוואונדן אַ קריסטלעך מיידעלע, און דער פאַרצווייפלטער פאָטער לויפט קיין מעץ מיטטיילן דער פאָליציי.

אויפ׳ן וועג באַגעגנט דער פויער דעם זעלביקן רייטער און פרעגט

אים אויב ער האָט ניט צופעליק געזען זיין מיידעלע. און דאָ איז דעם רייטער איינגעפאַלן אַ טיוולאַנישער פּלאַן. — „אַזוי? איז דאָס טאַקע געווען דיין טעכטערל!״ האָט דער רייטער אויסגערופן. „איך האָב מיט עטלעכע שעה צוריק באַגעגנט אַ איד מיט אַ שוואַרצער באָרד, וועל־כער איז געריטן אויף אַ ווייס־געפלעקט פערד, מיטפירנדיק אַ קליינע מיידעלע!״

דער פויער איז פאַרציטערט געוואָרן און איז מיט אַ געשריי און גע־וואַלד געלאָפן אין פּאָליציי.

אַזוי ווי ס׳האָט שוין געהאַלטן נאָענט צו פסח, איז אין יענע צייטן ניט שווער געווען אויסצוטראַכטן אַ בלוט־בלבול, און די אידישע שונאים האָבן דאָס באַלד אויסגענוצט.

ב.

די מעצער פּאָליציי האָט פאַרפירט אַן אויספאָרשונג, און לויט דער באַשולדיקונג פון דעם קריסטלעכן רייטער, איז דער פאַרדאַכט געפאַלן אויפ׳ן אידן ר׳ רפאל הלוי פון דאָרף באָלכען.

אָבער אין דער צייט ווען מעץ האָט געהערט צום פראַנצויזישן קעניג לודוויק דעם פערצנטן, האָט דער דאָרף באָלכען געהערט צום פירסט פון לאָטרינגען, און מיט געוואַלד האָט מען ניט געקענט אַרויס־פאָדערן דעם אידן רפאל הלוי, סיידן דער פירסט וועט אים אַרויסגעבן. די פּאָליציי פון מעץ האָט זיך אָבער געוואָלט פאַרשפּאָרן דיפּלאָ־מאַטישע שוועריקייטן, און האָט זיך גענומען צו דער אידישער קהלה אין מעץ. אַזוי ווי לויט דער באַשולדיקונג זאָל דער איד פון באָלכן האָבן גע־בראַכט דאָס קינד קיין מעץ, האָט די פּאָליציי געזאָגט, אַז עס ליגט אויף די ראשי הקהל אַ פליכט צו פועל׳ן אויף דעם באַשולדיקטן צו קומען שטעלן זיך פאַר׳ן געריכט און פריי־וואַשן זיך.

די ראשי הקהל, וועלכע זיינען געווען זיכער אין דער אומשולדי־קייט פון ר׳ רפאל הלוי און האָבן געהאָפט, אַז עס וועט ניט שווער זיין דאָס צו דערווייזן, האָבן געשיקט אַ שליח צו אים און געבעטן קומען.

ניט קוקנדיק אויף דער גרויסער געפאַר, האָט ר׳ רפאל הלוי באַ־

שלאָסן איבערצוגעבן זיך אין די הענט פון די מעצער אויספאָרשונגס־ריכטער, כדי צו ריינוואַשן די אידישע קהלה אין מעץ.

באַלד ווי ר׳ רפאל איז געקומען אין פּאָליציי־אַמט, האָט מען אים געשמידט אין קייטן און אַריינגעוואָרפן אין תפיסה.

טעג און וואָכן זיינען אַריבער, און ר׳ רפאל האָט געשמאַכט אין תפיסה. אויף אַלע אויספאָרשונגען און פאַרהערן האָט ער גע׳טענה׳ט, אַז ער איז אומשולדיק. מ׳האָט אים אַפילו געפּרואווט צווינגען מודה צו זיין זיך אין פאַרברעכן דורך פאַרשידענע צוואַנגס־מיטלען, פּייניקונגען און יסורים, אָבער ר׳ רפאל האָט זיך געהאַלטן פעסט, און ניט געוואָלט מודה זיין זיך אין דעם אויסגעטראַכטן בלבול.

ג.

דער אמת׳ער מערדער פון קינד, אַ הויכער, געזונטער קריסט, וועמען מ׳האָט גערופן „דער רויטער יאָהאַן״, צוליב זיין רויטער באָרד, איז דערווייל אַרומגעגאַנגען פראַנק און פריי אין אַ דערבייאיקן דאָרף, וואו ער האָט געוואוינט און אַנגעיאָגט אַ שרעק אויף אַלע איינוואוינער מיט זיינע רציחות, געשלעגן און שטענדיקער שיכרות. איינמאָל, שיכור׳ערהייט, האָט ער זיך באַרימט פאַר׳ן דאָרטיקן לערער, אַז ער האָט עס דערמאָרדעט דאָס קינד, ווייל ער האָט געוואָלט אָפּרעכענען זיך מיט איר פאָטער . . .

דער לערער האָט אַפילו איבערגעגעבן דעם סוד צום עלטסטן פון דאָרף, און יענער האָט עס איבערגעשיקט צו דער פּאָליציי אין מעץ, זיינען אָבער קיינע שריט ניט אונטערגענומען געוואָרן אויסצופאָרשן די זאַך. די אידן־פיינט האָבן ניט געוואָלט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו מאַכן אַ בלוט־בלבול אויף די אידן, און זיינען געוועזן אַנטשלאָסן דורכאויס צו דערווייזן אַז דער איד רפאל הלוי איז דער מערדער. עס זיינען דערשינען נאָך „עדות״, וועלכע האָבן כלומר׳שט מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי דער איד רפאל הלוי האָט געשלעפּט דאָס מיידעלע אין דער אידישער געטאָ אין מעץ.

אַ קורצע צייט שפּעטער, איז דער „רויטער יאָהאַן״ פאַרשוואונדן געוואָרן, און זיין טויטער קערפּער איז אין עטלעכע טעג אַרום געפונען

געוואָרן אין טייך דורך פישערס. נאָך אַ קורצער אויספאָרשונג, איז אַרעסטירט געוואָרן דער פאַטער פון דער פאַרשוואונדענער מיידעלע, און ער האָט זיך באַלד מודה געווען, אַז ער האָט דערמאָרדעט דעם „רויטן יאָהאַן" אַלס נקמה פאַר'ן דערמאָרדן זיין טעכטערל. אָבער ווידער איז די דאָזיקע אונטערזוכונג אונטערדריקט געוואָרן, און די לאַגע פון ר' רפאל איז געבליבן ערנסט ווי געווען. עס האָבן אויך ניט געהאָלפן די באַמיאונגען פון דער אידישער קהלה אין מעץ צו באַ־פרייען דעם אומשולדיקן אידן. די קהילה אַליין האָט דורכגעמאַכט גרויסע שרעק, ווייל פיל העצערס האָבן געהעצט די קריסטלעכע באַפעלקערונג צו מאַכן פאָגראָמען אויף די אידן.

ד.

ענדלעך איז געקומען דער יום־הדין. מ'האָט שוין געוואוסט וואָס דער אורטייל וועט זיין. ר' רפאל האָט נאָר געהאַט איין זאָרג, די אידישע קהלה זאָל דורך אים חלילה ניט ליידן.

דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן, אַז דער איד רפאל לעווי איז געפונען געוואָרן שולדיק אין מאָרד פון אַ קריסטלעך קינד פאַר ריטועלע צוועקן, און ווערט דערפאַר פאַר'משפט פאַרברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט אויפ'ן שייטערהויפן. זיין פאַרמעגן ווערט קאָנפיס־קירט. אַלע אידן פון מעץ מוזן אַרויסגעטריבן ווערן, און זייער פאַר־מעגן ווערט אויך קאָנפיסקירט פאַר „האָבן מיטגעהאָלפן אין מאָרד".

דער טרויער אין דער אידישער געטאָ איז געווען עד לשמים. די ראשי הקהל האָבן געשיקט אַ דעלעגאַציע צום קעניג. דער קעניג האָט גראַד געהאַט אַ נאָמען אַלס אַ מלך־חסד, אָבער ער האָט אויך ניט גע־קענט פיל טאָן צו פאַרמיידן די גרויסע אומגערעכטיקייט. ער האָט אָבער מבטל געמאַכט דעם גירוש, און די אידן האָבן געדאַרפט צאָלן אַ גרויסע געלט־שטראָף און פאַרגרעסערטע שטייערן.

אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, איז ר' רפאל געגאַנגען צו דעם פּלאַץ וואו מ'האָט אים געדאַרפט פאַרברענען. שטאָלץ איז ער גע־גאַנגען, וואָרום ער האָט אויסגעהאַלטן אַלע יסורים, און האָט זיך ניט

מודה געווען אין דעם פאַרברעכן וואָס ער איז ניט באַגאַנגען, און אַזוי אַרום האָט ער געראַטעוועט זיינע ברידער פון אַ שרעקלעכן גורל.

איידער דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן האָט ער איבערגעגעבן דעם טלית און תפילין צו זיינע ברידער, און בשעת דער פייער האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט, האָבן זיינע ליפן געשעפטשעט „עלינו לשבח" און מיט די הייליקע ווערטער האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

פון ווייטע לענדער

די רעטונג

„ווײ איז מיר, דאָס קינד האָט היץ!" האָט די מאַמע אויסגערופן טיף באַזאָרגט, ווען זי האָט צוגעלייגט איר האַנט צום גליענדן שטערנדל פון איר בן־יחיד'ל.

שרה איז געווען אַליין אין הויז. איר מאַן איז געגאַנגען אין בית־מדרש צו מנחה־מעריב. זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט זיך פאַרזאַמען, וואָרום נאָך מעריב בלייבט ער שטענדיק צום שיעור וואָס דער חכם (ספרדישער רב) גיט אַלע אָוונט.

וואָס טוט מען? דאָס קינד האָט געאָטעמט מיט שוועריקייט, און דאָס פּנים'ל איז געוואָרן אַלץ מער צעפלאַמט. שרה האָט באַשלאָסן, אַז זי מוז צולויפן צום דאָקטער. ער האָט געלעבן בלויז צוויי קוואַרטאַלן פון איר הויז. זי וועט אים שוין ניט אָפּלאָזן, ביז ער וועט קומען אונטער־זוכן איר קינד, אָדער לכל־הפחות געבן אַ רפואה, וואָס וועט אַראָפּ־נעמען די היץ.

אין דרויסן איז שוין געווען טונקל. שרה האָט געוווּסט, אַז אין אינסטאַנבול גייט אַ פרוי ניט אַרויס אין גאַס נאָך זון־אונטערגאַנג. אָבער זי האָט געטראַכט, אַז זי האָט קיין ברירה ניט; איר קינד איז אַזוי קראַנק געבעך.

שרה האָט זיך אַרומגעוויקלט אין איר פאַטשיילע און איז אַרויס אין גאַס. דאָס הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און ס'איז געווען גאַנץ פינצ־טער. אַ פחד האָט אָנגעפילט איר האַרץ, אָבער איר זאָרג פאַר איר קינד איז געווען שטאַרקער ווי איר שרעק, און זי איז מיט האַסטיקע טריט גע־גאַנגען אין דער ריכטונג צום דאָקטאָר'ס הויז, ניט קוקנדיק ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס. זי האָט אויך ניט באַמערקט, אַז אַ דראָזשקע האָט גענומען נאָכפאָלגן נאָך איר.

איר וועג האָט געפירט דורך אַ זייטיקע און נאָך מער פינצטערע

געסל. ווען זי האָט זיך פֿאַרקערט אַהין האָט זיך די דראָזשקע אָפּגע־שטעלט און עס איז פֿון איר אַרויסגעשפּרונגען אַ מאַן. מיט איין האַנט אויף איר מויל, זי זאָל ניט קענען רופֿן הילף, האָט ער זי פֿלינק אונטער־געכאַפּט מיט דער אַנדער האַנט, און האָט זי אַריינגענומען אין דער דראָזשקע. דאַן איז ער שנעל געפֿאָרן ווייטער. שרה האָט פֿון שרעק גע־חלש'ט.

ווען זי איז געקומען צו זיך און האָט געעפֿנט אירע אויגן, האָט זי דערזען, אַז זי ליגט אויף אַ דיוואַן. דערבײַ, אויף אַ שטול, איז געזעסן אַ טערקישער אָפֿיציר, און זיין שאַרפֿער בליק איז געווען דאָס ערשטע זאַך וואָס אירע אויגן האָבן באַגעגנט.

שרה האָט נאָך ניט באַגריפֿן, וואָס עס האָט מיט איר פּאַסירט, און פֿאַרוואָס זי געפֿינט זיך אין אַ פֿרעמדן סאַלאָן. די פֿיינע מעבל און טעפּעכער האָבן עדות געזאָגט, אַז דער באַלעבאָס איז אַ רייכער מאַן, און דאָס איז מסתּם דער אָפֿיציר וואָס זיצט דערבײַ. פּלוצלונג האָט זי צוריקגעקראָגן איר זכרון. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אַ פּאָר שטאַרקע הענט האָבן זי מיט גוואַלד אַוועקגעטראָגן אין דער פֿינצטערניש, און זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז אַ געפֿאַנגענע אין הויז פֿון דעם אָפֿיציר. אָבער צוליב וואָס האָט ער זי געפֿאַנגען? צוליב אויסלייז־געלט? זיי זיינען דאָך אָרעמע מענטשן. אָדער אפֿשר איז דער אָפֿיציר אַ שקלאַפֿן־הענדלער? דער געדאַנק האָט זי אויפֿגעטרייסלט.

מיט טרערן אין די אויגן האָט זי זיך גענומען בעטן ביים אָפֿיציר: „לאָז מיך אָפּ, האָב רחמנות... איך האָב אַ קראַנק קינד אינדערהיים, און בין אַרויסגעלאָפֿן צום דאָקטאָר... מיין מאַן וועט ניט וויסן וואָס איבערצוטראַכטן... האָב רחמנות אויף אַן אָרימע אידישע פֿרוי..."

דער אָפֿיציר האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון איר תּחנונים. „פֿאַרגעס דיין קינד, פֿאַרגעס דיין מאַן. פֿון איצט אָן ביסטו מיינע. דו וועסט באַ מיר זיין די פּרינצעסין פֿון אַלע מיינע קעפּסווייבער. דו וועסט זיך באָדן אין לוקסוס: די שענסטע קליידער, צירונגען, בריליאַנטן, וואָס נאָר דיין האַרץ גלוסט..."

„ג־ט זאָל אויסהיטן! ווי קען דיר איינפֿאַלן אַזאַ זאַך? איך בין אַן

אָרענטלעכע, אידישע פרוי. מיין אָרט איז מיט מיין מאַן און קינד. לאָז מיך אָפּ... האָסטו דען ניט אַ פונק רחמנות אין האַרצן?״

„אַ שאָד דיינע רייד״, האָט דער אָפיציר שטרענג געענטפערט. „דו וועסט שוין מיין הויז ניט פאַרלאָזן. אַזאַ שיינע פרוי ווי דו וועל איך ניט אָפּלאָזן. וועסטו קומען צום שׂכל, וועסטו בּאַ מיר זיין די קעניגין פון מיין הויז; אויב ניט, וועסטו בּאַ מיר זיין אַ דינסט, אַ שקלאַפין. קלייב זיך אויס. דו האָסט אַ גאַנצע נאַכט צו בּאַטראַכטן זיך. איצט מוז איך דיך איבערלאָזן; איך מוז גיין אין פּאַלאַץ. איך בין דער קאָמאַנדיר פון דעם סולטאַן׳ס לייב־גוואַרדיע. בּאַטראַכט זיך גוט ס׳אַראַ גליק דאָס איז פאַר דיר. ניטאָ אַ פרוי אין גאַנץ טערקיי, וואָס וואָלט ניט געוועזן שטאָלץ צו זיין מיין אויסדערוויילטע. קום, איך מוז דיר דערוויילע פאַרשליסן אין מיין וואַכטורעם. איך האָף, אַז ביז איך וועל צוריקקומען אינדערפרי, וועסטו קליגער ווערן...״

דער אָפיציר האָט זי דאַן אַרויסגעפירט פון סאַלאָן און דורכגייענדיק אַ לאַנגען קאָרידאָר, זענען זיי צוגעקומען צו אַ זייטיקע טיר. דאַן האָט ער זי געפירט אויף רונדיקע שטיגן פון אַ שווינדלטרעפּ, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַן אייזערנע טיר. דער אָפיציר האָט אויפגעמאַכט די טיר, האָט זי אַריינגעשטופּט אינעווייניק, און האָט פאַרשלאָסן די טיר הינטער איר. שׂרה האָט געהערט ווי זיינע טריט דערווייטערן זיך, אַראָפּלויפנדיק די רונדע, שמאָלע טרעפּ.

נאָכן קלעטערן די הויכע, קרייזלדיקע טרעפּ — זי האָט איבערגעציילט אַרום הונדערט טרעפּ, ביז דער קאָפּ האָט איר גענומען שווינדלען — איז שׂרה געבליבן כמעט ווי אָן אָטעם. זי האָט זיך קוים געקענט האַלטן אויף די פיס. זי האָט געזוכט עפּעס אויף וואָס צו אָוועקזעצן זיך און אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אין דעם מאָמענט האָט די לבנה אַרויסגעשיינט פון די וואָלקנס. די פולע לבנה האָט געוואָרפן אַ זילבערנעם שיין אין דעם צימער וואו זי האָט זיך געפונען. דאָס איז געווען אַ רונד דאַך־קאַמער, אויפן שפּיץ פונעם טורעם, וואו אַ וועכטער האָט אַמאָל געהאַלטן וואַך איבער דעם האַפן. איצט איז דאָס דאַך־קאַמער געווען אינגאַנצן ליידיק, אויסער אַ דיוואַן און עטלעכע טעפּעכער און אַ וואָלענער צודעק.

שרה האָט זיך געזעצט אויפֿן דיוואַן אַן אויסגעשעפּטע, און טרערן האָבן זיך גענומען גיסן פֿון אירע אויגן. זי האָט געטראַכט וועגן איר קראַנקען בן־יחיד׳ל, און וועגן איר גוטן מאַן, וואָס מוז זיין אַזוי באַזאָרגט וועגן איר, ניט וויסנדיק וואו זי איז אַהינגעקומען. זי האָט געטראַכט וועגן איר אומבאַהאָלפֿענע, פֿאַרצווייפֿלטע לאַגע. בלויז דער אויבערשטער אַליין קען איר העלפֿן אין איר גרויסער נויט. האָט זי געשעפּטשעט אַ הייסע תּפֿילה צום אויבערשטן: „העלף מיר, רבונו של עולם! און אויב איך בין ניט ווערט דיין חסד, העלף מיר אין זכות פֿון מיין אומשולדיקן קינד...״

די נאַכט האָט זיך געצויגן אָן אַ ברעג. זי האָט געוואַרט אויף די ערשטע ליכט־שטראַלן פֿון פֿרימאָרגן, ניט וויסנדיק פֿון וואַנעט איר רעטונג קען קומען. בלויז אַ נס מן השמים קען איר ראַטעווען.

ענדלעך האָבן די נאַכט־שאָטנס גענומען פֿאַרשווינדן און אין הימל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע בלייכע שטראַלן פֿון פֿרימאָרגן. שרה האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון איר אָרט, וואו זי איז געזעסן ווי אַ פֿאַרגליווערטע אַ גאַנצע נאַכט, און איז אַרויסגעגאַנגען אויפֿן באַלקאָן וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם דאַך־קאַמער אויפֿן שפּיץ טורעם. דער באַלקאָן איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ צוים פֿון אייזערנע גראַטעס. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער די גראַטעס און האָט געוואָרפֿן אַ בליק אַראָפּצו. עס האָט איר גענומען שווינדלען פֿאַר די אויגן פֿון דער הויכקייט. אונטן איז געווען אַ שיינער גאָרטן, מיט הערלעכע בלומען, קוסטעס אוןביימער. דער גאָרטן איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּאַרקן. הינטער דעם פּאַרקן האָט זי געזען די בלויע וואַסער פֿון דעם ים־אויסגוס און פֿאַראַנקערטע שיפֿן אין האַפֿן, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי קליינע שיפֿעלעך. פֿון דער אַנדער זייט האָט זיך אויסגעשפּרייט די שיינע שטאָט, מיט אירע קופּאָלן און מינאַרעטן. זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ פּאַנאָראַמע פֿון אַזאַ הויכקייט. אַפֿילו אין איר פֿאַרצווייפֿלונג האָט זי זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פֿון דעם בילד. „ווען דער טורעם וואָלט ניט געווען אַזוי הויך, וואָלט איך אַראָפּגעשפּרונגען...״ איז איר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק. עס האָט איר גענומען טרייסלען פֿון דער קאַלטער, רויער לופֿט, און זי איז צוריק אַריין אין קאַמער. זי האָט זיך אַרומגעוויקלט מיט אַ דעקע און האָט זיך געזעצט אויפֿן דיוואַן.

דער געדאַנק וועגן אַראָפּשפּרינגען האָט זי שוין ניט אָפּגעלאָזט. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ זיכערער טויט, אָבער איז דען דער טויט ניט בעסער ווי בלייבן אַ געפאַנגענע ביים טערקישן אָפּיציר, מיט אַלע זיינע צוגעזאָגטע גליקן?

די ערשטע שטראַלן פון דער זון האָבן געגומען אַריינשטראַלן אין קאַמער. שרה האָט זיך געכאַפּט, אַז זי מוז זיך ענטשיידן וואָס צו טאָן, איידער דער אָפּיצער קומט צוריק. עס איז ניט געווען קיין צייט צו פאַר־לירן. באַלד האָט זי אָנגענומען אַ באַשלוס: אַראָפּשפּרינגען!

זי האָט זיך אַרומגעוויקלט מיט די איבעריקע טעפּעכער און צו־דעקן וואָס זי האָט געפונען אַרום זיך, אין דער האָפנונג, אַז אפשר וועט דאָס ווייכער מאַכן דעם קלאַפּ, כאָטש זי האָט ניט געגלויבט, אַז זי קען אַרויסקומען אַ לעבעדיקע פון אַזאַ פאַל. דאַן האָט זי געשעפּטשעט איר לעצטע תפילה צום אויבערשטן. „רבונו של עולם! פאַר דיר איז דאָך קיין זאַך ניט אוממעגלעך. ראַטעווע מיך אין זכות פון מיין קינד, איך זאָל אים קענען אויסהאָדעווען ער זאָל זיין אַ טרייער איד. אין דיין האַנט, ליבער ג־ט, פאַרטרוי איך מיין גייסט".

מיט די ווערטער אויף די ליפּן איז זי אַרויס אויפן באַלקאָן, האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן צוים, און האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון טורעם.

עטלעכע מינוט איז שרה געלעגן אויף דער פייכטער ערד אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד. דאַן האָט זי גענומען צוביסלעך קומען צו זיך. עס האָט זיך איר קוים געגלויבט, אַז זי איז געבליבן לעבן, נאָכן אַראָפּ־שפּרינגען פון אַזאַ הויך. זי האָט גענומען באַוועגן אירע הענט און פיס, און זי איז, מיט אומבאַשרייבלעכער פרייד און מיט טיפער דאַנקבאַר־קייט צום אויבערשטן, געקומען צום אויספיר, אַז זי איז געבליבן גאַנץ אין אַלע אירע ביינער! זי האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, ווי אַזוי זי איז געבליבן לעבן און כמעט אינגאַנצן אומבאַשעדיקט: קען דאָס זיין, אַז די וואָלענע דעקע מיט וועלכער זי האָט זיך אַרומגעוויקלט האָט זי געראַ־טעוועט? אָדער האָט זי צו פאַרדאַנקען דעם געדיכטן קוסט אין וועלכן זי איז אַריינגעפאַלן? נאַרישקייטן! דער אויבערשטער אַליין האָט זי געראַ־טעוועט: ער האָט זיכער געשיקט אַ מלאך פון הימל וואָס האָט זי אונטערגעכאַפּט און האָט זי ניט געלאָזט צעשמעטערט ווערן. עס איז

געוועזן אַ נס מן השמים! אָבער עס איז ניט געווען קיין מינוט צו פֿאַר־לירן. באַלד קערט זיך אום דער גרויזאַמער אָפֿיציר; זי מוז וואָס שנע־לער אַנטלויפֿן.

שרה האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד. „איך דאַנק דיר, ג־ט־עניו!״ האָט זי געמורמלט. די פֿייכטקייט און קעלט פֿון פֿרימאָרגן האָבן זי דורכגענומען. זי האָט זיך פֿעסטער אַרומגעוויקלט מיט דער דעקע, און האָט גענומען לויפֿן אַזוי שנעל ווי אירע פֿיס האָבן זי געטראָגן. זי האָט דורכגעשפּאַנט דעם גאָרטן און האָט גענומען לויפֿן לענג־אויס דעם צוים, ביז זי איז צוגעקומען צו אַ טויער. צום גליק איז דער טויער ניט געווען צוגעשלאָסן. דער אָפֿיציר האָט זיך שוין מסתּם אומגעקערט, און זיכער לויפֿט ער שוין אַרויף די לאַנגע געקרייזלטע טרעפּ צום שפּיץ טורעם. אַ שוידער איז איר דורך איבערן גאַנצן קערפּער. שרה האָט אָנגעשטרענגט אַלע אירע כּוחות און איז געלאָפֿן אַהיים איבער די נאָך האַלב־טונקעלע און ליידיקע גאַסן פֿון דער שלאָפֿנדיקער שטאָט. זי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט ביז זי איז אַריינגעלאָפֿן אין שטוב און אַריינ־געפֿאַלן אין די אָרעמס פֿון איר מאַן, אַן אויסגעשעפּטע און שרעקלעך מידע.

„וואָס מאַכט מיין קינד?״ איז געווען איר ערשטע פֿראַגע.

„דאָס קינד שלאָפֿט רואיק״.

„געלויבט דער אויבערשטער״, האָט שרה אויסגערופֿן, און טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון אירע אויגן. זי האָט זיך קוים געקענט האַלטן אויף די פֿיס. דער מאַן האָט זי אונטערגעכאַפּט און צוגעטראָגן צו אַ דיוואַן. ער האָט זי צערטלעך אַוועקגעלייגט אויפֿן דיוואַן, און באַלד האָבן זיך אירע אויגן גענומען צוקלעפּן.

„וואו ביסטו געווען?״ האָט דער מאַן זי געפֿרעגט.

שרה איז געווען זייער מיד. די שרעק און איבערלעבענישן, די שלאָפֿלאָזע לאַנגע נאַכט, איר אַנטלויפֿן קוים מיטן לעבן — דאָס אַלץ האָט אַלע אירע כּוחות אויסגעשעפּט. זי האָט אָפֿילו קיין כּוח ניט גע־האַט צו ריידן.

„וואו ביסטו געווען אַ גאַנצע נאַכט?" האָט דער מאַן זי איבער־געפרעגט, שוין אַביסל אומגעדולדיק.

אַ שטראָם טרערן האָט זיך ווידער אַ גאָס געטאָן פון אירע אויגן, און ווען זי האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט זי גענומען דערציילן איר מאַן אַלץ וואָס האָט מיט איר פּאַסירט אין דער נאַכט: ווי זי איז געוואָרן זייער באַזאָרגט ווען דאָס קינד איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און האָט קוים געקענט אָטעמען; ווי זי איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס צום דאָקטאָר; ווי זי איז געפאַנגען געוואָרן פון אַ טערקישן אָפיציר; ווי זי איז ענדלעך אַראָפּגעשפּרונגען פון טורעם און איז געקומען צולויפן אַהיים...

דער מאַן האָט זיך צוגעהערט צו דער שרעקלעכער געשיכטע, ניט וויסנדיק וויפל דערפון איז אמת, און וויפל דערפון איז עפּעס אַ פאַנ־טאַזיע, אַ בייזער חלום. אַז זי איז געפאַנגען געוואָרן פון אַ טערקישן אָפיציר אין אַ טונקעלער גאַס אין איסטאַנבול, האָט זיך געלאָזט גלויבן; אַזעלכע זאַכן האָבן פּאַסירט. אָבער אַז זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אַ הויכן וואַכטורעם און איז געבליבן גאַנץ אין אַלע ביינער — דאָס איז געווען אומגלויבלעך, סיידן, ווי דאָס ווייב האָט אים פאַרזיכערט, אַז אַ מלאך פון הימל האָט זי אונטערגעכאַפּט. איצט אָבער האָט ער זי מער ניט געוואָלט פאַנאַנדערפרעגן. אויסערדעם איז זי שוין געשלאָפן מיט אַ זיסן שלאָף.

ער איז שטילערהייט אַרויס פון צימער, באַשליסנדיק, אַז ער דאַרף זיך דורכריידן מיט דעם חכם וועגן דעם גאַנצן ענין. עס איז אָבער גע־ווען נאָך צו פרי צו גיין צום חכם, און אויך צו פרי צו גיין אין שול דאַוו־נען. האָט ער באַשלאָסן דורכצוגיין זיך אַביסל אויף דער פרישער לופט. ער איז אַרויס פון שטוב און האָט גענומען שפּאַצירן צום ים־ברעג. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק און האָט זיך פאַרקוקט אויף די שטילע כוואַליעס, וועלכע האָבן לאַנגזאַם פאַרפלייצט אַ שטיק ברעג און דאַן צוריק אָפּגעטראָגן זיך, און ווידער זיך אויסגעשפּרייט אויפן ברעג, יעדן מאָל מער פאַרויס. ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט ניט באַמערקט דעם טערקישן אָפיציר וואָס איז צוגעקומען צו אים, ביז ער האָט אים באַגריסט מיט אַ פריינטלעכן „גוט מאָרגן!"

„גוט מאָרגן, גוט יאָר!" האָט ער געענטפערט.

„מעג איך זיך צוזעצן לעבן אייך?" האָט דער אָפיציר העפלעך געפרעגט, און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער האָט ער זיך געזעצט דערביי. דער אָפיציר איז קענטיק אויך געווען צערודערט און באַזאָרגט.

„איך זע, אַז מיר זיינען ביידע אין אַ שלעכטער שטימונג", האָט דער אָפיציר גענומען ריידן. „איך גלויב, אַז ווען מיר וועלן זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, וועט אונז ביידן ווערן לייכטער..."

ווידער ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט דער אָפיציר גענומען דערציילן וואָס עס האָט אים אַרויסגעפירט צום ברעג ים אַזוי פרי. „איך קום צוריק פון סולטאַנ'ס פּאַלאַץ — איך בין דער קאָמאַנדיר פון סולטאַנ'ס לייב־גוואַרדיע — און דאָס פויגל איז ניטאָ, אַוועקגעפלויגן..."

שרה'ס מאַן האָט זיך כמעט ווי ניט צוגעהערט צום אָפיציר'ס רייד; עס איז ניט געלעגן אין קאָפּ אַזעלכע נאַרישקייטן. אָבער די ווייטערדיקע רייד פון דעם אָפיציר האָבן אים פאַראינטערעסירט, און ער האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערן ניט צו פאַרפעלן אַ וואָרט.

„...ניין, מיין הער. איך מיין ניט סתם אַ פויגל. דאָס איז געווען אַ זעלטן שיינע יונגע פרוי. ס'איז אָבער געווען איר אייגענע שולד. אַ יונגע פרוי וואָס גייט אַליין אַרויס אין גאַס ביינאַכט איז פּשוט אומפאַראַנטוואָרטלעך. אַ ליאַדער שקלאַפן־הענדלער האָט זי געקענט צוכאַפּן. איך האָב איר ממש געטאָן אַ טובה וואָס איך האָב זי פריער צוגעכאַפּט און געבראַכט אַהיים; ניט אַזוי?"

„איך קען מיט אייך ניט מסכּים זיין, אַז איר האָט איר געטאָן אַ טובה, אָבער איך בעט אייך דערציילט ווייטער", האָט שרה'ס מאַן אים נייגעריק צוגעמוטיקט.

דער אָפיציר האָט דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט די פאַרגאַנגענע נאַכט, מיט אַלע פּרטים. שרה'ס מאַן האָט שוין דאָס אַלץ געהערט פון זיין אייגענער פרוי. איצט האָט דער אָפיציר דאָס אַלץ באַשטעטיקט, ניט האָבנדיק דערביי קיין אַנונג אויף ווי ווייט זיין געשיכטע אינטערעסירט דעם אומבאַקאַנטן אידן וואָס ער האָט דאָ באַגעגנט.

„...איך האָב אין מיין לעבן פיל פרויען באַגעגנט. אָבער דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב באַגעגנט אַ אידישע פרוי. זיינען אַלע אידישע פרויען אַזוי העלדיש? ניט נאָר האָט זי אָפּגעוואָרפן אַלע מיינע צוגעזאָגטע גליקן, נאָר באַ איר איז געווען רעכט צו באַגיין זעלבסטמאָרד, אַבי צו בלייבן טריי איר מאַן און איר גלויבן! ווען איך וואָלט געקענט איינפאַלן, אַז זי וועט אַראָפּשפּרינגען פון אַזאַ הויכן וואַקטורעם? אָבער אַז זי זאָל זיך אויפהויבן און פאַרשווינדן נאָך אַזאַ פאַל — דאָס קען איך שוין אינגאַנצן ניט פאַרשטיין. ווען איך וואָלט ניט געהאַט סימנים, אַז זי איז באמת אַראָפּגעשפּרונגען, וואָלט איך געזאָגט, אַז עס זיינען איר איבערנאַכט אויסגעוואַקסן פליגלען, און זי איז אַוועקגעפלויגן...“

„מערקווירדיק!“ האָט שרה׳ס מאַן באַמערקט.

„מערקווירדיק, מיין הער? עס איז פּשוט אומגלויבלעך! איך האָב באַלד באַמערקט צופוסן פון טורעם אַן איינגעקוועטשטן געדיכטן קוסט, וואו זי איז געפאַלן. דאָס איז איין סימן. דער צווייטער סימן — און דאָס איז אייגנטלעך מיין גרעסטער פאַרדרוס אין דעם מאָמענט — די דעקע...“

„די דעקע?“

„יאָ, די דעקע אין וועלכער זי האָט זיך מסתם אַרומגעוויקלט איידער זי איז אַראָפּגעשפּרונגען. איך וואָלט שוין די פרוי אַרויסגעשלאָגן זיך פון קאָפּ: פאַרפאַלן... אָבער די דעקע — דאָס טוט מיר זייער לייד...“

„פאַרוואָס זאָל אייך פאַרדריסן אַן איינפאַכע וואָלענע דעקע?“ האָט שרה׳ס מאַן געפרעגט, און ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער האָט גערעדט איבעריקע ווערטער. צום גליק האָט דער אָפיציר ניט געלייגט קיין אַכט אויף די ווערטער, און עס איז אים ניט געוואָרן אויפפאַלנד, פון וואַנעט ווייס דער אומבאַקאַנטער, אַז עס איז געווען „אַן איינפאַכע, וואָלענע“ דעקע. ער האָט געענטפערט:

„דאָס איז ניט געווען קיין איינפאַכע דעקע, מיין הער! איך האָב אין דער דעקע איינגענייט טייערע בריליאַנטן און איידלשטיינער, וועלכע

זיינען ווערט אַן אוצר גאָלד. איך האָב די דעקע געהאַלטן פאַרשלאָסן אין מיין וואַכטורעם! קיינער האָט דעם סוד ניט געוואוסט. איצט איז דאָס אַלץ פאַרלאָרן... האָט איר עפּעס אַן עצה דערצו?״

שרה׳ס מאַן האָט שוין מער ניט געהאַט וואָס צו הערן פון אָפיציר. עס איז געווען געָנוג, וואָס דער אָפיציר האָט אַלץ געָנוי באַשטעטיקט וואָס שרה האָט אים דערציילט. עס איז באמת געווען אַ נס מן השמים, וואָס שרה איז געבליבן לעבן, געזונט און גאַנץ, און האָט נאָך דערצו גע־בראַכט אַזאַ אוצר. דאָס איז זיכער אַ פאַרגיטיקונג פאַר די שרעק וואָס דער „איידעלער״ אָפציר האָט איר פאַרשאַפט.

„נו, האָט איר עפּעס אַן עצה?״ האָט דער אָפיציר איבערגעפרעגט.

„וואָס קען דאָ העלפן אַן עצה? דער גורל האָט אייך אָפּגעשפּילט אויף טערקיש... די איינציקע עצה וואָס איך קען אייך געבן, איז צו לאָזן צורו פרעמדע פרויען, און באַהאַלטן אייער געלט אין אַ זיכערן אָרט...״ אַזוי זאָגנדיק, האָט זיך שרה׳ס מאַן אויפגעהויבן צו גיין אַהיים.

„וואַרט אַ מינוט, איר האָט דאָך מיר ניט דערציילט, וואָס עס קוועטשט אייך אויפן האַרצן״, האָט דער אָפיציר אויסגערופן.

„איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז נאָכדעם ווי איר האָט זיך אַראָפּ־גערעדט פון האַרצן, איז מיר אויך לייכטער געוואָרן. איך האָב געמיינט, אַז איך האָב אַ פּראָבלעם, אָבער אויסהערנדיק אייער פּראָבלעם, איז מיין פּראָבלעם פאַרשוואונדן געוואָרן...״

שרה׳ס מאַן האָט שוין איצט ניט געהאַט וועגן וואָס צו ריידן מיטן חכם. ער איז מיט שנעלע טריט געגאַנגען אַהיים. שרה האָט זיך שוין גע־האָט אויסגערוט און האָט זיך פאַרנומען מיט איר אַרבעט אין דער קיך. איר מאַן האָט זי באַגעגנט מיט אַ פריידיקער אויפרעגונג: „דער אויבער־שטער האָט אונז געטאָן אַ גרויסן חסד!״ און ער האָט איר דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש מיט דעם אָפיציר, וועלכער האָט זי געהאַלטן גע־פאַנגען אַ גאַנצע נאַכט אין וואַכטורעם.

„די דעקע!״ האָט שרה זיך אַ כאַפּ געטאָן. זי האָט געהאַט באַהאַלטן די דעקע אַלס אַן אָנדענקונג פון דעם נס וואָס האָט מיט איר פּאַסירט.

איצט האָט זי אַרויסגענומען די דעקע און האָט אַרומגעטאַפּט די ברעגן. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט זי אויפגעטרענט די זוימען פון דער דעקע און האָט איינציקווייז אַרויסגעצויגן די טייערע בריליאַנטן, וועלכע זיי האָבן איינגעוויקלט אין אַ זעקעלע.

„מיר וועלן אין דער דאָזיקער זינדיקער שטאָט מער ניט פאַר־בלייבן", האָט שרה׳ס מאַן געזאָגט. „מיר וועלן זיך אַריבערקלייבן אין אַן אַנדער שטאָט, און מיר וועלן וויסן וואָס צו טאָן מיט דעם אוצר וואָס דער אויבערשטער האָט אונדז צוגעשיקט. ווי וואונדערלעך זיינען די וועגן פון דער השגחה־פּרטית!"

אַ האַרץ איז אַ שפּיגל

אין דער שטאָט אַלעפּאָ (אין סיריע) האָט אַמאָל געלעבט אַ איד, שמשון איז געווען זיין נאָמען. און גערופן האָבן אים אַלע „שמשון הגבור". ער איז אָבער בפירוש ניט געווען פון דעם סאָרט, וואָס די חכמים פון דער משנה באַצייכענען אַלס אמת'ער גבור — „איזהו גבור, הכובש את יצרו" — אַזאַ איינער וואָס באַזיגט זיין יצר־הרע.

געווען איז ער אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער איד, וואָס האָט אָנגע־וואָרפן אַ מורא אויף די אידישע קרעמער און מאַרק־הענדלער. ער האָט אויך ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, און אַז ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַ האַלב־שיכור'ער אין מאַרק, האָבן אַלע פּאַר אים אָפּגעטראָטן דעם וועג. אַרבעטן און פאַרדינען אַ כשר'ע פּרוטה האָט ער ניט געוואָלט. ער פלעגט פּשוט „נעמען אויף באָרג" עסנוואַרג, גרינסן און פּרוכט, און קיינער האָט ניט געוואַגט אים צו אַנטזאָגן, אָדער בעטן באַצאָלן. און ווען אַן אָרעמע קרעמערקע פלעגט אים אַמאָל דערמאָנען, אַז ער איז איר נאָך שולדיק אַ פריערדיקן חוב, פלעגט ער אָנשטעלן אַ פּאָר אויגן ווי אַ גזלן, אָדער אַמאָל אויך אַ ברום געבן: „איך וועל דיר שוין אַזוי באַצאָלן, אַז דו וועסט פאַרזאָרגן אַ צענטן!" און גיי שריי „חי וקים!"

אַז ס'איז געוואָרן כמעט אוממעגלעך אויסצוהאַלטן פון אים, האָבן מענטשן גענומען באַקלאָגן זיך פאַרן רב אויף שמשון'ס הנהגה. האָט דער רב געשיקט זיין שמש צו רופן שמשון'ען. שמשון איז געקומען צום רב און האָט אָנגעשטעלט אַן אומשולדיק פּנים. „דער רב האָט מיר עפּעס וואָס צו זאָגן?" האָט ער געפרעגט.

„איך האָב שוין גריילעך וואָס צו זאָגן", האָט דער רב געזאָגט, און האָט אים גענומען מוסר'ן פאַר זיין הנהגה. שמשון האָט געלייקנט שטיין און ביין. „אדרבה", האָט ער גע'טענה'ט „זאָל דער רב זאָגן, ווער עס האָט זיך באַקלאָגט אויף מיר!"

„איך דאַרף דיר קיין נעמען ניט אָנגעבן", האָט אים דער רב

שטרענג געענטפערט. „ס׳איז גענוג, אַז ס׳איז צו מיר דערגאַנגען אַזאַ מין קלאַנג״.

„אויף אַ קלאַנג קען מען ניט בויען״, האָט שמשון שוין אַביסל חוצפה׳דיק געענטפערט. „אויב אימיצער האָט אַ טענה צו מיר, בין איך גרייט צו שטעלן זיך צו אַ דין־תּורה...״

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט ניט געוואָגט צו רופן שמשון׳ען צו אַ דין־תּורה; דאָס וואָלט דאָך געווען סכנת־נפשות, און שמשון איז זיך ווייטער אַנגעגאַנגען ווי פריער.

אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען אַ אידענע פון אַ דערבייאיקן דאָרף מיט צוויי קוישן פּרוכט און גרינסן און האָט זיך געזעצט אין מאַרק וואַרטנדיק אויף אַ קונה. גייט פאַרביי אַ הויכער איד און שטעלט זיך אָפּ. ער קלייבט אויס עטלעכע שיינע פּרוכט און אַ בינטל מערן, לייגט ער אַריין אין זיין קאָרב און שפּאַצירט זיך אַוועק.

„ר׳ איד! איר האָט מיר ניט באַצאָלט!״ רופט אויס די דאָרפס־אידענע.

שמשון שטעלט זיך אָפּ, וואַרפט איר צו אַ בייזן בליק און זאָגט איר: „פאַרמאַך דיין פּיסק, אידענע! זיי צופרידן, וואָס איך האָב באַ דיר ניט גענומען מער...״

די אידענע איז אָבער ניט געווען צופרידן פון אַזאַ גליק. זי האָט גע־נומען שרייען: „געוואַלד! ער האָט מיך באַ׳גזל׳ט! אידן וואָס שווייגט איר?!״

שמשון האָט זיך ווייניק וואָס געקימערט און איז פּאַמעלעך אַוועק־געגאַנגען.

קיינער האָט ניט געוואָגט אַנצוהויבן זיך מיט שמשון׳ען. אָבער ווען ער איז אַוועק, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ געזעמל אידן אַרום דער דאָרפס־אידענע און האָבן איר אויפגעקלערט, אַז דאָס איז דער טרויעריק באַ־רימטער „שמשון הגבור״, אַ איד אַ גזלן, וואָס קיינער וויל זיך ניט־פאַר־טשעפּן מיט אים. זיי האָבן איר אָבער אַן עצה געגעבן, צו גיין צום רבֿ

און רופן שמשון׳עז צו אַ דין־תּורה. די אידענע האָט זיך טאָקע ניט געפּוילט און איז אַוועק צום רבֿ.

„ענדלעך האָבן מיר אַ דין־תּורה מיט שמשון׳ען״, האָט דער רבֿ געזאָגט, און האָט תּיכּף געשיקט רופן דעם חבֿרה־מאַן.

שמשון איז געקומען. „איך בין גרייט אויסצוהערן די טענות פון ביידע צדדים״, האָט דער רבֿ געזאָגט, און האָט געהייסן די דאָרפס־אידענע זי זאָל זאָגן אין שמשון׳ס אַנוועזנהייט, וואָס איר טענה איז צו אים. די אידענע האָט דערציילט ווי זי איז געקומען אין מאַרק מיט אירע צוויי קוישן פּרוכט און גרינסן, און ווי אַזוי אָט דער מאַן האָט צו זיך אין קאָרב אַריינגעלייגט אירע בעסטע פּרוכט און אַ בינטל מערן און איז אַוועק ניט באַצאָלנדיק פאַר דעם קיין גראָשן . . . „אַלע אידן אין מאַרק האָבן געזען און געהערט . . .״ האָט זי אָנגעגעבן אַלס עדות.

דאַן האָט זיך דער רבֿ געווענדעט צו שמשון׳ען און האָט אים געפרעגט, וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן דער טענה.

שמשון האָט ניט געלייקנט, אַז ער האָט גענומען די פּרוכט און גרינסן, ער האָט אָבער זיך פאַרענטפערט: „ווער זאָגט עס, אַז איך וועל ניט באַצאָלן? איך וועל באַצאָלן, ווען איך וועל האָבן געלט . . .״

דאַן האָט דער רבֿ אַרויסגעגעבן זיין פּסק־דין: שמשון מוז תּיכּף אָדער אומקערן די פּרוכט און גרינסן צו דער אידענע, אָדער באַצאָלן פאַר דעם אויפן אָרט. דערביי האָט ער געוואָרנט שמשון׳ען, אַז ווייל דאָס איז די ערשטע דין־תּורה קעגן אים, לאָזט ער אים אָפּ אָן אַ שטראָף, אָבער אויב נאָך עמיצער וועט אים רופן צו אַ דין־תּורה און ער וועט זיך אַרויסווייזן דער שולדיקער, וועט אים דער רבֿ געבן גאָר אַ האַרבע שטראָף.

ניט אויסריידנדיק אַ וואָרט, האָט שמשון באַצאָלט דער אידענע פאַר די פּרוכט און גרינסן וואָס ער האָט באַ איר גענומען. אָבער אַרויסגייענדיק פון בית־דין שטיבל, האָט ער געבורטשעט פאַר זיך: „איך וועל זיך שוין אָפּרעכענען מיטן רבֿ . . .״

דער שמש האָט געהערט שמשון׳ס בייזע ווערטער און ער האָט זיך

דערשראָקן. דער שמשון איז פּייאיק אויף אַלץ, האָט דער שמש געטראַכט, און ער האָט באַשלאָסן צו וואָרענען דעם רב.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט דער רב באַקומען אַן איינלאַדונג צו זיין סנדק אויף אַ ברית אין דעם דערבייאיקן דאָרף. דער רב האָט געהייסן דעם שמש צו דינגען אַ בעל־עגלה און זיי האָבן זיך געלאָזט פאָרן אין דאָרף צום ברית.

דער וועג האָט געפירט דורך אַ וועלדל, און דער שמש האָט געהאַלטן אַן אָפן אויג, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט, אַז אפשר לויערט אויף זיי „שמשון הגבור", און אויב ער איז נאָך האַלב שיכור דערצו, איז פּשוט סכנת־נפשות. און טאַקע פון וויטן האָט ער באַמערקט אַ פאַרדעכטיקן פאַרשוין וואָס פאַרשטעקט זיך הינטער אַ בוים. ער האָט באַלד דערציילט דעם רב וועגן דעם און האָט פאָרגעלייגט, אַז ס׳איז גלייכער זיי זאָלן זיך אומקערן צוריק.

דער רב האָט געהייסן דעם בעל־עגלה אָפּשטעלן זיך, זאָגנדיק: „די זון האָט אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן זיך אויף די שפּיצן ביימער; ס׳איז שוין נאָך האַלבן טאָג, און שוין צייט צו דאַווענען מינחה".

דער רב איז אַראָפּ פון וואָגן, האָט געוואַשן די הענט פון אַ פלאַש וואַסער וואָס זיי האָבן מיטגענומען, און איז צוגעגאַנגען צו אַ בוים און האָט זיך געשטעלט דאַווענען מינחה. ער האָט געדאַוונט מיט גרויס כוונה און איז אויך אַ ווײַלע געשטאַנען פאַרטראַכט. דאַן איז ער צוריק אַריין אין וואָגן און האָט געהייסן דעם בעל־עגלה צו פאָרן ווייטער.

ווייט זיינען זיי ניט געפאָרן. פלוצעם איז שמשון אַרויסגעלאָפן פון הינטער אַ בוים אין מיטן וועג און האָט אָפּגעשטעלט דעם פערד. דאַן איז ער צוגעלאָפן צום רב, האָט אָנגעכאַפּט און געקושט זיין האַנט און האָט מיט טרערן אין די אויגן געבעטן דעם רב׳ס מחילה. דער רב האָט אים מוחל געווען בתנאי אַז וועט אים צוזאָגן, אַז ער וועט זיך שוין מער ניט פירן ווי פריער. שמשון האָט עס אים צוגעזאָגט מיטן גאַנצן האַרצן. דאַן האָבן זיי זיך פריינטלעך געזעגנט און זיינען געפאָרן ווייטער.

דער שמש וואָס האָט דאָס אַלץ צוגעזען מיט אַ קלאַפּנדיקע האַרץ האָט פריי אָפּגעאָטעמט. ער איז אָבער געווען דערשטוינט פון דער גאַנ־

צער געשעעניש און האָט געבעטן דעם רב צו דערקלערן אים, פאַרוואָס ער איז געווען אַזוי זיכער, אַז אַלץ וועט זיך אויסלאָזן אַזוי גוט.

„איך וועל דיר דאָס דערקלערן מיט אַ פּסוק חומש", האָט דער רב געענטפערט. „דו ווייסט דאָך די געשיכטע מיט יעקב און עשו, ווי אַזוי יעקב אבינו האָט באַקומען די ברכות פון זיין פאָטער יצחק, און עשו האָט אים דערפאַר געוואָלט הרג'ענען. דאַן האָט רבקה געהייסן איר באַליבטן זון יעקב צו אַנטלויפן פון שטוב און גיין צו איר ברודער לעבן אין חרן, און זיין באַ אים ביז עשו'ס שנאה וועט איבערגיין (עד שוב חמת אחיך). מסתּם האָט יעקב אבינו געטראַכט, ,ווי אַזוי וועל איך וויסן ווען עשו'ס שינאה וועט איבערגיין? ער וועט מיר שיקן אַ בריוול, אַז ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך מיר? און אויב איך באַקום שוין אַזאַ בריוול, קען מען זיך פאַרלאָזן אויף עשו'ס וואָרט?' אָבער עס ווייזט אויס, אַז רבקה האָט ווי געלייענט יעקב'ס געדאַנקען, וואָרום זי האָט באַלד צוגעגעבן: ,...ביז די שינאה צו דיין ברודער וועט זיך אָפּטאָן פון דיר (עד אשר תשוב חמת אחיך ממך)!' דאָס איז געווען יעקב'ס סימן וואָס זיין מוטער רבקה האָט אים געגעבן: אַז ער וועט אויפהערן צו פילן אַ שינאה צו זיין ברודער, וואָס צוליב אים האָט ער געמוזט אַנטלויפן פון דער היים, איז אַ סימן, אַז דער ברודער האָט אויפגעהערט צו פילן אַ שינאה צו אים.

„זעסטו", האָט דער רב ווייטער דערקלערט, „אַ האַרץ איז אַ שפּיגל, וואָס שפּיגלט אָפּ די געפילן וואָס מענטשן האָבן איינער צום צווייטן. און אַזוי איז דאָס געווען אויך אין אונזער פאַל. איך בין געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף שמשון'ען צוליב זיין הנהגה. אָבער איצט, אַז איך האָב זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט אים, האָב איך זיך אַריינגעטראַכט אַז נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ איד, אַ ברודער, און ס'איז דאָך אויף אים אַ גרויסער רחמנות וואָס ער פירט זיך אויף ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. מ'מעג פיינט האָבן זיין ניט-אידישע הנהגה, אָבער ער איז דאָך פאָרט אַ איד, און אַ אידן טאָר מען ניט פיינט האָבן; אדרבה, מ'דאַרף אים אַרויסהעלפן אין זיין ביטערן מצב, מיט איינזעעניש און ברידערלעכער ליבשאַפט. און ווען איך האָב זיך אַריינגעטראַכט אין דעם, האָב איך דערפילט אין האַרצן, אַז יעדער געפיל פון כעס און פיינטשאַפט איז פאַרשוואונדן, און מיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט רחמנות און ליבשאַפט צו אים. דאַן בין איך געווען זיכער, אַז די דאָזיקע געפילן וועלן

זיך אָפּשפּיגלען אויך אין שמשון׳ס האַרץ, און איך האָב זיך גאָר ניט גע־שראָקן צו באַגעגענען זיך מיט אים אין וואַלד...

„און דאָס איז אויך וואָס אונזערע חכמים, זכרונם לברכה, לערנען אונז", האָט דער רב אויסגעפּירט: כמים הפנים לפנים — „ווי וואַסער שפּיגלט אָפּ אַ געזיכט, אַזוי שפּיגלט אָפּ איין האַרץ די געפילן פון אַ צווייטע האַרץ".

דער דאָקטער

אַמאָל האָט אין דער אַלטער שטאָט באַגדאַד געלעבט אַ גרינס־פּאַר־קויפער; אברהם איז געווען זיין נאָמען. ער האָט געהאַט אַ קרעמל אויפן מאַרקפּלאַץ, וואו ער האָט פאַרקויפט אַלערליי גרינסן און שאר ירקות. ס׳רוב קונים זיינען געווען אָרעמע ווייבער, אידישע און ניט־אידישע (אַראַבישע), וועלכע פלעגן קומען צו אים קויפן „מציאות״, און ער האָט אַלעמען באַהאַנדלט ערלעך, מיט איינזעעניש און גוט־האַרציקייט. און טאָמער האָט אַן אָרעמע פרוי ניט געהאַט די פּאָר גראָשן צו באַצאָלן, איז זי ניט אַרויס פון זיין קרעמל מיט ליידיקע הענט. אברהם האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען אין מאַרק, אָבער פון זיין גוטסקייט און ערלעכקייט האָט ער פיל פּרנסה ניט געהאַט, און ער האָט קוים געקענט שפּייזן זיין ווייב און קינדער. פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט באַקלאָגט אויף זיין שווערע מערכה; אדרבה ער האָט געלויבט און געדאַנקט דעם אויבערשטן וואָס ער דאַרף חלילה ניט אָנקומען צו לייטן, און וואָס ער איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ גוטע ווייב און טייערע קינדערלעך, פון וועמען זיי האָבן געהאַט אמתע אידישע נחת.

אברהם׳ס גוטע אויפפירונג — צו ג־ט און צו לייטן — האָט גע־מאַכט אַ רושם אין הימל. די מלאכים וועלכע זיינען געבאָרן געוואָרן פון די מצוות און מעשים טובים וואָס אברהם און זיין ווייב האָבן געטאָן אַלע טאָג, האָבן מלמד זכות געווען אויף זיי, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זיי זאָלן אויפגעריכטעט ווערן און מער ניט דאַרפן ליידן נויט. אויך דער שטן האָט ניט געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן דעם; אדרבה, ער האָט גע־זאָגט, לאָמיר זען אויב אברהם וועט זיין אַזוי גוט און פרום אין רייכקייט ווי אין אָרעמקייט.

* * *

יענע נאַכט איז דער כאַליף געזעסן אויפן דאַך פון זיין פּאַלאַץ, צוזאַמען מיט זיין באַליבטן שטערנזעער. זיי האָבן געקוקט אויף די

שטערן, כדי אויפצוכאַפּן צייכנס וועגן צוקונפטיקע פּאַסירונגען, לויט די אויסטייטשונגען פון דעם קעניגלעכן שטערנזעער.

פלוצלונג האָט אויפגעשיינט אַ שטערן און איז ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן פון איין עק הימל צום צווייטן און האָט זיך אויסגעלאָשן.

אַ פּחד האָט אָנגעפילט דעם כאַליף׳ס האַרץ. „וואָס זאָל דאָס באַדייטן?״ האָט ער געפרעגט זיין שטערנזעער מיט אַ טיפער אומרואיקייט.

דער שטערנזעער איז געווען אַ שונא־ישראל און האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו באַוועגן דעם כאַליף אַרויסצוטרייבן די אידן פון זיין מלוכה. איצט איז געקומען די געלעגנהייט. מיט אַן ערנסטע מינע און מיט פאַרגלאַצטע אויגן, האָט ער דעם כאַליף אויפגעקלערט דעם „סוד״ פון דעם געפאַלענעם שטערן:

דו זאָלסט וויסן, גרויסער כאַליף, אַז דאָס איז דער שטערן פון די אידן אין דיין לאַנד. וואָס מיר האָבן אָקאָרשט געזען, מיינט, אַז זיי האָבן געהאַט אַ ליכטיקן מזל אונטער דיין הערשאַפט און האָבן זיך אויסגעשפּרייט פון איין ברעג פון דיין לאַנד ביזן צווייטן, אָבער איצט איז זייער מזל אויסגעשפּילט. דו מוזט דעריבער אַרויסגעבן אַ באַפעל אַרויסצוטרייבן אַלע אידן פון דיין לאַנד״.

„אָבער די אידן האָבן געבראַכט מזל און ברכה אין מיין לאַנד; זיי זיינען גוטע און געטרייע בירגער, און האָבן זיך ניט פאַרזינדיקט קעגן מיר צו פאַרדינען אַזאַ שווערע שטראָף!״ האָט דער כאַליף זיך געקווייקלט.

„די שטערן אין הימל לייַגן ניט; ס׳איז אַ גרויסע געפאַר ניט אויסצופאָלגן זיי!״ האָט דער שטערנזעער געוואָרנט.

„איך האָב געהערט — האָט זיך דער כאַליף ווייטער געפּרוּווט דינגען — אַז אידן שטייען ניט אונטער דער מאַכט פון די שטערן אין הימל, נאָר זייער ג־ט אַליין פירט אָן מיט זייער גורל״.

„דאָס איז טאַקע אמת, אָבער ניט דער גאַנצער אמת״, האָט דער כיטרער שטערנזעער געענטפערט. „ווען אידן פירן זיך לויט ווי זייער

ג־ט פאַרלאַנגט פון זיי, דאַן פירט ער אַן מיט זייער גורל און קיינער האָט ניט קיין שליטה איבער זיי. אָבער ווען אידן דערווייטערן זיך פון זייער ג־ט און היטן ניט אָפּ זייער תורה און מצוות ווי עס באַדאַרף צו זיין, לאָזט ער זיי איבער אויף דעם באַראָט פון די שטערן, ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט".

„און פון וואַנעט איז די ראַי', אַז די אידן געפינען זיך איצט אין אַזאַ מצב?" האָט דער כאַליף געפרעגט.

„איך קען דעם כאַליף לייכט איבערצייגן אין דעם".

„ווי אַזוי?"

גאַנץ פשוט. מיר וועלן געפינען אַן אָרעמען ערלעכן אידישן קרע־מער אין מאַרק, און דער כאַליף וועט אים הייסן פאַרנעמען זיך מיט אַ גאַנץ אַנדערע באַשעפטיקונג צו וועלכע ער איז גאָרניט צוגעפּאַסט, ווי, למשל, פאַרנעמען זיך מיט דאָקטעריי. דאַן וועלן מיר זען: אויב ער וועט מצליח זיין און דערביי בלייבן דער זעלבער גוטער און פרומער איד, איז אַ סימן אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות וועגן דעם אויסגעלאָשענעם שטערן. אָבער אויב ער וועט ניט מצליח זיין, אָדער אַפילו יע מצליח זיין, נאָר ניט ביישטיין דעם נסיון פון עשירות, וועט זיין קלאָר, אַז דער כאַליף האָט ניט וואָס איבערצוטראַכטן און קען אַרויסגעבן די גזירה מיט אַ זיכערע האַרץ".

דער כאַליף האָט מסכים געווען. אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן זיך דער כאַליף און זיין שטערנזעער פאַרשטעלט אין איינפאַכע בגדים און האָבן געמאַכט אַ שפּאַציר אין מאַרק. זיי האָבן זיך גענומען נאָכפרעגן, „ווער איז דער ערלעכסטער קרעמער אין מאַרק?"

„אברהם דער גרינס־פאַרקויפער", האָבן אַלע געענטפערט.

צוריקקומענדיק אין פּאַלאַץ, האָט דער כאַליף געהייסן ברענגען דעם אידן, און אַ קורצע ווײַלע שפּעטער איז אברהם געשטאַנען פאַר דעם כאַליף, אַ בלייכער און פאַרציטערטער.

„וואָס איז דיין נאָמען?" האָט אים דער כאַליף געפרעגט.

„אברהם".

„און דיין באַשעפטיקונג?"

„איך פאַרקויף גרינסן אין מאַרק".

„וואָלסטו וועלן זיין אַ דאָקטער?"

„איך, אַ דאָקטער? דער כאַליף שפּאַסט מסתּם".

„ניין, איך שפּאַס שוין גאָרניט. פון היינט אָן ביסטו אַ דאָקטער?"

„האָב רחמנות..." האָט זיך אברהם גענומען בעטן.

„דאָס איז מיין באַפעל! גיי געזונטערהייט און קום צוריק אין אַ חודש אַרום. איך וויל וויסן ווי עס גייט דיר אין דיין נייעם באַרוף".

אברהם איז געקומען אַהיים. ער האָט אויסגעזען ניט מיט אַלעמען.

„וואָס איז מיר דיר? אפשר זאָלסטו גיין זען אַ דאָקטער?" האָט זיין באַזאָרגטע ווייב צו אים געזאָגט.

„איך בין אַליין אַ דאָקטער", האָט אברהם געענטפערט מיט אַ ביטערן שמייכל.

„ווי איז מיר! ביסטו חלילה אַראָפּ פון זינען? וואָס הייסט דו ביסט אַליין אַ דאָקטער?"

אברהם האָט איר דערציילט וועגן דעם כאַליף'ס באַפעל.

„מזל טוב! אַז דער כאַליף זאָגט אַז דו ביסט אַ דאָקטער, ביסטו אַ דאָקטער. מיטן כאַליף קען מען זיך ניט שפּילן. דער אויבערשטער וועט רחמנות האָבן..." האָט זי אים געטרייסט.

„אברהם האָט פאַרקויפט זיין קרעמל. ער האָט זיך אויפגענייט אַ נייעם מלבוש און איז אַרויסגעגאַנגען אין איינעם פון די שיינע געגנטן פון באַגדאַד, וואו ער האָט געדונגען אַ צימער צו דער גאַס און האָט אויפגעהאַנגען אַ שילד: „אברהם דער רופא".

באַלד האָבן גענומען קומען פּאַציענטן צום נייעם דאָקטער. ס'רוב זיינען דאָס געווען רייכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַקלאָגט אויף אַלערליי חולאת'ן, קאָפּווייטיק, האַרצקלאַפּעניש, און אַנדערע אמתע און

איינגערעדטע קרענק. אברהם האָט זיי באַהאַנדלט פריינטלעך און געדולדיק. דעם האָט ער געזאָגט, אַז זיין מיחוש קומט פון צופיל זאָרג און זאָל דעריבער האָבן מער בטחון אין דעם באַשעפער. אַ צווייטן פּאַציענט האָט ער געזאָגט, אַז ער עסט צופיל, און זאָל אַ וואָך צייט אָפּהיטן אַ דיעטע פון גרינסן. אַ דריטן האָט ער „פאַרשריבן" אַ רפואה, וואָס ער האָט אַליין צוגעגרייט פון גרינסן־זאַפט און האָניק, אאַ"וו. און מערקווירדיק! זיינע עצות און רפואות האָבן געהאָלפן; די פּאַציענטן האָבן געפילט אַז עס ווערט זיי פשוט ליכטיק אין די אויגן.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט ביז אברהם האָט זיך קונה־שם געווען אַלס בעסטער דאָקטער אין באַגדאַד. רייך און אָרעם זיינען געקומען צו אים זיך היילן. אברהם האָט זיינע פּאַציענטן ניט באַריסן. וויפל איינער האָט אים באַצאָלט, האָט ער גענומען מיט אַ דאַנק, און פון אַן אָרעמאַן האָט ער קיין געלט ניט גענומען, נאָר אָפּט געגעבן אַ שיינע נדבה צו קענען איינקויפן זיך מער נאַרהאַפטע שפּייז. די רייכע פּאַציענטן האָבן אים אָבער באַשאָטן מיט גאָלד און געשאַנקען.

די הצלחה האָט אברהם'ען ניט פאַרדרייט דעם קאָפּ. ער האָט ווייטער געפירט זיין באַשיידענעם לעבן און האָט פאַרטיילט צדקה בסתר מיט אַ ברייטער האַנט.

אַזוי זיינען דורכגעלאָפן די ערשטע דרייסיק טעג און אברהם איז אַוועק צום פּאַלאַץ צו שטעלן זיך פאַר דעם כאַליף.

קומענדיק צום טויער פון דעם פּאַלאַץ, האָט מען אים געזאָגט, אַז דער כאַליף איז קראַנק און קען קיינעם ניט אויפנעמען.

„איך בין אברהם דער דאָקטער!" האָט ער געזאָגט צו די שומרים. „לאָזט מיך אַריין צום כאַליף, אפשר קען איך אים העלפן".

מ'האָט דעם באַרימטן דאָקטער באַלד אַריינגעפירט אין קעניגלעכן שלאָף־צימער, וואו דער כאַליף איז געלעגן מיט אַ פישביין אין האַלדז און האָט געקרעכצעט פון ווייטיק. דעם כאַליף'ס דאָקטוירים האָבן געפּרוווט אַרויסנעמען דעם ביין, אָבער וואָס מער זיי האָבן זיך געפּאָרקעט דערמיט, אַלץ ערגער האָבן זיי געמאַכט, ביז דער כאַליף האָט

זיי מיט כּעס אַרויסגעטריבן און האָט זיך געגרייט אויסצוהויכן זיין נשמה.

„איך בין אברהם דער דאָקטער!" האָט אברהם געזאָגט אַריינ־קומענדיק צום כאַליף.

דער כאַליף האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. ער האָט זיך גע־קייכט און געשטיקט לאַכנדיק און האָט זיך אַזוי שטאַרק צעהוסט, ביז ער האָט אַרויסגעבראָכן דעם פישביין פון גאָרגל...

ס'איז דעם כאַליף ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. „דו האָסט מיך געראַטעוועט, מיין טייערער אברהם! ווי זאָל איך דיר באַלוינען?" האָט צו אים דער כאַליף געזאָגט מיט טיפער דאַנקבאַרקייט.

„עס קומט מיר ניט קיין דאַנק, אדוני המלך", האָט אברהם געענט־פערט. „דער אויבערשטער איז דער אמתער רופא־חולים".

„אויב דער אויבערשטער מאַכט דיך פאַר אַ שליח צו היילן קראַנקע — ביסטו באמת אַ גוטער דאָקטער. פון היינט אָן וועסטו זיין מיין פּערזענלעכער דאָקטער. און איצט דאַרפן מיר מאַכן אַ שטיקל חשבון מיט מיין שטערנזעער". ער האָט געהייסן אַריינפירן דעם שטערנזעער און האָט צו אים געזאָגט:

„דו האָסט פאַרשפּילט דיין קאָפּ! ווען דו וואָלסט געווען אַ גוטער שטערנזעער וואָלסטו געוואוסט, אַז דער אויסגעלאָשענער שטערן איז געווען ניט דער אידישער שטערן, נאָר דיין אייגענער אומגליקלעכער שטערן..."

דער שטערנזעער האָט זיך געוואָרפן צום כאַליף'ס פיס און האָט זיך געשוואָרן, אַז ער וועט מער ניט אויסריידן אַ שלעכט וואָרט קעגן די אידן.

„זאָל אברהם באַשליסן דיין גורל", האָט דער כאַליף געזאָגט.

„אדוני המלך", האָט אברהם געזאָגט. „פיל קראַנקע האָב איך באַ־האַנדלט, נאָר אַזאַ חולה ווי ער האָב איך נאָך ניט געהאַט. איך גלויב

אָבער, אַז ער איז שוין אויך אויסגעהיילט געוואָרן. לאָז אים בלייבן, אַזוי לאַנג ווי ער וועט האַלטן וואָרט..."

„איך שווער, איך שווער!" האָט דער שטערנזעער פאַרזיכערט דעם כאַליף און זיין נייעם דאָקטער.

און דאָס איז דער סוף פון אונזער מעשה, און אַז דער סוף איז גוט איז אַלץ גוט.

דער בעל־יועץ

דער אַלטער סולטאַן איז געלעגן אויף זיין קראַנקן־בעט. ער האָט געפילט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע און ער וועט שוין פון בעט ניט אַראָפּגיין. ער האָט באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם כסא־המלכות צו זיין בן־יחיד. דער יונגער פּרינץ האָט נאָך גאָר ווייניק געוואוסט וועגן מלוכה־ענינים; אים האָט מער אינטערעסירט צו פאַרנעמען זיך מיט פערד־געיעגן און קעמל־געיעגן און אַנדערע פאַרווייַלונגען. דעריבער האָט אים דער פאָטער אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל קיין זאַך ניט טאָן ביז ער וועט זיך פריער באַראָטן מיט זיין אַלטן און קלוגן בעל־יועץ, דער חכם־באַשי, דער הויפּט־רב אין דער מלוכה פון דעם סולטאַן.

דער אַלטער סולטאַן איז געשטאָרבן, און דער יונגער פּרינץ האָט איבערגענומען די מלוכה. ער האָט געהאַט אַ פריינט און חבר אַבדאַלאַ, מיט וועמען ער פלעגט פאַרברענגען די צייט אין ספּאָרט און שפּיל. אַב־דאַלאַ איז געווען אַ מבין אויף קעמלען און פערד און אַ גוטער קעמל־טרייבער און פערד־רייטער; וועגן מלוכה־ענינים האָט ער געוואוסט נאָך ווייניקער ווי זיין קעניגלעכער חבר. אָבער דער יונגער סולטאַן, ניט רעכענענדיק זיך מיט זיין פאָטער׳ס עצה, האָט אים באַשטימט פאַר זיין בעל־יועץ.

ווען דער יונגער סולטאַן האָט זיין נייעם בעל־יועץ געפרעגט אַן עצה, פלעגט אַבדאַלאַ ענטפערן: „דאָס איז גאָר אַ שווערע פראַגע און איך דאַרף זיך אַריינטראַכטן אין דעם״, אָדער אַז ער דאַרף איבער־שלאָפן די נאַכט, ווייל אַמאָל ווערן אים אַנטפּלעקט זאַכן אין חלום... דאַן פלעגט אַבדאַלאַ גיין צום חכם־באַשי און פרעגן זיין מיינונג, און אויף מאָרגן פלעגט ער קומען צום יונגן סולטאַן מיט אַ פּאַרטיקן ענטפער, וואָס פלעגט אים שטענדיק געפעלן און ברענגען הצלחה.

אַזוי צופרידן איז דער יונגער סולטאַן געווען מיט זיין נייעם בעל־יועץ, אַז ער האָט אים דערהויבן צום העכסטן אַמט אין דער מלוכה און באַשטימט אַלס זיין וויזיר און משנה־למלך.

אַבדאַלאַ איז געווען אַ גרויסער בעל־גאווה און געלט־ליבהאָבער. ער האָט זיך געלאָזט גוט באַצאָלן פאַר יעדער טובה וואָס ער האָט אימיצן געטאָן. קיינער האָט שוין מער ניט געקענט צוקומען צום סולטאַן, סיידן אַבדאַלאַ האָט דאָס פריער באַוויליקט, און ער האָט אויסגעפרעסט געלט פון אַלעמען וועלכע האָבן געדאַרפט אָנקומען צו אים. פאַרשטייט זיך, אַז די אַנדערע מיניסטאָרן און מלוכה־לייט האָבן געהאַסט דעם נייעם וויזיר, און האָבן גענומען זוכן אַן עצה ווי צו פּטור ווערן פון אים.

ספּעציעל געטראָפן זיינען געווען די אידן אין דער מלוכה פון דעם סולטאַן. אַבדאַלאַ האָט גענומען אַרויסגעבן אַלץ נייע גזירות, כדי אויסצופּרעסן וואָס מער געלט פון די אידן, און זייער לאַגע איז גע־וואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג.

ניט קענענדיק מער אויסהאַלטן פון אַבדאַלאַ׳ן, האָבן די מלוכה־לייט שטילערהייט באַשלאָסן צו ווענדן זיך צום חכם־באַשי נאָך אַן עצה, ווי צו פּטור ווערן פון דעם וויזיר. דער חכם־באַשי האָט זיי טאַקע געגעבן אַן עצה.

אויסניצנדיק אַ געלעגנהייט ווען אַבדאַלאַ איז ניט געווען אין סול־טאַנ׳ס פּאַלאַץ, זיינען צוויי פון די עלטערע מיניסטאָרן אַריין צום סולטאַן און האָבן אים געוואָרנט קעגן דעם פאַלשן וויזיר. זיי האָבן דעם סולטאַן געזאָגט, אַז אַבדאַלאַ איז אַ שווינדלער און אַ ליגנער, און אַז זיין גאַנצע חכמה, און די עצות וואָס ער גיט, זיינען ניט זיינע, נאָר דעם חכם־באַשי׳ס.

דער סולטאַן האָט זיי ניט געוואָלט גלויבן, און זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ער קען זיך לייכט איבערצייגן אין דעם. זאָל דער סולטאַן שטעלן דעם וויזיר דריי פראַגן, און זען אויב דער וויזיר קען אויף זיי ענטפערן. די דריי פראַגן זיינען:

1) פון וואַנעט קומט די זון אינדערפרי און וואוהין גייט זי אַוועק אין אָונט?

2) ווי ווייט איז דער הימל פון דער ערד?

3) וואָס טראַכט דער סולטאַן?

אויב דער וויזיר וועט קענען ענטפערן אויף די פראַגן — האָבן די מלוכה־לייט געזאָגט — דאַן נעמען זיי אויף זיך די שולד פון אויס־טראַכטן אַ בילבול אויף דעם וויזיר. און אויב ניט — איז אַ סימן, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן געזאָגט איז אמת. דער סולטאַן האָט מסכּים געווען.

אויף מאָרגן אינדערפרי ווען דער וויזיר איז געקומען צום סולטאַן, האָט אים דער סולטאַן געזאָגט: „מיין טייערער וויזיר, דריי זאַכן האָבן געשטערט מיין שלאָף די פאַריקע נאַכט, און זיי לאָזן מיך ניט צורו. דו אַליין, מיין קלוגער בעל־יועץ, קענסט מיר געבן אַן ענטפער אויף זיי און באַרואיקן מיין געמיט...״

„און וואָס זיינען די דאָזיקע דריי זאַכן, אדוני המלך?״ האָט אַב־דאַלאַ געפרעגט.

„זיי זיינען: ערשטנס, פון וואַנעט קומט די זון אינדערפרי, און וואוהין גייט זי אַוועק אין אָוונט? צווייטנס, ווי ווייט איז דער הימל פון דער ערד? און דריטנס, וואָס טראַכט איך אין דעם מאָמענט?״

אַבדאַלאַ האָט זיך כּלומרשט פאַרטראַכט, און האָט געענטפערט דעם סולטאַן: „אדוני המלך, דאָס זיינען דריי גאָר שווערע זאַכן, און ס׳איז קיין וואונדער ניט וואָס זיי שטערן דיין רו. איך דאַרף זיך טיף אַריינטראַכטן אין זיי. גיב מיר דריי טעג אויף דעם, און דאַן וועל איך דיר ענטפערן אויף די פראַגן״.

דער סולטאַן האָט מסכּים געווען, און דער וויזיר איז אַרויסגע־גאַנגען אַ פאַרזאָרגטער.

קומענדיק אַהיים, האָט דער וויזיר געשיקט רופן דעם חכם־באַשי און האָט אים געפרעגט די דריי פראַגן. „דאָס זיינען באמת ניט קיין לייכטע פראַגן״, האָט דער חכם־באַשי אים געענטפערט. „קום אַריין צו מיר מאָרגן פאַר האַלבן טאָג. אפשר וועל איך זיך דערטראַכטן די ענט־פערס ביז דאַן״.

אויף מאָרגן איז דער וויזיר געקומען צום חכם־באַשי, און דער חכם־באַשי האָט אים געענטפערט: „זיי מוחל, אדוני וויזיר, אָבער זינט דו האָסט גענומען אַרויסגעבן גזירות אויף די אידן, גיי איך אַרום אַ פאַר־

זאָרגטער און איך האָב פּשוט ניט דעם קלאָרן געדאַנק צו דערטראַכטן זיך די ענטפֿערס אויף די דריי פֿראַגן. מיין עצה איז, אַז דו זאָלסט גיין צום שטאָט־פּאַסטוך, וואָס פּיטערט די בהמות הינטער דער שטאָט. ער איז אַ קלוגער מענטש און האָט ניט קיינע זאָרג, און ער וועט דיר געבן די ריכטיקע ענטפֿערס".

דער וויזיר איז אַוועק הינטער דער שטאָט און האָט געפֿונען דעם פּאַסטוך זינגענדיק אַ דודעלע. ער האָט אָנגעקוקט דעם פּאַסטוך און האָט ניט געוואָלט גלויבן זיינע אויגן. דער פּאַסטוך האָט אויסגעזען אַזוי ענלעך צו אים, פּונקט ווי ער וואָלט געווען זיין צווילינג־ברודער. דער וויזיר האָט אים געפֿרעגט די דריי פֿראַגן, און דער פּאַסטוך האָט אים געענטפֿערט: „דאָס זיינען דריי גאָר שווערע פֿראַגן, וואָס נאָר דער סולטאַן האָט זיך געקענט דערטראַכטן אַזעלכע זאַכן. קום מאָרגן, וועל איך אפֿשר האָבן די ענטפֿערס אויף זיי".

אויף מאָרגן איז געווען דער דריטער טאָג, ווען דער וויזיר האָט געמוזט ברענגען די ענטפֿערס אויף דעם סולטאַנ׳ס פֿראַגן, אָדער פֿאַר־לירן זיין קאָפּ. איז ער געקומען פֿול מיט האָפֿענונג צום פּאַסטוך צו הערן די ענטפֿערס. אָבער דער פּאַסטוך האָט אים געזאָגט, אַז צום באַ־דויערן האָט ער זיך נאָך ניט דערטראַכט די ענטפֿערס. דער וויזיר איז אויפֿגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער: „ווי קען איך קומען צום סולטאַן אָן די ענטפֿערס? ער וועט מיך מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער!"

„זאָרג ניט, וויזיר, איך האָב אַן עצה: איך וועל גיין אויף דיין אָרט! לאָמיר זיך איבערטאָן אונזערע קליידער, און איך וועל גיין צום סולטאַן, און אויפֿן וועג וועל איך שוין מסתּם געפֿינען די ענטפֿערס", האָט דער פּאַסטוך געזאָגט. דער וויזיר האָט זיך דערפֿרייט.

„איך וועל דיר די טובה ניט פֿאַרגעסן", האָט דער וויזיר געדאַנקט דעם פּאַסטוך און האָט זיך געביטן די קליידער מיט אים. ער האָט אָנגע־טאָן דעם פּאַסטוכ׳ס פּראָסטע קליידער און דער פּאַסטוך האָט זיך אָנגע־טאָן אין דעם וויזיר׳ס קליידער.

„זאָלסט גוט אויפֿפּאַסן אויף מיינע בהמות און ציגן און שעפּסן ביז

איך קום צוריק", האָט אים דער פּאַסטוך געזאָגט, און געבנדיק אַ פּייף איז ער אַוועק אין סולטאַנ'ס פּאַלאַץ.

אַריינקומענדיק צום סולטאַן, און נאָכמאַכנדיק דעם קול און אַלע תּנועות פון דעם וויזיר, האָט דער פאַרשטעלטער פּאַסטוך פריילעך געזאָגט צום סולטאַן: „אדוני המלך, איך האָב דיר געבראַכט די ענטפערס אויף דיינע פראַגן!"

„עס פרייט מיר זייער, מיין טייערער און קלוגער וויזיר. איך האָב געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דיין קומען. זאָג זשע, וואָס איז דער ענטפער אויף דער ערשטער פראַגע: פון וואַנעט קומט די זון אינדערפרי און וואוהין גייט זי אַוועק אין אָוונט?"

„אינדערפרי קומט די זון פון מזרח, און אין אָוונט גייט זי אַוועק אין מערב", האָט דער פּאַסטוך געענטפערט.

„זייער גוט", האָט דער סולטאַן געזאָגט אַ צופרידענער. „און ווי ווייט איז דער הימל פון דער ערד?"

„אַזוי ווייט ווי די ערד פון הימל", האָט דער פּאַסטוך געענטפערט.

„אַ בריליאַנטענער ענטפער", האָט דער סולטאַן אויסגערופן אַנטציקט. „איך האָב געוואוסט, אַז דו האָסט אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס. און זאָג מיר, מיין טייערער וויזיר, וואָס טראַכט איך איצט?"

„דו טראַכסט, אדוני המלך, אַז איך בין דיין קלוגער וויזיר, אָבער באמת בין איך דער שטאָט־פּאַסטוך..."

דער סולטאַן האָט אויף אים אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן. „וואָס הייסט דאָס?"

דאַן האָט דער פּאַסטוך דערציילט דעם סולטאַן די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי די צוויי אַלטע מלוכה־לייט זיינען געקומען צו אים אין שליחות פון חכם־באַשי און האָבן אים געזאָגט, אַז ווען דער וויזיר וועט קומען צום חכם־באַשי וועט ער אים אָפּשיקן צו אים, דעם פּאַסטוך, און וואָס ער האָט צו טאָן דערביי...

דער סולטאַן האָט זיך צעלאַכט, און האָט געלאַכט און געלאַכט,

האַלטנדיק זיך באַ די זייטן. ווען דער סולטאַן האָט ענדלעך אויפגעהערט צו לאַכן, האָט אים דער פּאַסטוך געזאָגט: „אדוני המלך, דיין וויזיר וואַרט דאָרט אויף מיר באַ די בהמות...״

„זאָל ער וואַרטן!״ האָט דער סולטאַן אויסגערופן און האָט זיך ווידער צעלאַכט. „פון היינט אָן וועסטו זיין מיין וויזיר, און דער חכם־באַשי וועט זיין מיין בעל־יועץ, און אַבדאַלאַ, דער פאַלשער הונט, זאָל זיין מיט די בהמות; ער פּאַסט זיך בעסער צו זיין אַ פּאַסטוך ווי אַ וויזיר! זאָל ער וואַרטן דאָרט...״

און דער וויזיר — דער פּאַסטוך — וואַרט טאַקע דאָרט, ביזן היינטיקן טאָג.

דער שטיין איז אַן עדות

אַ אידישער סוחר פון בצרה (באַסראַ) איז געווען אויפן וועג צוריק אַהיים. דער וועג האָט געפירט דורך אַ מידבר און דער סוחר איז געפאָרן אויף אַ קעמל, וואָס ער האָט געדונגען פון אַן אַראַבישן קעמל־טרייבער צוזאַמען מיט דעם אייגנטימער אַלס באַגלייטער. דער קעמל־טרייבער איז אויך געווען פון בצרה, און האָט דעם סוחר שוין אַמאָל באַדינט אויף אַ פריערדיקער רייזע.

אַז מ׳האָט זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט און מ׳האָט זיך געזעצט אָפּרוען — ס׳איז נאָך געווען אַ טאָג רייזע צו דערגרייכן די שטאָט — האָט דער קעמל־טרייבער — ראַשיד איז געווען זיין נאָמען — באַמערקט, אַז ס׳איז איצט די צייט ווען די באַרימטע טייטלען פון בצרה ווערן צייטיק, און ער האָט זיך דערביי אָפּגעזיפצט.

„וואָס זיפצטו, ראַשיד?״ האָט אים דער סוחר פריינטלעך געפרעגט.

„איך האָב זיך דערמאָנט, אַז באַלד קום איך אַהיים צו מיין ווייב און קינדער און איך האָב פאַר זיי קיין מתנה ניט. מיין פּרנסה סטאַיעט קוים אויף צו דערהאַלטן דעם לעבן. ווען איך וואָלט אָבער געהאַט אַביסל געלט איינצוקויפן אַ פּאָר קוישן פרישע טייטלען און זיי פאַרקויפט, וואָלט איך געקענט ברענגען אַ מתנה פאַר זיי...״

דער סוחר האָט פאַרשטאַנען דעם וואונק און האָט ראַשיד׳ן געזאָגט, אַז ער וועט אים לייען געלט צו קויפן צוויי קוישן טייטלען.

„ווער מיר לייען געלט אָן עדות?״ האָט זיך ראַשיד געוואונדערט.

„אָט דער שטיין וועט זיין מיין עדות״, האָט דער סוחר געענטפערט, אָנווייזנדיק אויף אַ גרויסן שטיין וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון זאַמד.

ראַשיד האָט זיך געפּרייט אין האַרצן, טראַכטנדיק: אַבי מ׳זאָגט, אַז אידן זיינען אַ קלוג פאָלק. ווי אַזוי וועט דער שטומער שטיין עדות זאָגן? און צום סוחר האָט ער געזאָגט: „זאָל טאַקע דער שטיין זיין אַן עדות!״ און ער האָט זיך געשוואָרן, אַז באַלד ווי ער וועט פאַרקויפן די טייטלען וועט ער אים אָפּברענגען דעם חוב.

דער סוחר האָט אַרויסגענומען עטלעכע זילבערנע מטבעות און האָט זיי איינציקווייז אויסגעלייגט אויפן שטיין, זאָגנדיק דערביי צום שטיין: „אָט ביסטו אַן עדות, אַז איך לײַ אים דאָס געלט״.

אָנקומענדיק אין בצרה האָט ראַשיד אָפּגעפירט דעם סוחר אַהיים און נאָכדעם ווי ער האָט אים ווידער פאַרזיכערט, אַז ער וועט אים באַלד באַצאָלן דעם חוב, האָבן זיי זיך געשיידט.

עטלעכע טעג זיינען פאַרביי, און ראַשיד האָט דעם חוב ניט אָפּגע־בראַכט. האָט אים דער סוחר אויפגעזוכט און האָט אים געפרעגט, אויב ער האָט שוין פאַרקויפט די טייטלען און קען שוין באַצאָלן דעם חוב.

„וואָס פאַרא חוב? וואָס פאַרא טייטלען?״ האָט ראַשיד געענטפערט מיט אַ געמאַכטער פאַרוואונדערונג.

„מאַך זיך ניט תמ׳עוואַטע, ראַשיד״, האָט דער סוחר צו אים גע־זאָגט. „דו ווייסט זייער גוט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. אַזוי צאָלט מען אָפּ פאַר אַ טובה?״

אָבער ראַשיד האָט געלייקנט שטיין און ביין, און דער סוחר האָט קיין ברירה ניט געהאַט און געמוזט גיין צום קאָדי (אַראַבישן שופט) אָנצוקלאָגן ראַשיד׳ן אין פאַרלייקענען דעם חוב.

„האָסטו באַווייזן, אָדער עדות, אַז דו האָסט אים דאָס געלט געליען? האָט דער קאָדי געפרעגט.

„איך האָב אַן עדות — אַ שטיין אין מידבר...״ האָט דער סוחר געענטפערט.

דער קאָדי האָט אים אָנגעקוקט און האָט שפּאָטיש געפרעגט: „און ווי אַזוי, זיי מוחל, וועט דער שטיין קומען עדות זאָגן פאַר דיר?״

דער סוחר האָט דעם קאַדי דערקלערט, ווי אַזוי דער שטיין וועט עדות זאָגן.

„דאָס איז מיר ניט איינגעפאַלן", האָט דער קאַדי באַמערקט מיט אַ שמייכל, און ער האָט געשיקט רופן ראַשיד'ן צו קומען ענטפערן אויף דעם סוחר'ס אָנקלאַגע.

ווען דער סוחר און ראַשיד זיינען געשטאַנען פאַר דעם קאַדי און דער סוחר האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט ראַשיד'ן געליען דאָס געלט און געמאַכט דעם שטיין פאַר אַן עדות, האָט ראַשיד געטענה'ט, אַז די גאַנצע מעשה מיטן שטיין און חוב איז אויסגעזויגן פון פינגער. „דו זעסט, ליכטיקער קאַדי, אַז דער איד איז ניט ביים קלאָרן שכל. וועלכער מענטש וועט מאַכן אַ שטיין פאַר אַן עדות? דער איד האָט פשוט אויסגע־טראַכט אַ בילבול אויף מיר, אָדער מאַכט חוזק פון אונז ביידען. אַ חוצפה פון אַ אידן צו באַשולדיקן אַן ערלעכן אַראַבער אין גניבה!" האָט ראַשיד פאַרענדיקט.

דער קאַדי האָט געקנייטשט דעם שטערן און דאַן האָט ער געזאָגט: „זאָל דער סוחר גיין ברענגען דעם שטיין, און דו ראַשיד בלייב דאָ וואַרטן, ביז ער וועט זיך אומקערן. דאַן וועל איך אַרויסגעבן מיין אורטייל".

דער סוחר איז אַרויסגעגאַנגען, און ראַשיד איז געבליבן וואַרטן. ער האָט געוואַרט און געוואַרט און געוואַרט, און עס איז שוין געוואָרן נאָך האַלבער טאָג, און דער סוחר איז ניט צוריקגעקומען.

האָט זיך ראַשיד אָנגענומען מוט, און ווען דער קאַדי איז פאַרטיק געוואָרן מיט אַלע אַנדערע ענינים, איז ער צו אים צוגעקומען און האָט געזאָגט.

„אדוני, ליכטיקער קאַדי! ס'איז אַרויסגעוואָרפן מיין וואַרטן און אַ שאָדן די צייט. דער שטיין געפינט זיך אַ טאָג רייזע פון דאַנעט — מיט אַ קעמל; און ווי אַזוי וועט ער קענען ברענגען אַזאַ שווערן שטיין? איך גלויב ניט, אַז ער וועט צוריקקומען. דער איד האָט מסתם געמאַכט חוזק פון אונז ביידן..."

„אַזוי גאָר?!" האָט דער קאַדי שטרענג אויסגערופן. „דו האָסט דאָך

געטענה'ט, אַז די גאַנצע מעשה מיטן חוב און מיטן שטיין איז אַן אויסגע־טראַכטער בילבול! דיין צונג האָט דיך פאַראַטן! זיי זיך מודה, אויב דו ווילסט אַרויסגיין פון דאַנעט מיט אַ גאַנצע הויט!"

ראַשיד האָט זיך געוואָרפן צום קאַדי'ס פיס און האָט אים געבעטן מחילה.

„ניט בײַ מיר דאַרפסטו בעטן מחילה, נאָר בײַ דעם, וועמענס געלט דו האָסט געוואָלט פאַרלייקענען", האָט דער קאַדי געענטפערט. דער־בײַ האָט ער אַריינגערופן דעם סוחר, וואָס האָט די גאַנצע צייט גע־וואַרט אין אַ דערבייאיקן צימער.

ראַשיד האָט אים תיכף באַצאָלט דעם חוב און האָט אים שטאַרק איבערגעבעטן. דער סוחר האָט אים מוחל געווען. דער סוחר איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט צוריקבאַקומען זיין חוב, און ראַשיד איז געווען צופרידן וואָס ער איז אַרויס מיט גאַנצע ביינער. „איצט פאַרשטיי איך שוין, ווי דער שטיין האָט עדות געזאָגט", האָט ראַשיד צו זיך געזאָגט, און האָט באַשלאָסן אַז מער וועט ער קיינמאָל אין לעבן ניט זוכן איבערצוקליגן אַ אידן.

האלאוועשקעס פון פייער

אין זכות פון תפילין

איבערלעבונגען פון אַ בחור אין דער צייט פון אייראָפּעיאישן חורבן

הערשל איז געבאָרן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל, דובאָווע, לעבן מונקאַטש, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מונקאַטש איז נאָך דאַן געווען אַ טייל פון אונגאַרן, אָבער נאָך דער מלחמה איז דער גאַנצער געגנט אַריבערגעגאַנגען צו טשעכאָסלאָוואַקיע.

אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, ווי אויך פריער, איז מונקאַטש געווען אַ בליענדע אידישע קהילה, וואָס האָט גע׳שם׳ט מיט תורה און יראת־שמים און האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דעם אונגאַרישן און טשעכישן אידנטום. הערשל האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דעם דאָזיקן גייסט, האָט געלערנט אין דער מונקאַטשער ישיבה, און גענומען טראַכטן וועגן איינאָרדענען זיך און אויפשטעלן אַן אייגענע היים אויף די יסודות פון תורה און מצוות, צו ג־ט און צו לייטן. אָבער דער שאָטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך גענומען אָנ־רוקן. היטלער י״ש האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן זיין בייזן חלום פון „דייטשלאַנד איבער אַלעס״. איינע פון די ערשטע קרבנות איז געווען טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס היטלער האָט פאַרנומען מיט דער „גוט־הייסטונג״ פון די מלוכה־פירער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, וועלכע האָבן געהאָפט דערמיט צו שטילן היטלער׳ס הונגער אויסצושפּרייטן זיין מאַכט. עטלעכע וואָכן פאַר פסח (1939) האָבן די דייטשע אַרמייען פאַר־נומען טשעכאָסלאָוואַקיע און דאָס לאַנד איז צעטיילט געוואָרן צווישן דייטשלאַנד, וואָס האָט פאַרנומען דעם גרעסטן טייל, און פּוילן און אונ־גאַרן וועלכע האָבן באַקומען געוויסע געביטן לעבן זייערע גרענעצן. דער מונקאַטשער געגנט איז דאַן צוריקגעגעבן געוואָרן צו אונגאַרן. דער אידישער שטאָטהויפּט פון מונקאַטש (ד״ר סאַנדאָר פריד) האָט פאַרמעל אויפגענומען די אונגאַרישע מיליטערישע אָפּטיילונג, וואָס האָט אַריינמאַרשירט אין שטאָט, און האָט זיי איבערגעגעבן דעם „שליסל״ פון דער שטאָט.

צוערשט האָט זיך די אונגאַרישע רעגירונג באַצויגן פריינטלעך צו די אידן, אָבער עס האָט לאַנג ניט געדויערט ביז די לאַגע פון די אידן האָט זיך גענומען פאַרערגערן, אונטער דער השפעה פון דעם דייטשן אידן־האַס און אונגאַרישע שונאי ישראל.

דאַן איז געקומען דער גורל'דיקער טאָג, ווען היטלער'ס אַרמייען האָבן אַריינמאַרשירט אין פוילן, צוויי וואָכן פאַר ראש־השנה (1טן סעפּט. 1939), און עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה.

נאָך דעם דייטשען בליץ־קריג און לייכטן זיג איבער פוילן, האָבן אונגאַרן, רומעניע און בולגאַריע אַפילו ניט געפּרואווט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. היטלער'ס אַרמייען האָבן פאַרנומען די לענדער אָן אַ קאַמף, און דערנאָך אויך יוגאָסלאַוויע.

אין די אַלע לענדער האָבן זיך אידן פּלוצלונג געפונען אין אַ פאַסטקע. ס'איז ניט געווען וואוהין צו אַנטלויפן. אַלע טירן און טויערן זיינען פאַר זיי געווען געשלאָסן. זייער גורל איז געווען פאַרזיגלט. די גאַנצע וועלט אַרום האָט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צום אידישן חורבן.

לויט דעם מערדערישן פּלאַן פון דער „ענדגילטיקער לייזונג” וואָס היטלער און זיינע נאָכפאָלגער האָבן גענומען דורכפירן אין באַצוג צו די אידן אין די לענדער וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין די דייטשע לאַפעס, האָט מען גענומען פאַרשיקן אַלע אידן אין קאָנצענטראַציע לאַגערן. קינדער און אַלטע, וועלכע זיינען געווען אומפייאיק פאַר שקלאַפן־אַרבעט, זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר די גאַז־אויוונס; יונגע און קרעפטיקע אידן האָט מען אויסגעטיילט און פאַרשיקט אין אַרבעטס־לאַגערן אַלס שקלאַפן אַרבעטער.

* * *

הערשל איז געווען צווישן די „גליקלעכע”, וועלכע זיינען פאַרשיקט געוואָרן אויף שקלאַפן־אַרבעט. מ'האָט אומ'ברחמנות'דיק געיאָגט אויף די שווערסטע אַרבעט, אָבער עסן האָט מען געגעבן זייער ווייניק. הערשל און אַלע אַנדערע אידן אין לאַגער, צווישן זיי פיל ישיבה־בחורים, האָבן קוים געקענט דערהאַלטן דעם לעבן מיט ברויט און וואַסער, און דאָס אויך ניט צו זאַט. טריפה זופּ און דעם גלייכן האָבן זיי ניט

געגומען אין מויל, און מ׳איז געווען צופרידן אַז מ׳האָט געקענט אומ־בייטן אויף אַ שטיקל ברויט פון אַ ציגיינער, אָדער אַן אַנדער גוי, וועלכע האָבן געאַרבעט דערביי.

באַלד פון דעם טאָג וואָס מ׳האָט הערשלען זיך געהייסן מעלדן צו דער אַרבעט, האָט ער באַשלאָסן באַ זיך, אַז וואָס עס זאָל ניט זיין, וועט ער זיך קיינמאָל ניט שיידן מיט זיינע תפילין ווען נאָר מעגלעך. אין אַ צייט פון סכנה, ווען ס׳איז געווען אַ מעגלעכקייט מ׳זאָל מאַכן אַ רעוויזיע און צונעמען די תפילין, פלעגט ער זיי באַהאַלטן אין טיפן שניי אד״ג. ניט זעלטן איז אים אויסגעקומען צו זוכן זיי אַ היבשע צייט, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, ווען ער האָט ניט געקענט באַלד געפינען דעם אָרט וואו ער האָט די תפילין באַהאַלטן. אַזוי אַרום האָט ער ניט נאָר אַליין גע־קענט לייגן תפילין, נאָר אויך מזכה געווען פיל אַנדערע מיט דער מצוה. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות, אָבער דאָס איז אויך געווען די שטאַרקסטע דערמוטיקונג צו האַלטן זיך פעסט און מיט אידישע שטאַלץ אין יענע גרויזאַמע אומשטענדן.

ווען היטלער האָט אָנגעפאַנגען זיין מלחמה קעגן רוסלאַנד, זענען אויך אונגאַרן און די אַנדערע אָקופּירטע לענדער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער מלחמה אויף דער זייט פון די דייטשן. הערשל׳ס אַרבעטס־לאַגער האָט געמוזט באַגלייטן די נאַצישע און אונגאַרישע דיוויזיעס, וועלכע זיינען אַריינגעדרונגען אין אוקריינע. די שקלאַפן אַרבעטער זיינען באַשעפטיקט געוואָרן אין גראָבן אָקאָפּעס (שוץ־גראָבנס) פאַר די סאָלדאַטן, און זיינען געשיקט געוואָרן אין סאַמע שפּיץ פון דעם פראָנט, אונטערן פייער פון רוסישע אַרטילעריע. הערשל האָט שטענדיק געהאָט מיט זיך זיינע תפילין, דעם של־ראש אין איין טאַש און דעם של־יד אין אַ צווייטער.

איינמאָל, זייענדיק אין קיעוו אין 1943טן יאָר, האָט ער שיעור ניט פאַרלאָרן די תפילין. יעדן טאָג האָט מען אים אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט און מ׳האָט זיך אומגעקערט אין אָוונט. ווי זיין שטייגער איז געווען, פלעגט ער באַהאַלטן די תפילין נאָכן דאַווענען, פאַרן אַרויסגיין צו דער אַרבעט. אין אַ געוויסן טאָג אין אויגוסט, האָט ער אויך אַזוי געטאָן, אָבער פּלוצלונג האָט ער דערפילט אַן אומרואיקייט, ווי דאָס האַרץ האָט אים

געזאָגט, אַז דער טאָג איז אַנדערש. ער איז צוריקגעלאָפן און האָט אַרויסגענומען די תפילין פון זייער באַהעלטעניש און האָט זיי פאַר־שטעקט אין די קעשענעס און מיטגענומען מיט זיך. גרויס איז געווען זיין שמחה, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען פאַרבליבן דאָרט אַרום זעקס וואָכן, און ער האָט ווייטער געקענט דאַוונען אין תפילין און מזכה זיין אַנדערע אידן מיט דער מצוה.

אַזוי האָט ער זיך געפירט במשך פון די לאַנגע און שוידערליכע מלחמה יאָרן (1942־44). כמעט אויף יעדן טריט האָט הערשל געזען ווי די ג־טלעכע השגחה פרטית האָט אים אויסגעהיט פון פאַרשידענע סכנות און דערהאַלטן אים ביים לעבן. ער איז געווען זיכער, אַז דער זכות פון די תפילין איז אים בייגעשטאַנען.

ענדלעך איז געקומען די צייט, ווען די נאַצישע פאַנצער־דיוויזיעס האָבן גענומען באַקומען קלעפּ פון דער רוסישער געגן־אָפענסיווע. נאָך דער דייטשער מפּלה באַ סטאַלינגראַד (פעב. 1943), און נאָך דעם דורכ־פאַל פון דער לעצטער דייטשער אָפענסיווע (אין יולי, 1943), האָבן די אויסגעמאַטערטע, פאַרפראָרענע און פאַרהונגערטע נאַצישע סאָלדאַטן געמוזט צוריקטרעטן, מיטשלעפנדיק מיט זיך אויך די רעשטלעך פון די שקלאַפן־אַרבעטער, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען הערשל.

אין מערץ 1944 האָט זיך הערשל ווידער געפונען אין די קאַרפּאַטן בערג. רומעניע און אונגאַרן זיינען נאָך געווען פולשטענדיק באַזעצט פון די נאַצישע אַרמייען. די מפּלות וואָס די נאַצישע אַרמייען האָבן גע־האָט סיי אויף דעם מזרח־פראָנט און סיי אויף דעם מערב־פראָנט, האָבן נאָך מער אויפגערייצט די נאַצישע הענקער, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער „ענדגילטיקער לייזונג" פון די שוצלאָזע אידן. טאָג־איין טאָג־אויס זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן טראַנספּאָרטן רומענישע און אונגאַ־רישע אידן צו די גאַז־אויוונס פון די פאַרשידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

הערשל און זיינע חברים, און אַ צאָל אַנדערע אידן, וועמען מ'האָט נאָך געהאַלטן אין די אַרבעטס לאַגערן, האָבן דאַן באַשלאָסן צו זוכן אַ הצלה אין די קאַרפּאַטן בערג. עס איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן אין די וועלדער. דאָ האָבן זיי זיך צעטיילט אין קלענערע גרופּען און האָבן

אויסגעגראָבן פאַר זיך בונקערן אין די בערג. הערשל און זיין גרופּע פון אַכט מאַן, האָבן געפונען אַ פּאַסנדן אָרט פאַר זייער בונקער, וואָס זיי האָבן פאַרדעקט און קאַמופלאַזשירט, האָפנדיק צום אויבערשטן, אַז ער וועט זיי דאָ אויסהיטן ביז די נאַציס וועלן האָבן די אמת'ע מפּלה.

אַ גאַנצן טאָג איז מען געלעגן איינגעלייגט אין דער אונטער־ערדישער באַהעלטעניש, וואו מ'האָט זיך קוים געקענט באַוועגן. באַנאַכט האָט אימיצער פון דער גרופּע געמוזט אַרויסגיין און פאַרזיכטיק דערשאַרן זיך צו אַ דערבייאיקן דאָרף אָדער אַ פּויערשע כאַטע, צו בעטן ברויט, כדי ניט צו שטאַרבן פון הונגער. די אָרטיקע פּויערים האָבן אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע צו די דאָזיקע פּליטים, וועלכע לעבן אין טאָג־טעגלעכע לעבנסגעפאַר. אויך זיי איז נמאס געוואָרן די דייטשע אָקופּאַציע און די אוממענטשלעכע גרויזאַמקייטן, און זיי האָבן אויך געהאָפט פריער אָדער שפּעטער באַפרייט צו ווערן. האָבן זיי ניט אַרויס־געגעבן די אידישע פּליטים און האָבן זיי אַרויסגעהאָלפן מיט שפּייז.

די טעג און וואָכן האָבן זיך געצויגן. הערשל און זיינע חברים האָבן געלעבט אין שטענדיקער טויט־שרעק פון די דייטשע פּאַטרולן וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די וועלדער זוכנדיק אידישע קרבנות.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן, בשעת הערשל האָט אָפּגעדאַוונט און זיינע תפילין זיינען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, האָבן זיי פּלוצלונג דערהערט דאָס בילן פון אַ הונט, און שווערע טריט האָבן זיך דער־נעענטערט צו זייערע אונטערערדישע באַהעלטעניש. דייטשע סאָל־דאַטן זיינען געגאַנגען מיט אַן אויסשפּיר הונט. עס האָט לאַנג ניט גע־דויערט ביז זיי האָבן דערפילט די נאַצישע שטיוול איבער זייערע קעפּ. דאָס האַרץ איז זיי איינגעפאַלן. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבן זיי געוואַרט אויף דאָס אומפאַרמיידלעכע.

דאָס בילן פונעם הונט איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיי האָבן דערהערט אַ שאַרף ביים פאַרשטעלטן אַריינגאַנג צו זייערע באַהעלטעניש און באַלד האָט זיך אַריינגעשלייכט אַ גרויסער כלב. זיי זיינען פאַר־גליווערט געוואָרן פון שרעק...

צו זייער גרויסע דערשטוינונג האָט זיך דער כלב ניט געוואָרפן

אויף זיי מיט זיינע שאַרפע ציינער און מיט אַ בילעריי. ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטומטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם עק, ווי אַ פאַרלאָרענער, ווי ער וואָלט פּלוצלונג אײַנגעזען פאַרגעסן אַלץ וואָס מ׳האָט אים אויסגעלערנט און האָט ניט געוואוסט נאָך וואָס ער איז אַהער געקומען...

הערשל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם קאַשמאַר. ער האָט באַמערקט ווי דער הונט האָט אַ קער געגעבן דעם קאָפּ צום אַרויסגאַנג, ווי ער וואָלט וועלן אַרויסשאַרן זיך, אָבער עס איז פשוט ניט געווען קיין אָרט פאַר זיין גרויסן גוף אומצודרייען זיך. הערשל האָט געגעבן אַ וואונק צו זיינע חברים צוזאַמענקוועטשן זיך און מאַכן אַביסל פּלאַץ. דאָן איז ער צוגעגאַנגען צום כלב און האָט אים לאַנגזאַם אומגעדרייט צום אַרויסגאַנג, און דער כלב האָט זיך אַרויסגעשאַרט אין דרויסן פונקט אין מאָמענט ווען זיינע נאַציִשע אויבער־כלבים האָבן אים גענומען רופן.

די שווערע טריט פון די דייטשע סאָלדאַטן האָבן זיך גענומען אָפּטראָגן און זיי זיינען ענדלעך פאַרשוואונדן.

„דער כלב האָט געמוזט זיין אַ גילגול פון יענע מצרישע כלבים, וועלכע האָבן ניט געשאַרפט זייערע צינגער קעגן די אידן אין דער צייט פון דעם נס פון יציאת־מצרים״, האָט הערשל באַמערקט צו זיינע חברים, ווען זיי האָבן זיך אויסגעטשוכעט פון זייער טויט־שרעק.

די טעג און וואָכן האָבן זיך ווייטער געצויגן לאַנגזאַם. הערשל און זיינע חברים האָבן פאַרבראַכט די לאַנגע טעג אין דעם בונקער. מ׳האָט געדאַוונט מיט כוונה — ס׳איז דאָך געווען גענוג צייט, און מ׳האָט אויך געלערנט. קיין גמרות אָדער אַנדערע ספרים זיינען ניט געווען, אָבער די ישיבה־בחורים האָבן נאָך ניט פאַרגעסן וואָס זיי האָבן אַמאָל געלערנט אין די ישיבות. יעדער איינער האָט זיך באַמיט צו דערמאָנען זיך אַן ענין, אַ סוגיא, אַ מדרש אד״ג און האָט עס איבערגעזאָגט פאַר די אַנדערע. פון צייט צו צייט האָט מען זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און מ׳איז פאַרזיכטיק אַרויס פון בונקער צו כאַפּן אַביסל פרישע לופט און אָנוואַרעמען זיך אויף דער זומערדיקער זון. אָבער צו אָפט און צו לאַנג האָט מען זיך ניט געקענט דערלויבן דעם פאַרגעניגן. די מורא פאַר דייטשע פּאַטרולן איז געווען גרויס, און מ׳האָט זיך געדאַרפט שטאַרק



היטן. שווערער איז געווען דורכצומאַכן די נעכט. באַנאַכט איז געווען שטאַרק קאַלט אין די בערג. ס׳איז געווען זייער ענג אין בונקער און מ׳האָט זיך געטרייסלט פון קעלט און פון בייזע חלומות. עס האָט גע־שווידערט טראַכטנדיק, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די נאָענטע און טייערע, עלטערן, ברידער, שוועסטער און אַלע טייערע אידן וועמען אייכמאַן י״ש האָט פאַרשיקט אין אוישוויץ, טרעבלינקע, טערעזיענשטאָט און אַנדערע פאַרניכטונגס־לאַגערן.

די טעג זיינען געוואָרן אַלץ קירצער און די נעכט אַלץ לענגער. הערשל און זיינע חברים האָבן ניט פאַרלאָרן זייער בטחון און זייער מוט. די חברים, וועלכע פלעגן זיך אַרויסלאָזן אין דער נאַכט צו זוכן שפּייז, האָבן אויסער שפּייז געבראַכט די דערפרייענדע בשורות, אַז דער דייטש באַקומט קלעפּ אויף אַלע פראָנטן. דער שטראַל פון האָפנונג האָט געבראַכט שיינען אַלץ ליכטיקער. זיי האָבן זיך דערמאָנט די ווער־טער פון דער מגילה, אַז המן נעמט פאַלן, וועט ער זיכער פאַלן ביז צום אָפּגרונט . . .

אַרום סוכות־צייט (אָקטאָבער 1944) האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז רוסישע פּאַרטיזאַנען האָבן פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט אין זייער געגנט. ענדלעך איז געקומען דער טאָג ווען זיי האָבן געקענט אַרויס־גיין פונעם בונקער און באַגעגענען זיך מיט רוסישע פּאַרטיזאַנען. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך באַפרייט פון זייער אונטערערדישער תפיסה, נאָכן אָפּפינצטערן דאָרט איבער זעקס חדשים.

אין יענער צייט האָט די מלחמה נאָך אָנגעהאַלטן און פיל געביטן זיינען נאָך געווען פאַרנומען פון די דייטשן. רומעניע איז אָבער שוין געווען אין די הענט פון דער רויטער אַרמיי זינט דעם חודש אויגוסט, און הונדערטער אידישע פּליטים, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די מלחמה, האָבן זיך געצויגן קיין בוקאַרעסאַט, די הויפּטשטאָט. אויך הערשל האָט באַשלאָסן צו זוכן דאָרט אַ הצלה.

קומענדיג אין בוקאַרעסט, האָט הערשל דאָרט געפונען רביים און רבנים פון דער שארית הפליטה, וועלכע האָבן מיט דער הילף פון דער אַמעריקאַנער דזשאָינט און אַנדערע הצלה־אָרגאַניזאַציעס זיך באַמיט איינשטעלן דעם אידישן לעבן פון די צעבראָכענע און פאַר׳יתומ׳טע

פליטים. מ'האָט אָרגאַניזירט כשר'ע קיכן און אַנדערע באַדינונגען; מ'האָט איינגעשטעלט חדרים און תלמוד־תורה'ס פאַר די יתומים.

הערשל האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. זיין אויפגאַבע איז געווען אַרומצופאָרן און צונויפקלייבן אידישע קינדער, וועלכע זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן און זיי ברענגען קיין בוקאַרעסט. ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן — האָט ער שפעטער דערציילט — אַ פאַסירונג, וואָס האָט אים נאָכאַמאָל איבער־צייגט ווי די ג־טלעכע השגחה פרטית האָט אים אויסגעהיט אין זכות פון זיינע תפילין.

פאַסירט האָט עס ווען ער האָט איינמאָל, צוזאַמען מיט אַ חבר, געפירט אַ גרופע קינדער אויף דער באַן, צווישן דעברעצין און גרויס־וואַרדיין. דער צוג איז געלאָפן אין פולן שוואונג, ווען ער האָט זיך פּלוצלונג אַ קער געגעבן, און מחמת דער אויפטרייסלונג איז אַרויס־געפאַלן הערשל'ס וואַליזקע מיט זיינע תפילין. הערשל איז דער־שיטערט געוואָרן. די אַלע יאָרן פון דער מלחמה האָט ער געהיט זיינע תפילין ווי די אויגן אין קאָפּ, און דאָ מיטאַמאָל האָט ער זיי פאַרלאָרן!

הערשל האָט לאַנג ניט געקלערט. ער האָט געזאָגט זיין חבר, אַז אויף דער נעקסטער סטאַנציע וועט ער אַראָפּגיין אויפזוכן זיין וואַ־ליזקע און וועט מיט אַ שפעטערדיקן צוג קומען אין בוקאַרעסט.

דער חבר האָט אים געפּרואווט אָפּריידן דערפון. „וואו וועסטו גיין זוכן, און ווער ווייס צי דו וועסט נאָך געפינען דיין וואַליזקע? און נאָך אַלעמען, וועסטו מסתם קענען זיך איינשאַפן אַן אַנדער פּאָר תפילין אין בוקאַרעסט?"

האָט ער זיך איינגעטענה'ט מיט אים. אָבער הערשל איז געבליבן פעסט באַ זיין באַשלוס.

די אייזערנע רעדער פון דעם צוג האָבן גענומען סקריטשען; דער לאָקאָמאָטיוו־פירער האָט אָנגעהויבן טאָרמאַזירן דעם צוג. הערשל האָט געוואַרט מיט אומגעדולד ביז דער צוג וועט זיך אָפּשטעלן אין מיטן אַ פעלד. אַ רויטער סעמאַפאָר (סטרעלקע) האָט פאַרהאַלטן דעם צוג, ביז די ליניע וועט פריי ווערן.

הערשל האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט. ער איז אַראָפּגע־שפּרונגען פון דעם וואַגאָן־טרעפּל און האָט גענומען גיין מיט דער באַן־ליניע אויף צוריק.

נאָכן אָפּגיין עטלעכע קילאָמעטער איז ער אויפגעשפּרונגען פון שמחה, ווען ער האָט דערזען זיין וואַליזקע!

מיט דער וואַליזקע אין האַנט האָט הערשל גענומען שפּרייזן מיט פעסטע טריט אין דער ריכטונג פון גרויסוואַרדיין. ער איז פאַרביי־געגאַנגען עטלעכע קליינע סטאַנציעס אויפן וועג. די באַנען זיינען ניט געפאָרן רעגלמעסיק און עס האָט אים גענומען עטלעכע טעג ביז ער האָט זיך דערשלעפּט צו גרויסוואַרדיין. דאָ האָבן געוואַרט אויף דער באַן אַ היבשער געזעמל פּליטים.

הערשל האָט שוין געהאַלטן ביים איינשטייגן אין דער באַן, ווען אימיצער האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט. „הערשל! דו טאָרסט ניט פאָרן קיין בוקאַרעסט!" האָט אים דער יונגערמאַן צוריקגעהאַלטן.

ס'איז געווען הערשל'ס אַ חבר פון בוקאַרעסט. ער איז אָקאָרשט געקומען פון דאָרטן און האָט אים דערציילט, אַז די רוסישע „ענקאַ־ווערע" (געהיים פּאָליציי) וואַרט אויף אים בײַ זיין וואוינונג טאָג און נאַכט. עטלעכע פּרומע אַקטיווע יונגעלייט זיינען שוין אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אַלס „געהיימע אַגענטן" וואָס אַרבעטן קעגן דער סאָוויעטישער מאַכט. די רוסן האָבן גענומען איינפירן קאָמוניסטישע רעזשימען אין רומעניע און אין אַנדערע לענדער וואָס די רויטע אַרמיי האָט „באַפרייט" פון די דייטשן, און די „ענקאַווערע" האָט אָנגעהויבן צו פאַרשיקן יעדן איינעם קעגן וועמען זיי האָבן געהאַט דעם מינדסטן פאַרדאַכט...

הערשל האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. „עס כאַפּט מיך אָן אַ שווינדער צו טראַכטן, וואָס עס וואָלט מיט מיר פּאַסירט ווען דו וואָלסט מיך דאָ ניט געטראָפן אין דעם מאָמענט... ווען ניט די וואַליזקע, וואָלט איך שוין איצט געווען בײַ זיי אין די הענט..."

„כ'פאַרשטיי ניט וואָס דו רעדסט. וואָס פאַרא וואַליזקע? וואָס האָט די וואַליזקע צו טאָן דערמיט?"

„אָט די דאָזיקע וואַליזקע, מיט די תפילין״, האָט הערשל געענט־פערט. „קום, איך וועל דיר דערציילן״.

זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין וואַרט־זאַל און האָבן זיך געזעצט אויף אַ זייטיקער באַנק. הערשל האָט אים דערציילט ווי אַזוי פאַרנדיק קיין בוקאַרעסט מיט אַ גרופּע קינדער איז אים די וואַליזקע מיט די תפילין אַרויסגעפאַלן פון פענצטער, און ווי אַזוי ער האָט זיך צוליב דעם פאַר־שפּעטיקט אויף עטלעכע טעג... „איך בין זיכער, אַז דער זכות פון די תפילין איז מיר ביייגעשטאַנען און האָט מיך ממש געראַטעוועט״, האָט ער פאַרענדיקט.

עס איז געווען קענטיק, אַז די געשיכטע האָט אויף דעם יונגנמאַן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע און דאַן מיט אַביסל פאַרלעגנהייט געזאָגט: „הערשל, איך האָב נאָך היינט ניט געלייגט קיין תפילין. וועסטו מיר דערלויבן צו לייגן דיינע תפילין?״

„מיטן גרעסטן פאַרגעניגן!״ האָט הערשל אויסגערופן. ער האָט אַרויסגענומען זיינע תפילין פון דער וואַליזקע, און אויך אַ קליין סידור׳ל און האָט עס דערלאַנגט דעם יונגנמאַן. „איך וועל באַלד זיין צוריק״, האָט ער געזאָגט צום חבר.

ווען הערשל איז צוריקגעקומען מיט אַ צען מינוט שפּעטער, האָבן זיך די טרערן אין דעם יונגנמאַנ׳ס אויגן נאָך ניט אויסגעטריקנט. מיט אַן אינערלעכע דאַנקבאַרקייט האָט ער הערשלען צוריקגעגעבן די תפילין און סידור׳ל. „איך וועל דיר זאָגן דעם אמת״, האָט ער געפונען פאַר נויטיק זיך מודה צו זיין, „אַז זינט די דייטשע מערדער האָבן מיך פאַר־שיקט אין קאָנצענטראַציע לאַגער, האָב איך קיין תפילין ניט געלייגט. די מערדער האָבן געוואָלט צעברעכן אויך אונזער גייסט דערמיט וואָס זיי האָבן צוגענומען אויך אונזערע תפילין. לײדער האָב איך זיך אָפּגע־וואוינט פון לייגן תפילין... אָבער פון היינט אָן, מעגסט זיין זיכער, אַז איך וועל שוין ניט פאַרפעלן צו לייגן תפילין אַלע טאָג...״

ביים שיידן זיך, האָט ער נאָך באַמערקט: „אַלץ איז השגחה פּרטית! דו האָסט געמיינט, אַז איך האָב דיך דאָ געדאַרפט באַגעגענען, כדי צו

ראַטעווען דיין לעבן; ווייזט אויס, אַז איך האָב דיך געדאַרפט באַגע־
גענען כדי צו ראַטעווען אויך זיך אַליין..."

* * *

הערשל (ר' צבי ש.) לעבט היינט אין אַמעריקע. ער איז אַן אָנגע־
זעענער איד, אַ געשעפטסמאַן, אַ בעל־צדקה. ווי אַנדערע פון דער
שארית־הפליטה פון דעם חורבן, איז אים שווער צו ריידן וועגן זיינע
איבערלעבונגען אין יענע גרויליקע יאָרן. אָבער וועגן דעם ווי דער זכות
פון די תפילין איז אים בייגעשטאַנען — דאָס דערציילט ער גערן. „זאָלן
אידן וויסן ווי טייער צו האַלטן די מצוה פון לייגן תפילין אַלע טאָג,
בפרט אַז מ'קען דאָס טאָן אַזוי לייכט, אָן קיין מסירת־נפש!"

דער באַגנעט אין גולם׳ס קבר

ר׳ חיים, דער שמש פון דער „אַלט־ניי״ שול אין פּראַג, דעם מהר״ל׳ס שול, פלעגט איינמאָל אַ חודש אַרויפגיין אויפן בוידעם פון דער שול מיט אַ קאַרב שמות, אָפּגעניצטע טליתים, רצועות און תפילין, אד״ג, וואָס אידן פלעגן ברענגען אין שול. מיט גרויס יראת־הכבוד פלעגט ער צוגיין צום ריינעם אָרט, וואו, אונטער אַ באַרג שמות און אָפּגעניצטע תשמישי־קדושה, אַרומגעצאַמט מיט אַ קייט, וואָס האָט גע־דינט אַלס אַ גדר (צוים), ס׳איז געלעגן די ערדישע איבערבלייבעניש פון דעם גולם, וואָס דער מהר״ל פון פּראַג האָט מיט אַרום 350 יאָר צוריק געשאַפן. לויט דער אַלטער תקנה פון דעם מהר״ל, האָט ער אויסגע־שאָטן די שמות אויף דעם קבר פון דעם גולם און דאַן איז ער אָפּגע־טראָטן אויף צוריק, און איז אַרויסגעגאַנגען.

יעדן מאָל וואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָט אים געוואונדערט, וואָס די קופּע שמות אויף דעם גולם׳ס קבר ווערט ניט גרעסער, ניט קוקנדיק וואָס יאָרן לאַנג האָט ער, און די שמשים פאַר אים, אויסגעליידיקט דאָרט אומצייליקע קערב שמות, און עס האָט שוין לאַנג געדאַרפט דערגרייכן ביזן דאַך. אַשטייגער ווי די שמות וואָלטן דאָרט כסדר איינגעשלונגען ווערן...

דעם לעצטן מאָל וואָס ר׳ חיים האָט אַרויפגעטראָגן שמות אויף דעם בוידעם פון דער שול איז געווען אין דעם יאָר 1939, אַ קורצע צייט איידער די נאַציס ימ״ש זיינען אַריין אין פּראַג.

די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ר׳ חיים דורכ־געמאַכט אין פאַרשידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ווען ער האָט על־פּי־נס איבערגעלעבט יענע שוידערלעכע יאָרן, און איז באַפרייט געוואָרן פון לאַגער, איז ער צוריקגעקומען אין פּראַג און איז באַלד אַוועק צו דער אַלט־ניי שול.

פון דרויסן האָט זיך גאָרניט געביטן, און ער האָט געהאַפט, אַז אויך אינעווייניק אין שול, האָבן די רוצחים גאָרניט געענדערט.

דער טשעכישער סטרוזש (שומר) איז נאָך געווען אויף זיין אָרט. ער האָט זיך דערפרייט צו זען ר׳ חיים׳ען אַ לעבעדיקן, כאָטש ער האָט אים קוים דערקענט. דער הויכער שמש, וואָס איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע אידן וועלכע פלעגן דאַוונען אין שול, איז געווען אַ ביסל איינגעבויגן, די ברייטע פּלייצעס זיינען געווען אַביסל איינגעשרומפּט, און די באַקן איינגעפאַלן. ס׳איז געווען אַ שאָטן פון דעם שמש פון „אַמאָל״, מיט פינף יאָר צוריק.

שווייגענדיק האָט דער סטרוזש גענומען די שליסלען פון שול און האָט געעפנט די שול פאַר אים.

ר׳ חיים האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער אַלטער שול וואָס איז אים געווען אַזוי גוט באַקאַנט. טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן, און זיינע ליפּן האָט געשעפּטשעט אַ שטילע תפילה, דאַנקנדיק דעם אויבערשטן וואָס ער האָט דערלעבט צו זען די הייליקע שול אַ גאַנצע. ער האָט באַלד באַמערקט צוויי ענדערונגען אין דער שול: די עלעקט-רישע באַלייכטונג און דעם צעמענטענעם דיל („פאָדלאָגע, „פלאָר״). דער סטרוזש האָט אים דערציילט, אַז דאָס האָבן די דייטשן איינגעפירט. זיי האָבן פאַרביטן די ליכט אין די הענג-לאָמפּן מיט עלעקטרישע לעמפּ-לעך און האָבן צעמענטירט די פאָדלאָגע. דאָן האָבן זיי אַריינגעבראַכט אידן פון די לאַגערן, געהייסן זיי אָנטאָן טליתים און האָבן גענומען בילדער פון דער „געפּאַקטער״ שול, צו ווייזן דער וועלט, אַז זיי, די דייטשע „אויבערמענטשן״ זיינען ניט די ווילדע באַרבאַרן ווי מ׳שטעלט זיי פאָר, נאָר „קולטורעלע״ מענטשן, וועלכע שוינען היסטאָרישע שולן און לאָזן אידן פריי דאַוונען, אד״ג. מיט דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע האָבן זיי געוואָלט באַרואיקן אַמעריקע און אַנדערע נייטראַלע לענדער, אַז זיי זאָלן זיך ניט אַריינמישן אין דער מלחמה.

ר׳ חיים איז געווען צופרידן וואָס אויסער די דערמאָנטע צוויי ענדערונגען איז די אַלט-נייַ שול געבליבן ווי געווען. ער האָט אָבער גע-האַט דעם געפיל, אַז דער גאַנצער בנין פון דער אַלטער שול איז אַביסל מער ווי געווײנלעך איינגעזונקען אין דער ערד.

„און וואָס טוט זיך אויבן?״ האָט ר׳ חיים געפרעגט דעם סטרוזש.

„קום, וועסטו זען״, האָט דער שומר געענטפערט.

זיי זיינען אַרויס אין פּירהויז, און דער סטרוזש האָט אויפגעשלאָסן די טיר, וואו די אַלטע שטיגן האָבן געפירט צום בוידעם.

ר׳ חיים איז צוגעגאַנגען צום גדר, איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע פאַר־טיפט אין געדאַנקען. דערנאָך האָט ער גענומען לאַנגזאַם אַרומשפּרייזן דעם ריינעם אָרט. פּלוצלונג איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער; זיינע דערשטוינטע אויגן זיינען געוועזן ווי צוגעשמידט צו עפּעס אין דער קופּע שמות. עס האָט זיך אים ניט געגלויבט, אַז דאָס וואָס ער זעט איז טאַקע באמת דאָס הענטל פון אַ באַגנעט, וואָס האָט אַרויס־געשטעקט פון די שמות צוזאַמען מיט אַ טייל פון דעם שאַרף!

„וואָס איז דאָס?״ האָט ער אויסגערופן מיט אַ הייזעריקן קול.

„אַה, דאָס איז אַ שיינע געשיכטע״, האָט דער סטרוזש געענטפערט, ווי ער וואָלט זיך געריכטעט אויף דער פראַגע. און ער האָט גענומען אויפקלערן די געהיימניס:

„אויף מאָרגן ווי די דייטשן זיינען אַריין אין פּראַג, קומען צו מיר צוגיין צוויי דייטשע גענעראַלן, באַגלייט פון עטלעכע באַוואָפנטע סאָל־דאַטן. דער עלטערער פון די גענעראַלן זאָגט צו מיר: ,מיר האָבן גע־הערט וועגן דער לעגענדע פונם גולם: איז אמת, אַז דער גולם ליגט אויפן בוידעם פון דער סינאַגאָגע?׳

„איך האָב זיי געענטפערט, אַז די געשיכטע וועגן גולם איז ניט קיין ,לעגענדע׳, און אַז דער גולם ליגט טאַקע אויף דעם בוידעם פון דער שול.

„,פיר אונז אַרויף אויפן בוידעם!׳ גיבן זיי מיר אַ שטרענגן באַפעל.

„איך האָב זיי אַרויפגעפירט אויפן בוידעם.

„,וואו איז דער גולם?׳ פרעגן זיי.

„איך וויַיז זיי אָן אויף דעם ריינעם אָרט. ,דאָרטן...׳

„די גענעראַלן זיינען צוגעגאַנגען נעענטער און זיינען געוועזן אַנ־טוישט. ‚דאָ איז דאָך בלויז אַ באַרג שמוץ!‘ רופט אויס דער אינגערער גענעראַל מיט כעס.

„‚באַהיט ג־ט דאָס איז ניט ‚שמוץ‘, נאָר הייליקע ‚שיימעס‘ פון הייליקע ספרים. דער גולם ליגט אונטער די שיימעס...‘

„‚אַפּראַמען!‘ רופט ער אויס אומגעדולדיק.

„‚מיינע הערן‘, פּרואוו איך זיי אָפּריידן דערפון. ‚לויט אַ פאַר־אָרדענונג פון דעם הייליקן ראַבינער, ‚דער האָהע ראַבינער לאָוועך‘, וואָס האָט דעם גולם געשאַפן, איז שטרענג פאַרבאָטן צוצורירן זיך צו דעם...‘

„דער אינגערער גענעראַל כאַפּט אַרויס זיין רעוואָלווער און שטעלט אים אָן אויף מיר, און באַפעלט מיך ווידער, ‚אַפּראַמען!‘

„‚איך ריר זיך ניט פון אָרט. ‚איך קען ניט... איך טאָר ניט...‘

„‚לאָז אים צורו‘, רופט זיך אָפּ דער עלטערער גענעראַל. דאַן האָט ער באַפוילן איינעם פון די סאָלדאַטן אָפּצוראַמען דעם אָרט מיט זיין באַגנעט.

„דער סאָלדאַט האָט אָן שהיות אַריינגעשטעקט דעם באַגנעט אין די קופּע שיימעס. אָבער פּלוצלונג איז דאָס געווער אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט, ער האָט זיך אַ וואַקל געגעבן און איז געפאַלן הינטערוויילעכץ אָן סימנים פון לעבן!

„די גענעראַלן זיינען פאַרציטערט געוואָרן און האָבן זיך שנעל אָפּגעטראָגן, און די סאָלדאַטן האָבן אַרויסגעטראָגן דעם קערפּער פון זייער חבר...

„פון דאַן אָן האָבן שוין קיינע דייטשן ניט געוואַגט אַרויפצוגיין אויפן בוידעם“, האָט דער סטרוזש פאַרענדיקט זיין שטוינענדע געשיכטע.

ר׳ חיים איז לאַנג ניט פאַרבליבן אין פּראָג. ער האָט שוין דאָרט ניט געהאַט וואָס צו טאָן. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען האָט ער זיך דערשלאָגן

קיין אַמעריקע. ער האָט מיט זיך געאָרניט געבראַכט, אויסער טרוקענע זכרונות פון יענע יאָרן, און פון דער בליענדיקער קהילה פון פראָג וואָס איז פאַר׳יתומ׳ט געוואָרן. אָבער פון אַלע אומפאַרגעסלעכע איבער־לעבונגען האָט זיך באַ אים ספּעציעל איינגעקריצט אין זכּרון דאָס אויסטערלישע בילד — וואָס איז אויך אַזוי סימבאָליש: דער דייטשער באַגנעט וואָס איז מאַכטלאָז געפאַלן אין קאַמף קעגן די הייליקע אידישע שמות און ליגט דאָרט באַגראָבן צווישן זיי, אויף דעם ריינעם אָרט פון דעם גולם, אויפן בוידעם פון דער אַלט־ניי שול אין פּראָג.

מקורות

אבותינו ספרו, **משה רבי, ירושלים תש״ל.**

חיי הצדיקים ופעלם, **ירושלים תרס״ג, ג׳ חלקים.**

טאָקס ענד טיילס, **מאָנאַטליכן העפט, רעדאַקטאָר ניסן מינדל, תש״ב־תשמ״ח.**

ליקוטי סיפורים, **הרב מ. פערלאוו, כפר חב״ד, תשכ״ח.**

לשמע אוזן, **ש. ז. דוכמאן, ברוקלין, ניו יורק, תשכ״ג.**

ספר המעשיות, **מרדכי בן יחזקאל, תל־אביב, תשכ״ה, ב׳ חלקים.**

צדיקים און חסידים, **שמואל ראָדשטיין, ניו יורק, תשי״א.**

שמועות וסיפורים, **רפאל נחמן הכהן, כפר חב״ד, תשכ״ד־תשל״ז, ג׳ חלקים.**

שמועסן מיט קינדער און יוגנד, **מאָנאַטליכן העפט, רעדאַקטאָר ניסן מינדל, תש״ב־תשמ״ח.**